# ארגינעלע
# יידישע ליטעראטור


EX LIBRIS LIMUWIAE
AMORE·MORE·ORE·RE·FIRMANTUR·AMICITIAE
LIT
A-57

Korp! Limuvia
192 a.
№ 2426
Tartus.

ד. קאפלאנאוויטש.

# שריפטען

KORPORATSIOON LIMUVIA TARTU. № 57

(צווייטע אויפלאגע)

פערלאג פראגרעס
ווארשע—נויארק

איבערזעצען אָהן דער ערלויבעניש פון אויטאר איז שטרענג פערוועהרט.
מיט אנפראגען זיך צו ווענדען צום פערלעגער, פאר דעם אויטאר

Copyright 1909 by J. Lidski Washington U. S. A.

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

# אינהאלט:

2426

I. פון שטעטיל:

אַ שטעדטיל . . . . . . . . . . . . . 5

די זונדיל'ס . . . . . . . . . . . . . 10

אַ הונדערטער . . . . . . . . . . . . . 22

אויף דאַטשע . . . . . . . . . . . . . 29

דער ערשטער בראָך . . . . . . . . . . . . . 39

דער אַיידעם . . . . . . . . . . . . . 44

שמואל=איצע . . . . . . . . . . . . . 50

אַלע מאַטערען זיך . . . . . . . . . . . . . 56

II. פערוועלקטע בלומען:

פון אומעט . . . . . . . . . . . . . 61

דעם איין מאָל . . . . . . . . . . . . . 67

אָהן אַנ'אויסוועג . . . . . . . . . . . . 75

באַנקראָט . . . . . . . . . . . . . 83

III. בילדער פון סיביר:

מיט'ן עטאַפּ . . . . . . . . . . . . . 91

טהיי אין וואלד . . . . . . . . . . . . 102

דער פּאָסט=טאָג . . . . . . . . . . . . . 108

זאַלבענאַנד . . . . . . . . . . . . . 115

# א שטעדטיל

Korp! Limuvia
57
192 a.
№ 2426
Tartus.

# אַ שטעדטיל.

(געווידמעט מעח טאַטש).

אויף מאָרגען נאָך סוכּות. די פֿאַריגע נאַכט איז אַ שניי געפֿאַלען; דער שניי איז צוגאַנגען און האָט אַ גרויסע בלאָטע געמאַכט. איצט גייט אַ דינער, אַ געדיכטער, אַ קרומער רעגען אויסגעמישט מיט אַ שטאַרקען, אַ שניידענדען ווינד. גאַנץ אָפֿט לאָזט דער ווינד אַ שוידערהאַפֿטען פֿײַף אַרויס און צוזאַמען מיט'ן רעגען צעשפּילען זיי דעם אויבער-בגד און וואַרפֿען איך כמעט בכּוח אין דער שיטערער בלאָטע אַרײַן. דעם גלח'ס סאָד, וואָס אין רעכטען מיטען שטעדטעל האָט זיך אַזוי מוראדיג צושאָקעלט, צושוימעט, דאָס עס דוכט זיך, אַז אָט-אָט רײַסען זיך אַרויס אַלע בוימער מיט די וואָרצלען און בעפֿאַלען איך ווי שכּור'ע פּויערים... פֿון אַלע זײַטען פֿליהען געלע אָבגעלעבטע בלעטער און אַרום שמעקט מיט פֿוילניס און מיט טויט...

דאָרט אין דער קליינער הײַזעל אונטער דעם שטרויענעם דאַך וואוינט משה זעלדעס, אַ ייד אָהן איין בעשטימטער מלאכה, אַזוינער, וואָס לעבט פֿון ווינד, און אַלץ איז איהם אַ האַנד... ווען משה האָט זיך גאַנץ פֿריה אויפֿגעהאַפּט און האָט זיך איבערצייגט, וואו ער איז אין דער וועלט, וואָס מיט איהם טהוט זיך אַזוינס און וואָס פֿאַר אַ טאָג עס קומט אָן פֿאַר איהם, האָט זיך איהם אַזוי ניט געוואָלט אויפֿשטעהן, ווי איינער וויל ניט שטאַרבען... ער האָט זיך אין דער ווײַלע דערמאָהנט אָן דעם נעכטיגען טאָג, ווען ער האָט מיט אַזאַ השק און התפּעלות געטאַנצט בײַם רבּ אין שטיב מיט די שענסטע בעלי-בתּים, ווי דאָס ווײַב, האָטש זי האָט איהם אַלץ אַהיים גערופֿען, האָט פֿונדעסטוועגען געשײַנט פֿאַר נחת, ווי דער קאָפּ איז בײַ איהם געוועזען רידוג און אין אַלע אבֿרים וואַרעם, און משה האָט בשום אופֿן ניט געקענט פֿערשטעהן: וואָס וואָלט דאָס אין דער אמת'ן גאָט געאַרט, אַז אַ גאַנץ יאָהר וואָלט שמחת-תּורה געוועזען... ער האָט זיך איינינע מאָהל מיט אַ טיעפֿען זיפֿץ אויף זײַן געלעגער אַ בערגעדרעהט און איז אויסגעשטאַנען נאָך סוכּות...

אין שטוב איז קאַלטלעך און ס'הילכט זיך, אַז זי איז גאָר פֿיל גרעסער געוואָרען, ווי געוועהנליך; דאָס ווייב קרעכצט היינט פֿיל שטאַרקער, פֿיל טרויעריגער, ווייל אין אַ נאַסען וועטער הייבען איהר אָן די פֿיס דרעהען, ברעכען, אַז זי געפֿינט זיך קיין אָרט ניט; דודקע, אַ בלייכער בחור'ל פֿון אַ יאָהר פֿופֿצעהן, דאַרף היינט פֿאָהרען אין דער ישיבה לערנען, ווערען אַ מענש... און דעריבער פֿאַרריכט ער איצטער זיין „קעסטיל"... משה ווייס גאַנץ גוט, אַז ער דאַרף היינט האָבען היבשע עטליכע רובל: מ'דאַרף דעם בחור אויסריכטען, מ'מוז היינט דעם אייווען האָטש עטוואָס „פֿאַרלעפּען" ס'זאָל ניט אַזוי רויכערען אין שטוב, מ'מוז... מאַלע וואָס מ'מוז, וואָס מ'דאַרף אין אַ בעל־הבית'שקייט"... ער שטעהט אימעדיג ביים פֿענסטער און טראַכט, ווי גרויס דעם מענשענס בעדערפֿנישען זענען, אַז ער אַליין איז אויך אַ גרויסער בעל־הוצאה, אַז אין אַ געזינדעלע איז אַ רובל קיין געלד ניט, און וואו פֿערדינט מען איהם איצט — אַזאַ בלאָטע אין דרויסען!..

איבער'ן גאַס, אַנטקעגען משה זעלדעס ביי פֿרומע די אַלמנה אין שכנות, וואוינט הענעך דער מלמד, אַ לאַנגער, אַ דאַרער יוד מיט אַן אויסגעבויגענעם רוקען. אויפֿ'ן קאָפּ טראָגט ער איצט זיין שבת'דיגע סאַמעטענע היטעל און זעהט אויס פֿון ווייטען ווי אַן אָרימער מחותן נאָך אַ שווערער קרענק... הענעך הייבט זיך אויף פֿון זיין טאַבורעטקע מיט דער ווייכער קישעלע, טוט אַ שמעק טאַבאַק מיט ביידע נאָזלעכער, קנאַקט אויס אַלע פֿינגער פֿון זיינע האָריגע הענד און זאָגט סתם אין דער וועלט אַריין: ניט פּריה וויזט אויס — ס'ציהט אין האַרצען, אַנ'אימה... די ווייב זידט אויפֿ'ן קיך צוקאָריגע און שרייט הענעכ'ען, ער זאָל דערווייל אויפּעסען די שמיקעל חלה, וואָס איז פֿון יום טוב געבליבען...

אין ווינקעל ביים נאַסען פֿענסטער זיצט אַ גראָבע, אַ בלאַדע, אַנ'אַלטע מויד און קלאַפּט אויף אַ זאָקען־מאַשין. זי שטעלט זיך אָב אויך אַ ווײַלע און שילט איהר שווערען מזל מיט דער מאַשין צוזאַמען: די מאַשין איז קאַליע, די נאָדלען ברעכען זיך, פֿאַרדינסטען איז ניטאָ ביי וועמען, און אין דרויסען איז אַזאַ גוס, אַזאַ שלאַקס רעגען...

פֿון דער ווייטענס זעהט זיך אַ נידעריג שטיבעל אָבגעווייסט מיט קאַלך אָהן שויבען אין די פֿענסטער. דאָרט וואוינט וועלפֿקע דער שניידער.

וועלפֿקע האָט זיך נעכטען לכּבוד יום טוב שטאַרק אָנגעשטורעמט און האָט דעם גאַנצען טאָג געזידעלט און געשאָלטען די „רײַכע" בעלי־בתּים פֿון שטעדטיל... און אָוונד, קומענדיג אַהײמטעל אַהײם, האָט ער די ערשטע זאַך דאָס ווײַב פֿון „זײַן" שטוב אַרויסגעטריבען — איהר פֿיס זאָל בײַ איהם ניט זײַן... וועלפֿקע אָבער האָט זיך מיט דעם אַלײן ניט בערוהיגט און האָט צעבראָכען אַלץ פֿון שטוב, אויסגעשלאָגען די שויבען פֿון אַלע פֿענסטער און ערשט דאַמאָלס איז ער געפֿאַלען, ווי אַ שטײן, און האָט זיך אויפֿגעהויבען שוין נאָך סכּות...

ער געהט איצט אַרום איבער'ן שטיב אָהן אַ קאַפּאָטע, זעצט זיך צו אַ ווײַלע, קוקט אַרויס דורך די אָפֿענע פֿענסטער און קלערט כּעס'דיג: וואָס האָט זי דאָרטען פֿערזעצט זיך אַזוי לאַנג בײַ איהר מאַמען, ווי אַ כּלה? וואָס קומט זי שוין ניט אַהײם? אַ גרויל גאָר — אָנגעריהרט איהר דעם האָנער...

און וועלפֿקעס ווײַב זיצט איצטער בײַ איהר אַלטען טאַטען, לײזער דעם פּירמאַן. לײזער איז פֿון נאַטור אַ שווײַגענדיגער מענש און האָט קײנמאָל ניט ליעב פֿרעגען: ווער? וואָס? די טאָכטער איז געקומען אַ פֿערווײנטע שפּעט אין אָוונד מיט אַ קלײן קינד אויף די הענד, האָט ער אַלײן פֿערשטאַנען, וואָס מ'מײנט... און האָט ווײַטער געשוויגען. די מאַמע אָבער ווײנט פֿון נעכטען אָן צוזאַמען מיט דער טאָכטער: זי בעשולדיגט זיך אַלײן פֿאַר דעם שידוך... „מ'דאַרף דאָך אָבער פֿאָרט געהן אַהײם" — זאָגט זי, און צעווײנט זיך אויפ'ן קול. „אַ גוטען טאָג" — הערט זיך דורך ביטערע טרערען...

בײַ חיים דעם סאָדאָווניק זיצט די גאַנצע געזינדט אַרום טיש און מ'עסט אָנבײַסען — מילכיגע גרויפּען. — אַבי זאַט, זאָגט חיים, אָבווישענדיג די וואָנצעס, גאָט זאָל נאָר העלפֿען עפּעס אויפ'ן נײַעם יאָהר מיט געזונד, מיט פּרנסה — אַ ייד דאַרף טאַקע אַ פּילע האָבען, אַ ייד איז ניט גלײַך צו „זײ" — ער קאָן ניט עסען אַבי וואָס, אַרויסגעהן אַבי ווי.

— אַ דאַנק גאָט טאַקע פֿאַר דער שטיקעל בהמה, ענטפֿערט מיט'ן גאַנצען האַרצען די בעל־הבּית'טע: איך אָהן אַ מילכיגס בין גאָר קײן מענש ניט און ווען איך זופּ ניט עפּעס פֿאַר'ן שלאָף, האָב איך ניט מיט וואָס דאָס קינד צו זויגען... וואָס מײנסטו, רעדט זי ווײַטער, אַנטקעגען לײַטען איז טאַקע ניט צו פֿערזינדיגען — מ'איז

פאַרט ניט פֿאַרשמאַכט, מ'עסט ניט קיין מיט-נישטע, און וויפֿיעל איז דאָס אַזוי אײַנגאַנצען פֿאַרהאַן בהמות בײַ אונז אין שטעדטיל...

אַביסעל אָן אַזײַט אין דער הויז מיט די לאָדען וואוינט דער היגער רב, אַ מענש אַ חלוש, אַ שוואַכער, קוים וואָס ער האַלט זיך. הערבסט האָט ער נעכטען אַנ'איבעריגען ביסען געהאַפּט און פֿילט זיך היינט גאָר ניט אײַנגאַנצען. ער זיצט בײַ זיך אויפֿ'ן קאָנאַפּע אין זײַן אַלטען שלאָפֿראָק און מיט איין קרענקליכען קול בעט ער זיך בײַ מגיד, ער זאָל איהם היינט צורוה לאָזען, אַז אין אַזאַ שלעכטען וועטער וויל קיינער איבער'ן שטעדטעל ניט געהן, אַז ער האָט היינט קיין כח ניט פֿיעל צו רייִדען. דער מגיד צושרייט זיך, אַז אין אַ רעגען ווילען זײַן ווײַב און קינדער אויך עסען, אַז ווייניגער ווי פֿינף רובל וועט ער פֿאַר ביידע דרשות ניט נעהמען. דער רב טענה'ט מיט די לעצטע כחות, אַז די שטעדטיל איז איצטער זעהר געדריקט, אַז ס'איז פּראָסט ניטאָ, פֿון וועמען צו נעהמען, אַז מ'האָט זיי אַליין געדאַרפֿט געבען... און ער בעט דעם מגיד, ער זאָל צום גבאי געהן.

און דער גבאי געהט איצט אַרום איבער'ן שטוב, גלעט זײַן שפּיציג בערדיל, שפּײַט אין דער ווײַטענס און טענה'ט מיט זײַן זעכצעהן יאָהריגער טאָכטער: וואָס האָסט דו זיך, זאָג מיר, אַזוי צוויינט, צוקלאָגט? וואָס מיינסט דו, איז שוין דאָרטען אין דער גרויסער שטאָדט? דו קלערסט, רעדט ער ווײַטער, אַז דײַן טאַטע איז אַנ'אמת'ער מיליאָנער, אַז געלד שמידט זיך בײַ איהם אָן וויפֿיעל ער וויל נאָר. ניט צופֿערזינדיגען, איך קלאָג זיך ניט חלילה. אָבער קען מען דאָס דען אַלע קינדער האַלטען אין גרויסע שטעדט?! מ'וועט דאָך חלילה אָנוועצערס בלײַבען, איבער דער וועלט אַוועקגעהן. אפֿשר אויף זומער, מײַן טאָכטער, גאָט וועט העלפֿען וועל איך דיר ניט זשאַלעווען, דערווײַל אָבער, גלויב דײַן טאַטען, אַז איהם איז שווער צושלעפּען אויף זיך אַזאַ יאָך... דאָס מיידעל בעט זיך חורך טרעהרען, אַז קיין לעדערער וועט איהר אין שטאָדט ניט קאָסטען, עסען וועט זי אַבי וואָס, ווי ס'מאַכט זיך, און צעווייינט זיך נאָך שטאַרקער זעהענדיג, אַז ס'איז שוין גאָר קיין האָפֿנונג ניט געבליבען אַרויס רײַסען זיך פֿון דער היגער בלאָטע, פֿון די פֿינסטערע טרויעריגע נעכט...

אָט איז דער צײַט קראָמען. בײַ יאָסלען אין קראָם שטעהט

א גרויסער, א רויטער שייגעץ אין „דינגט" פאר א קאפיקע א שפּיצען-
ציגאר.

יאסעל מאטערט זיך איהם איינרעדען, אז איצט איז סחורה בכלל טייערער, אז ביליגער וועט ער ערגעץ ניט קויפען. דער שיי-געץ אבער ענטפערט מיט כעס: איך האב, פערשטעהסטו מיר, געדינט אין סאלדאטען און ניט אזוי גיך וועסטו מיר אבנארען...

פייטיל, דער צווייטער קרעמער, הארכט אויס מיט קאפ, וואס ס'טהוט זיך ביי יאסלען און ווארט מיט אונגעדולד אויפ'ן „כוהר": חופען איהם פאסט עפעס ניט...

פריידע די קרעמערין מעסט א גוי'ע וויס-ציג אויף תכריכים פאר איהר געשטארבענעם „מאנדריע" און מאכט מיט די ליפען פון איהר פרום פנים: „אויף איהר בלייבענעס", אויף איהר בליי-בענים...

דער ווינדט איז עטוואס שטילער געווארען און דער רעגען גיסט מיט אזא רוהיגקייט, תמ'עוואטעקייט, ווי ער וואלט זיך א נדר געגעבען אנגיסען אין שטעדטיל ביז די סאמע דעכער...

אין גאס איז א טויטע שטילקייט און זעלטען געהט דורך א פערוויקעלטער מענש. פון יענעם עק שטעדטיל הערט זיך, ווי א קוה שרייט מיט עפיס א מאדנעם א ווילדען געשריי, מיט א קול פון א משוגענעם מענשען להבדיל... פון הינטער דער אלטער געמויערטער קרעטשמע בעווייזט זיך עפיס אזוי ווי א פערד, דער-נאך — א גויד: ארעמעלייט פאהרען פון דריפעשאק... הינטער'ן וואגען געהט נאך א הינקעדיגער, א שווארצער בחור מיט א קא-פערינקע אויף די פלייצעם און האלט אין דער לינקער האנד א קעסטעלע מיט פייגעלעך... אט לויפט מאטע דער קירזנער, א שמאלער, א בלייכער יוד מיט א דערשראקען פנים זוכען א מנין אויף תהלים זאגען: דאס ווייב זיינע געהט צו קינד שוין דעם צווייטען מעת-לעת...

ביי הענעך דעם מלמד לערנען היינט די קינדער „א האלבען טאג", און דורך די פענסטער הערט זיך גאנץ ווייט: בראשית — פון אנפאנג, ברא — האט ער בעשאפען... תהו—ובהו — וויסט און לעער...

# די זונדיל'ס.

# די זונדיל'ס.

מאַטע-לייב איז אַ ייד אַנ'איינגעפֿינדרעוועטער בעל-הבית מיט אַנ'אייגענער הויז אין רעכטען מאַרק, מיט אַ קלייט צווישען די קראָמען, מיט פֿעלדער אין אַרענדע, מיט זיהן און מיט טעכטער. אַ געבאָרענער איז מאַטע-לייב טאַקי פֿון דעמזעלבען שטעדטיל, וואו ער וואוינט איצט, און התונה געהאַט האָט ער אויך פֿון דעם אייגענעם שטעדטעל.

בײדע — סײ ער אַלײן, סײ דאָס װײַב זײַנס — זענען גרױסע בעלי-משפּחות, און כמעט אַלע קרובים פֿון בײדענס פֿאַמיליעס װאױנען אױך אין דעם זעלבען שטעדטיל, װאו נאָך װײַטערע טאַטעס און זײדעס זענען געבאָרען געװאָרען, התונה געהאַט, פֿערלאָרען געװאָרען און גאַנץ גרױסע דורות נאָך זיך איבערגעלאָזען.

אַזוי אין אַ מיטענוואָך, אין אַ פּראָסטען, געוועהנליכען טאָג, האָט מאַטע-לייב, ווי אַלע איבריגע קרובים, ניט ליעב געהאַט צעהלען די נפשות פֿון זיין משפּחה און ער פֿלעגט שטאַרק ברוגז ווערען, ווען אפילו עמיצער אַנ'אַנדערער האָט גענומען בע'חשבונ'ען זיי. דערפֿאַר אָבער יום-טוב אָדער אַזוי אויף אַ שטיקעל שמחה, מאַטע-לייב נעהמט אַ ביסעל בראַנפֿען און ווערט באַלד אַנ'איבערגעביטענער — אַ פֿרעהליכער מיט רויטליכע באַקען און מיט טרעהרען, דאָס רוב, אין די אויגען — שרייט ער דאַמאָלסט פּלוצלינג אויס גאווה'דיג: „מיר זענען — איהר הערט, רבותי? מיר זענען — שבעים נפש!..“ אָט די אַלע „שבעים נפש“ צוזאַמען האָבען זיך אָנגערופֿען אויף דעם נאָמען פֿון זייערען עפּיס אַנ'עלטער-זיידען, אַ שעהנעם יודען — „די זונדיל'ס“.

און האָטש קיין גרויסע גבירים זענען די זונדילס קיין מאָל ניט געוועזען און אַפילו ביי זיי אין שטעדטעל האָבען זיך אויך געפֿונען פֿיעל מיט גרעסערע עשירות, מיט שעהנערע הייזער — דאָך האָבען אַלע חורבאָים מקנא געוועזען נור די זונדיל'ס אַליין און מעהר קיינעם ניט, און יעדערען פֿון די שטעטילשע האָט פֿאַר זיך אַזוי ווי פֿערדראָסען, וואָס ער האָט ניט עפּיס אַ שטיקעל צוטריט, אַ שטיקעל ייחוס צו די זונדיל'ס...

— וואָס איז פון די רײַכקײט, — זאָגען דאָס רוב די שטעדטילשע אײנוואוינער מיט גרויס ביטול: מ'קאָן ניט אָבלײקענען — געלד איז טאַקי געלד, אַ בעסער לעבען איז טאַקי בעסער — דאָס איז אַלץ אמת. אָבער ערשטענס איז אין עשירות קײן מאָל קײן גענוג און קײן שיעור ניטאָ: וויפיעל מ'האָט וויל מען אַלץ נאָך און נאָך, און נאָך... און דערצו איז טאַקי, וואָס מיט געלד אַליין לעבט מען ניט: צו געלד דאַרף מען נאָך ערשט האָבען מענשען... אָט נעהמט, למשל, טאַקי די זונדיל'ס — ענדיגט כמעט יעדערער שטענדיג דעם שמועס: זיי זענען דאָך אין דער אמת'ן ניט קײן מיליאָנערען — צו אמת'ע גבירים אַפילו פעהלט זיי נאָך אויך אַ היבש ביסעל — און קוקט זיך צו צו זייער לעבען: שטענדיג צווישען אײגענע, שטענדיג ניט עלענד — ס'איז פאַרהאַן מיט וועמען זיך צו פרעהען און אַז מ'דאַרף חלילה וויינען — איז אויך בעסער, אַז ניט אַליין...

און עפּיס גאָר אַליין ניט וויסענדיג דייטליך פאַר וואָס, האָבען אַלע שטעדטילשע גרויס רעספּעקט געהאַט צו דער מגושמ'דיגער משפחה, און ווען עמיצער פון זיי זאָגט אַרויס דעם נאָמען „די זונדיל'ס" פיהלט זיך בעת=מעשה, אַז דאָ רעדט זיך ניט וועגען עפּיס סתם אַ היים אָדער אַ האַצקעל, אַנ'עלענדער, אַנ'אַרײַנגעפאָהרענער קרעמעריל אָדער עפּיס אַנ'אָנגעקומענער נײַער אײדעמ'ל... נאָר אַלע פיהלען דערבײַ און פערשטעהען, אַז דאָס איז טאַקי אַ רעכטער „סלופּ", עפּיס אַ מין שבט מיט אַ גרויסער, אַ ברייטער דעה — מענשען, וואָס אָנהויבען זיך מיט זיי לוינט ניט און, פערקעהרט, אַרײַנפאַלען אין זייער משפחה — אדרבא ואדרבא...

קײן אמת'ע שונאים האָבען אַפילו די זונדיל'ס אין זייער שטעדטעל ניט געהאַט און קײן שלעכטס האָט זיי חלילה קײנער ניט געוואונשען. נאָר טיעף=טיעף בײַ זיך אין האַרצען האָט יעדערער דאָך געפיהלט עפּיס אַ אונצופרידענהײַט געגען זיי און שטענדיג האָט אַלעמען שטאַרק פערדראָסען, וואָס גאָר די שמחות, גאָר די פרעהליכקײט, גאָר דער נחת און גאָר דער כבוד איז דורכאויס נור בײַ זיי און ניט בײַ קײן אַנדערען. דאָס הייסט, אַלע האָבען טאַקי מודה געוועזען און גוט פערשטאַנען, אַז שולדיג אין דעם זענען ניט די זונדיל'ס, אַז דער אויבערשטער האָט זיי געגעבען — האָבען זיי און נעהמען בײַ קײנעם ניט אָב. אָבער צו גאָט קאָן מען דאָך קײן טענות ניט האָבען, ט איז מען פאָרט ביסלעכווייז אָנגעשטויסען אויף די זונדיל'ס...

און ס'איז טאַקי אין דער אמת'ן זעהר שווער געווען אַנעלענדען שטעדטילשען יודען זיך רוהיג צוקוקען צו די אָפטע שמחות ביי די זונדיל'ס, צו דער שטענדיגער פרעהליכקייט און היימליכקייט אין זייער פאַמיליען-לעבען און צו דער גרויסער „ראָלע", וואָס די זונדיל'ס האָבען געשפּיעלט אין דער קליינער וועלטעל פון דער שטעדטילשער סביבה.

— נאָר זיי וואָלטען זיך געהאַצקעט — רייסט זיך עפּיס גאָר ניט ווילענדיג אַרויס ביי אַ שטעדטילשער יודענע, ווען ביי די זונדיל'ס מאַכט זיך פּלוצלונג אַ שטיקעל שמחה'צקע: דאָס איז אַ פאַלק...

— זאָלען זיי טאַנצען ביז עס טאַנצט זיך — מאַכט אַ צווייטע מיט אַ וועהטאָג-שמייכעלע אויף אירע בלאַסע ליפּען: קיין זאַך איז ניט אייביג — אויף אַלץ אַ צייט...

— און איך בין שוין גאָר אַן אַנדער מענש — הויבט זיך אָב מיט אַ יסורים-ניגון אַ דריטע: איך פערגין דער גאַנצער וועלט! וואָרום וואָס, זאָג מיר, קאָן מיר העלפען דער מקנא זיין? גאָרנישט, נור אַ נאַר בלייבען...

— ווער איז דאָס מקנא? — האַפּען זיך באַלד אַרויס ביידע מיט איין מאָל די ערשטע צוויי: זאָלען זיי טאַנצען... ס'קומט נאָך צו רייד — אָט רעדט מען...

און די זונדיל'ס זענען טאַקי אויף אַן אמת שטענדיגע מחותנים געוועזען, שטענדיג זענען זיי פאַר אַ שמחה, אָדער נאָך אַ שמחה, אייביג גרייט מען זיך ביי זיי צו וואָס, אָדער מ'רוהט זיך אויס פון עפּיס. מאַכט איינער פון זיי התונה אַ טאָכטער — איז שוין ביי אַ צווייטען אַ זוהן אַ חתן געוואָרען, ביי אַ דריטען ווערט אַ אינגעל בר-מצוה, ביי נאָך איינעם רוקט זיך דערווייל אונטער אַ ברית, אָדער אַ בכור פּטר'ט דעם פּדיון, און פּלוצלונג, גאָר אין מיטען דערינען, קומט זיך עפּיס אַראָב אַ פערוואָרפענער, אַ לאַנג-פערגעסענער קרוב פון די ווייטעלענדער און ס'איז ווידער ביי די זונדיל'ס יום-טוב, ווידער פרעהליך — ווידער קלייבט זיך אויף די גאַנצע משפחה — מאַנסביילען, ווייבער, יונג און אַלט און מ'טאַנצט צוזאַמען „אַ בייגעלע", מ'קושט זיך און מ'לאַכט, מ'קושט זיך און מ'וויינט, מ'קושט זיך ווידער און מען ווינשט זיך דערביי, עס זאָלען זיין נור שמחות ביי יודען און זעהן זיך זאָל מען טאַקי אויך נור דורכאויס אויף שמחות...

— אַזוי ווי ביי פּויערים, להבדיל — ס'דיען זיך אָפּט שטילערהייט די זייטיגע מענשען — קיין בושה און קיין הרפה איז ביי זיי

נִיטאָ: יִידֶען מִיט בֶּערד און ס'אַרַא קוֹשֶענִיש מִיט וַוייבֶּער... דאָס אִיז אַ פֿאָלק — נִיט גֶעדאַכט זאָלֶען זַיי ווערֶען...

און דִי זוּנדִיל'ס זֶענֶען שוֹין אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינט גֶעווֶעזֶען צוּ זַייעֶרֶע אָפטֶע התונות און צוּ אַנדֶערֶע פֿאַמִילִיֶען־שמחות, דאָס זַיי האָבֶּען אִין דֶעם גאָר אַ בֶּעזוּנדֶער גֶעשמאַק גֶעפֿיהלט, אַ בֶּעזוּנדֶער טַעם, אָהן וועלכֶען זַיי אִיז שוֹין שווער גֶעוועֶן אוֹיסצוּקוּמֶען, און דִי גאַנצֶע משפחה זַייעֶרֶע האָט דֶערִיבֶּער גֶעהאַלטֶען אִין אֵיין מזווג־זוּגים זַיין, אִין אֵיין שידוּכים רֵיידֶען, און ווֶען ס'פּלֶעגֶען זִיךְ נוּר צוּזאַמֶענקלַייבֶּען עֶטלִיכֶע קרוֹבים אִינאֵיינֶעם, אִיז קֵיין אַנדֶערֶע רֵייד נִיט גֶעוועֶזֶען צווִישֶען זַיי, אוֹיסֶער: נדן, קֶעסט, „פֿוּן זִיךְ“ און „צוּ זִיךְ“... התונה האָבֶּען פֿלֶעגט מֶען בַּיי דִי זוּנדִיל'ס אַזוֹי יוּנג, אַז גאַנץ אָפֿט אִיז שווער גֶעווֶען צוּ אוּנטֶערשֵיידֶען פֿוּן אַ פֿאָטֶער בִּיז זַיין עֶלטֶערֶען זוּהן... פֿלֶעגט בַּיי זַייעֶרֶען אַ בחור'ל זִיךְ נוּר בֶּעווַייזֶען אַ סמן פֿוּן וואָנסֶען, האָבֶּען שוֹין אַלֶע קרוֹבים אוֹיף אִיהם גֶעקוּקט ווִי אוֹיף אַ גרוֹיסֶען „בעל-עבירה“ און דִי גאַנצֶע משפחה האָט שוֹין גֶעזאָרגט, עֶר זאָל זִיךְ נִיט „אַרוּמדרֶעהֶען“ סתם אַזוֹי אִין דֶער וועֶלט אַרַיין, עֶר זאָל נִיט שטֶערֶען אַ צווַייטֶען אִין אִיבֶּערהוֹיפּט — עֶר זאָל חלילה נִיט אָבהאַלטֶען דִי ראָה, וואָס דרֶעהט זִיךְ אַזוֹי גֶעשווִינד שוֹין כמה וכמה יאָהרֶען... ווֶען זַייעֶרס אַ מֵיידֶעל האָט זִיךְ אָנגֶעהוֹיבֶּען פֿעֶרפֿלֶעכטֶען אַ צאָפּ, אָנטהוּן אַ לֶענגֶערֶע קלֵייד און שֶעמֶען זִיךְ פֿאַר מאַנסבִּילֶען, האָט שוֹין דִי פֿאַמִילִיֶע גֶעזֶעהן אִין אִיהר אַ „פֿאַרטִיגֶע זאַך“ און אַלֶע האָבֶּען דוּרכאוֹיס עֶפּיס ווִי מוֹרא גֶעהאַט זִי זאָל חלילה נִיט פֿעֶרזֶעסֶען ווֶערֶען, דאָס מֵיידֶעל זאָל דֶער גאַנצֶער משפחה דִי אוֹיגֶען נִיט פֿעֶרשוואַרצֶען, זִי זאָל קֵיין לַייטִישֶע גֶעלֶעכטֶער נִיט אָנמאַכֶען און זאָל קֵיין שוֹנאים חלילה נִיט דֶערפֿרֶעהֶען...

— אַנ'עֶלטֶערֶע מֵיידֶעל טאָר מֶען אִין אַ שטוּב לאַנג נִיט האַלטֶען, — פֿלֶעגט שטֶענדִיג טענה'ן ברוּךְ־מֶענדֶע, אֵיינֶער פֿוּן דִי השובֿסטֶע קרוֹבים אִין דֶער פֿאַמִילִיֶע: אַ מֵיידֶעל אִין יאָהרֶען — עֶנדִיגט עֶר אַלֶע מאָל אוֹיף זַיין הוֹיכֶער און שרַייֶענדִיגֶער שטִים — אִיז פֿיעל מסוּכּנ'דִיגֶער אִין שטוּב צוּ האַלטֶען, ווִי פֿאַלשֶע אַסִיגנאַציֶעס...

אָט אַזוֹי האָט אַלֶץ אִין דֶער דאָזִיגֶער גרוֹיסֶער משפחה גֶעלֶעבּט, גֶעשטֶעהֶעמט און גֶעוואַקסֶען אִין אַנ'אַטמאָספֿעֶרֶע פֿוּן „מזל־שטאַרק גֶעהֶערט זִיךְ עֶפּיס אַ מאָדנֶער, גאָר אַ בֶּעזוּנדֶער רֵיח —

אריה פון נשואין, אריה פון קינפעט, אריה פון „לעקעך און בראנפען"... מיט אזא שטייגער: אין טעמפער צופרידענקייט, אין טומעלדיגער פרעהליכקייט און צניעות'דיגער הנאה — דאט זיך דורות־לאנג געלעבט די גאנצע משפחה און אזוי האט זיך אויך נוהג געוועזען מאטע־לייב, ווי איינער פון די אנגעזעהענסטע קרובים ביי די זונדילים. אויטאמאטיש טהוט אן מאטע־לייב דעם שבת'דיגען סורדוט זיינעם, צוקאמט מיט די פינגער זיין געדיכטע פערפלאנטערטע באָרד, פערוואַרפט רוהיג דעם איבער־בגד אויף די פלייצעס, ווישט אב זיינע פערגעלטע וואנסען מיט'ן רויטען נאז־טיכעל; זלאטע, דאס ווייב זיינס, שטעהט שוין דאס רוב פארטיג אנגעטהון אין איהרע לאנגע גאלדענע אויער־רינגלעך, די קאפ־טיכעל פערלעגט זי קאקעטיש הינטער די אויערען, דעקט זיך אריבער פרום מיט א פאטשיילע פון אויבען, און זיי געהען זיך ביידע פאמעליך, געלאסען צום בעל־שמחה און אויף זייערע ביידענס ליפען איז שוין אנגעגרייט דער גאנצער בעקאנטער נוסח: „איהר זאלט האבען פון זיי נחת, איהר זאלט דערלעבען ביז דער מינדעסטער, מ'זאל געהן אויף שמחות, ס'זאלען זיין שמחות ביי יודען..."

און געדוכט האט זיך אלעמען, אז אין דער דאזיגער איינגער משפחה וועט אלץ אייביג פערבלייבען, ווי געוועזען, אז קיין זאך וועט זיך דא ביי זיי קיינמאל ניט אומענדערען, קיינמאל ניט איבער־אנדערשען — אזוי פעסט האט עס פון דערווייטענס אויסגעזעהן. און מ'איז טאקי אין דער אמת'ן שווער געוועזען אויסצוטראכטען אזוינס, וואס זאל בכח זיין א טרייסעל טהון די פעסטע יסודות פון זייער אייביגען מזל־טוב־לעבען. איך מאטע־לייב איז שטארק זיכער, געזעהן, אז ער וועט נאך אויף אזא אופן זיין ביסעל יאהרען אויסלעבען און אז דעם זעלבען סדר וועט ער נאך געוויס די קינדער זיינע בירושה איבערלאזען.

אבער וואס אלע האבען געהאלטען פאר אוממעגליך איז ענדליך פארט געשעהען: פריידעל, מאטע־לייב'ס די מיטעלסטע טאכטער, וויל בשום אופן ניט התונה האבען.

אייגענטליך האט פריידעל קיינעם ניט געזאגט, אז זי רעכענט קיינמאל ניט התונה האבען, אז זי וויל ניט אנדערש אייביג א מיידעל בלייבען. נאר עפיס קען מען קיינמאל ביי איהר קיין טאלק ניט דערגעהן, עפיס לענט זי אלץ אב פון איין מאל אויפ'ן צווי־

מען געהט ארום שעה'ן לאנג איינע אליין וויט־וויט הינטער'ן שטעדטעל און לייענט דורכאויס עפּיס א ביכעל...

— דאס האט אלץ דער שווארצינקער לעהרער אין די ברי־לען אנגעמאכט — רייסט זיך ארויס מיט א זיפץ ביי זלאטען, ווען פריידעל נעהמט ווידער אמאל דאס ביכעל אין האנד און לאזט זיך געהן א פּעראמערטע שפּאצירען: וואלט ער העכד און פיס בעסער צובראכען, איידער ער איז אהער צו אונז אין שטעדטעל געקומען...

— גאס דארפסטו שילטען א פרעמדען מענשען — מאכט מא־מע־לייב מיט א רוהיג־מיושב'דיגען קול: אפשר איז ער גאר ניט שולדיג — ווער ווייס?... און דו — ענדיגט ער מיט זיין געוועהנליכער קאלטקייט — דארפסט זיך דערפון גאר די הארץ ניט אבעסען: זאל זי שפּאצירען — יעדער האט זיך זיין משוגעת...

אז פריידעל קעהרט זיך אום פון שפּאציר, געהט זי באלד אין א בעזונדער חדר אריין. זי לאזט זיך אראב אויף א טאבורעטקע ביים טישעל, שפּארט אונטער דעם קאפּ אויף איהר ווייסער דיקער האנד, און ניט בעוועגענדיג מיט א גליעד, זיצט זי אב אזוי גאנצע שעה'ן — אפילו און עסען פערגעסט זי... און פערנומען זענען איהרע געדאנקען שטענדיג מיט דעם, אז דא ביי זיי אין שטעדטיל ווייס קיינער ניט פון אמת'ע ליעבע, אז דא איז גאר קיין מענש ניטא, וועמען ליעב צו קריגען און קיינער וועט איהר גאר ניט פערשטעהן אז דא אין שטעדטיל האט מען נור התונה, און אזוי שטארבט מען אוועק, גאר קיינמאל ניט ליעבענדיג... און אזוי שטארק פערפילט זיך דאמאלס פריידלען אנטלויפען פון איהר פינסטערער, בלאטיגער שטעדטיל, ארויסרייסען זיך פון איהר גרויסער צופריעדענער משפּחה, ניט אנקוקען מעהר די חתונה־פּנימ'ער פון איהרע פיעל מעוברת'ע מוהמעס, ניט זעהן מעהר, ווי ס'וואקסען, ווי ס'האדעווען זיך און ווערען ביסלעכווייז צייטיג פרישע מיידלעך פאר נייע פעטערס און ניט עטהמען מיט דער שטיקענדער לופט פון שטענדיגער מחותנ'שאפט, אז יעדעס מאל בעגיסט זי זיך מיט א גאנצען קוואל ווארימע טרעהרען... אז די מאמע געהט באלד אריין צו פריידלען אין צימער און הויבט אן טענה'ן מיט איהר, אז זי ווערט שוין אויס ווי אנ'אמת'ע „שטשעפּקע", אז א שעהנערע לעגט מען אין קבר אריין, אז זי ליגט שוין ביי אלעמען אין די מיילער און גאנץ שטעדטעל איז מיט איהר אויף, אז די אייגענע פאמיליע האט

איך שטארק פעראיבעל אין זיי הייסען באלד א שידוך טהון —
צואוויינט זיך באלד פריידעל ווי א קליין קינד און בעט זיך חרוך
טרעהרען: „לאז מיך, מאמע, אוועקפאהרען, טרייב מיך ארויס...“
זלאטע בלייבט שטעהן, ווי צוטומעלט, ניט וויסענדיג, וואס
איהר צו ענטפערען, און געהט פאמעלעך ארויס מיט גארנישט,
אויסער א צובראכענעם געמיטה. אויף עטליכע טעג ווערט זלאטע
איינגאנצען אנשוויגען און אין שטוב ביי זיי איז ווידער שטיל, רוהיג,
ווי אלץ וואלט אין דער בעסטער ארדנונג געוועזען. ווי געוועהנליך
געהט מאטע־לייב מיט דער ווייב גאנץ אפט אויף שמחות, מ'קושט
זיך, מ'ווינשט זיך, מ'טאנצט צוזאמען א ביגעלע און ס'זעהט אויס
אזוי ווי עס וואלט גאר קיין פריידעל אויף דער וועלט קיינמאל ניט
געוועזען, אדער ווי זי וואלט שוין לאנג־לאנג אליין א מאמע זיין...
נאר ווען דער עולם איז שוין נאך א גוטער ביסעל משקה, הויבט
דאמאלסט אן די גאנצע משפחה זיך צו סוד'ען מיט מאטע־לייב'ן
און יעדער איינציגער בעזונדער גיט איהם שטארק אנצוהערעניס,
אז זיין פריידעל איז שוין א מיידעל אין יאהרען, אז סוף כל
סוף וועט ער, מאטע־לייב, געוויס חרטה האבען פאר זיין פיהר,
אבער עס וועט שוין דאמאלסט שפעט זיין... א צוקאכטער, אנ־
אויפגערעגטער קעהרט זיך אום מאטע־לייב אהיים. א פער'כעס'־
טער כאפט ער זיך באלד אריין צו פריידלען אין צימער און צושרייט
זיך, אז ער וויל קיין נייסען ניט ביי זיך אין שטוב, ער וויל
ניט, מ'זאל אויף איהם מיט די פינגער טייטלען און דארף קיין
בעל־עבירה ניט אין זיינע ד' אמות... פריידעלווארפט זיך תיכף
אין בעטעל אריין און הויבט באלד אן, פריהער שטיל און וואס
ווייטער אלץ העכער און ווילדער, צו שרייען, קוויטשען, ווארפען
זיך, שלייערען זיך און טרייסלען מיט די צייהן... די גאנצע געזינד
לויפט זיך באלד אויף צו פריידלען אין צימער; די מאמע איילט
זיך אונטער אויף גיך פערמאכען די לאדען פון די פענסטער,
ס'זאל האטש קיינער פון גאס ניט דערהערען... אלע שטעהען
ארום בעטעל צושראקען, צוטומעלט, מ'קוקט זיך אין די אויגען,
מען ברעכט די הענד, און קיינער וויים ניט וואס פאר א רפואה
פארצולעגען. נאר באלד בערוהיגט זיך פריידעל אביסעל און זי
פאלט אריין אין עפיס א וואכענדען שלאף, אין א מין קראנקען
דרעמעל. די שטובינגע הערען זיך צו א קליין ווילע צו איהר שווע־
רען סאפען, און איינציגווייז געהען זיי פאמעלעך פון צימער ארויס.

אין איינע מינוטען ארום האט זיך פריידעל אויף מיט א שרעקליכען קאפ־ווערטאג, און האט זיך באלד מיט ביידע הענד פאר די שלייפען. פריידעל בלייבט דאס רוב זיצען אויפ'ן בעטעל די פיס אראבגעהאנגען, מיט א ווארעמער טוך אריבערגעדעקט און טראכט אזוי שעה'ן לאנג א פערטרויערטע און אנ'אינבעוועגליכע. צייטענווייז טראגען איהר אוועק איהרע מחשבות גאר אין אנ'אנדער וועלט. פריידלען שטעלט זיך פאר אויף א ווייל, אז זי איז שוין לאנג־לאנג פון דער היים אבגעפאהרען און אז דארט אין דער גרויסער שטאדט האט זי באלד געטראפען א יונגען־מענשען, וועלכער איז גאר ניט עהנליך אויף די אלע, וואס רינגלען איהר ארום פון קינדהייז אן און מיט וועלכען איהר איז אזוי גוט, אזוי אנגענעהם... און אזוי ווייט געהט פריידעל אוועק אין איהר פאנטאזיע, אז דער קאפ פערדרעהט זיך איהר אפט, ווי א שכור'ער און אין די אויערען קלינגען איהר דייטליכע קושען, פון וועלכע דאס פנים איהר'ס צופלאמט זיך באלד אין אנ'אמת'ען גהינום און אלע אברים איהרע ווערען פערשטייפט, פערהארטעוועט און אנגעשטרענגט... נאר ווען פריידעל ערוואכט זיך פון איהרע זיסע חלומות און קומט צו זיך, ווען זי דערמאהנט זיך, אז פון פאהרען ערגעץ, איז זי נאך אלץ אייגענטליך אזוי ווייט, אז די עלטערען ווילען נאך אלץ איהר ניט פערשטעהן און ווען זי בעקומט יא פלוצלונג די מעגליכקייט — ווייסט זי נאך ערשט ניט וואוהין און נאך וואס צו לויפען, אז סוף־כל־סוף וועט איהר אליין, מסתמא, אויך, ניט ווילענדיג, אויסקומען מיט אלעמען גלייך קושען זיך, ווינשען זיך און טאנצען דעם ביינעלע — לאזט זי זיך באלד אראב א מידע אויפ'ן קישען, און ליגענדיג מיט פערמאכטע אויגען דוכט זיך איהר אויס, אז זי זעהט דייטליך אין דער פינסטערער לופט דארט נאהענט נעבען זיך א „פרעמדען" פון בעהאקסענעם מאנס־ביל מיט א תמ'עהאטען שמייכעלע אויף די ליפען און מיט צניעות'דיגער תאוה אויף דער שפיץ נאז... און אט דוכט זיך איהר, ווערט אין צימער אינגאנצען פינסטער און זיינע ווארעמע הענד ציהען זיך צו איהר אלץ נעהענטער, נעהענטער... אט איז ער שוין מיט'ן גאנצען גוף דארט נעבען איהר... ער רעדט גארנישט... ער דריקט זי נור... דער גאנצער קערפער פריידעל'ס ווערט באלד ווי אבגעטעמען, פערגליהערט און דאס רוב ענדיגט זיך עס מיט א נייער „פיינע", מיט נייע קולות דורך פערביסענע ציהן... עס לויפען

מידער אַריין אַלע שטיבעלע צו פֿריידלען אין צימער. זלאַטע צו-
שפּילעט איהר, היהיט זי, לעגט קאָמפּרעסען און פּאַרזיכטיג פֿער-
מאַכט זי די לאָדען פֿון די פֿענסטער, עס זאָל עמיצער פֿון גאַס ניט
דערהערען...

נאָר וויפֿיעל די זונדיל'ס האָבען זיך ניט געשטאַרקעט בעהאַל-
טען זייער „צרה" פֿון פֿרעמדע, פֿון זייטיגע מענשען, וויפֿיעל
זיי האָבען זיך אַלע ניט געמאַטערט מיט אַלערליי טעמים זיי עס
איז פֿערדעקען פֿון לייטען דעם גרויסען בזיון און אַליין עס שטי-
לערהייד אַראָבשלינגען — דאָך האָט מען אין שטעדטעל הורכאָ'ים
גערעדט און געסודעט זיך נור וועגען פֿריידלען, און פֿריידעל'ס
"זיצען" אַ מיידעל איז פֿאַר אַלע שטעדטילשע אַזוי שווער געוועזען,
ווי זי וואָלט גאַנצע טויזענד פֿוד געהזעגען און וואָלט דערצו ביי
יעדען איינציגען בעזונדער אויפֿ'ן רעכטען קאָרק געזעסען... גע-
רעדט האָט מען אַזוי פֿיעל וועגען פֿריידלען צוליעב פֿערשיידענע
טעמים און פּניות און אויך גאָר אָהן טעמים — סתם אַזוי זיך אין דער
וועלט אַריין: אַ טאָג, אַ יאָהר — מ'דאַרף דאָך וועגען וועמען סאיז
ריידען, טאָ פֿאַר וואָס מאַקי ניט וועגען איהר?..

— ווי געפֿעהלט איך עפּיס מאַטע-לייב'ס „פּילאָזאָפֿקע"?
פֿרעגט זיך מיט אַ שטעכיגער איראָניע אַ מעהל-קרעמערין, זיצענ-
דיג אויף איהר פֿייער-טאָפּ נעבען קלייט: אַן אָבגעטהאָנענע זאַך
מיט דער מיידעל — אַ מענש זאָל איינער אַליין אַלע פֿעלדער, אַלע
וועלדער אויסקריכען...

— מ'זאָגט, אַז זי צעהלט די שטערען אויפֿ'ן הימעל — ענט-
פֿערט אָב אַ שכן און שיסט דערביי אויס אַ געלעכטער...

— ליעבע גאָר זוכט זי דאָרטען — כאַפּט זיך אַרויס עפּיס
אַ בלייכער יונגערמאַנטשיק און לאַכט בעת מעשה אין הויפֿען...

— אַט איהר ווייסט קיינער ניט — מישט זיך אַריין דער אייזען-
קרעמער, אַ ייד אַ למדן: אין שטאָדט רייסט זי זיך אַליין — דאָרט
פֿעהלט אויס, פֿערשטעהט איהר מיך, אַ רבי'צין...

נאָר איבערהויפּט איז גרויס געוועזען דער רושם ביי די זונ-
דיל'ס אַליין אין דער אייגענער משפּחה, און וואָס ווייטער אַלץ
שטאַרקער און שטאַרקער. די ערשטע צייטען האָבען זיי כמעט
נאָר ניט געהאַלטען פֿון פֿריידעל'ס „פֿאַנטאַזיע" און די קרובים צווי-
שען זיך פּליגען גאַנץ אָפֿט אַליין לאַכען און וויצלען זיך אי-
בער איהרע משוגעת'ן, און חכמה'נעדיג האָט יעדערער געפּרובט

פאַרלעגען אַ באַזונדער תרופה צו איהר „חול", ווי זיי האָבען עס אָנגעהאָפען.

— מיין עצה איז — זאָגט איינער, שטאַרק צופריעדען פון זיין איינפאַל: מ'זאָל תיכף אַ שידוך רייהען דער אינגערער, ווי רופט מען איהר דאָרטען — בלומקען מיין איך דאָס — אַט וועט איהר טאַקי אַלע זעהן, ווי זי וועט באַלד בעסער ווערען...

— גוואַלד — האָט געטענה'ט נחמן, מאָטע־לייב'ס אַנ'עלטערער ברודער — הערט זיך ניט צו וואָס זי פּלאַפּלט דאָרטען דאָס מיידעל: מ'דאַרף נעהמען פּשוט דעם קלויזנער, שרייבען תנאים און טאַקי באַלד נאָך שבת „שפּיעלען" אַ חתונה — וועלען וועט זי שוין שפּעטער...

ווען ס'איז אָבער אַריבער איין יאָהר און נאָך אַ יאָהר און פריידעל מאַכט זיך אַלץ גאָר ניט וויסענדיג, וואָס זי איז שוין אַ מיידעל אין יאָהרען, אַז אונטער איהר וואַרט בלומקען און אונטער בלומקען איז שוין פאַרהאַן אַ היבש מיידעל, אַז מיט איהרע קאַפּריזען דערפרעהט זי נור שונאים און פערשאַפט עגמת־נפש דער גאַנצער פאַמיליע — דעמאָלסט ערשט האָבען זיי אָנגעהויבען פיהלען און פערשטעהן, אַז דאָס איז ניט קיין געלעכטער־זאַך, אַז דאָ רעדט זיך שוין ניט דוקא פון פריידלען אַליין — אַז זי די חצופה מאָג ברעכען האַלז און נאַקען אַרט דאָס אויך קיינעם ניט, — נאָר דאָס מיידעל איז אַנ'אמת'ער סם פאַר זייערע איבעריגע קינדער, און אַלע קרובים האָבען מיט אַמאָל דערפיהלט, אַז פון איצטער, פון דער „מעשה־פריידעל" הויבט זיך אָן אין זייער פאַמיליען־לעבען אַ גאַנצע איבערקעהרעניש, אַ גאַנצע סדרה פון אַלערליי נסיונות, בזיונות און כל הסבות אין דער וועלט. און האָטש פון אויסווענינ האָט זיך ביי די זונדיל'ס, דוכט זיך, גאָר נישט געביטען און אַלץ האָט זיך ביי זיי געפיהרט כמעט ווי אַמאָל, האָטש ס'זענען ביי זיי געוועזען שטענדיגע שמחות און דער עולם האָט זיך פרעהליך געמאַכט, ווי פריהער: מ'האָט זיך געקושט, געוואונשען, געטאַנצט אַ „ביי־געלע" — דאָך האָט יעדער געפיהלט, אַז אין זייער געבענשטער משפחה האָט זיך עפּעס אַריינגעריסען אַ ניט־גוטעס, אַז די אַלטע גוטע צייטען זענען אַריבער און, דוכט זיך, אַז אויף אייביג...

— לעבעדיגער! לעבעדיגער!... — פלעגען אייניגע קרובים צייטענווייז פרובען פרעהליך מאַכען דעם עולם אויף אַ שמחה. ס'האָט אָבער דאָס רוב וועניג געהאָלפען: די מחותנים

האָבּען זיך אָפּט געס׳סודעט, געבּלאָזען זיך איינע אויף די אַנדערע און צווישענווייז איינגאַנצען געשוויגען. און עפּעס איין מאָל אויף אַ שׂמחה האָט זיך דער אַלטער ברוך־מענדע פּלוצלונג צושריִען אויף זיין היזעריגער שטים: — „מאָטע־לייב, דו הערסט?! מיט קאָפּ הער, מאָטע־לייב! — איך בּין דיר ניט מוחל!.. פאַר אַ גאַנצען עולם, פאַר אַנ׳עולם יודען זאָג איך דיר“ — האָט ברוך־מענדע געשריען און געקלאַפּט מיט די הענד אין טיש: „איך בּין דיר ניט מוחל!..“ אַלע זענען דאַמאָלסט תּיכּף אומעטיג געוואָרען, חייבער האָבען געווישט די אויגען און שטאַרק געהליפּעט און יעדערען האָט בּעת מעשׂה עפּעס בּאַנג געטהון פאַר אַזוינס, וואָס ס׳איז געוועזען און איז שוין מעהר ניטאָ...

און מאָטע־לייב האָט זיך טאַקי געפיהלט ווי עפּעס אַ שולדיגער געגען דער גאַנצער פאַמיליע און בּיי יעדער מעגליכקייט האָט ער געהאַלטען פאַר אַ חוב זיך אַ ביסעל פערענטפערען פאַר די קרובים.

— דו מיינסט, מסתמא, אַז איך שווייג איהר — רעדט ער זיך אָפּט דורך פאַר זיין ברודער נחמן: דוכט זיך, וואָס איך לעג אַריין אין דער מיידעל פאַר איין טאָג נאָר — איז עס גאָר ניט משׂער צו זיין. אָבער מיינסטו הילפט דאָס? — זי טענה׳ט אין איין קול: „כ׳וועל התונה האָבען, ווען ס׳וועט זיך וועלען“ — היינט געה מאַך, ס׳זאָל זיך איהר פערוועלען... גראָה אין אַלט בּין איך שוין, זאָג איך דיר, געוואָרען פון דער מיידעל און לסוף — דוכט זיך איינענע מענשען — און „מ׳בלאָזט“ זיך אויף מיר...

— וואָס איז שייך מ׳בלאָזט זיך — ענטפערט נחמן מיט אַ פּערעיבעל־ניגון: מ׳זאָל זאָגען ווילסטו, אַז עס איז אַזוי גוט, אַז עס דאַרף אַזוי זיין? ווייסט דאָך אַליין, אַז בּיי אונזער טאַטען איז אַזוי ניט געוועזען... אָט געה אדרבא אַריין צו אונזער זונדלען — ענדיגט נחמן שטילערהייד כּמעט מאָטע־לייב׳ן אויפ׳ן אויער — וועסטו זעהען, וואָס דאָרטען טהוט זיך אָב: ציפּקע זיינע איז שוין אויך משוגע געוואָרען... ווייזט אויך אויס די אויגען, ווי „דיינע“ — און שטאַרט ווילט זיך איהר, פערשטעהסט?!..

אַלע מאָל נאָך אַזוינע שמועסען ווילט זיך מאָטע־לייב׳ן פון דאָס ניי אַריינכאַפּען זיך צו פריידען מיט קולות, מיט געשרייען. נאָר ער דערמאָנט זיך בּאַלד אָן דעם פּועל־יוצא פון זיין שרייען, אַז מעהר ווי מיט טרעדהרען ענטפערט זי קיינמאָל ניט, און מאָטע־לייב בּלייבּט ווידער אויף אַנ׳אָרט. ער געהט אַרום איבער׳ן שטוב, רייבּט דעם שטערען, גלעט זיין געדיכטען באָרד און טראַכט אַלץ,

פֿון וואָגען געהמען זיך בײַ אַ מיידעל אַזעלכע נאַרישע מחשבות, צו קען דאָס עפּיס לאַנג האַלטען און פֿאַר וואָס האָט עס געטראָפֿען דווקא מיט זיין פֿריידלען... און טראַכטענדיג אַזוי פֿערווילט זיך צײַטענווייז מאָטע-לייב'ן ניט אַנדערש היינט מאַכען אַ סוף פֿון די צרות — אַהער אָדער אַהין. און עפּיס איין מאָל האָט ער פּלוצלונג, גאַר אונגעריכט פֿאַר זיך אַליין, אַרויסגערעדט פֿאַר דעם ווײַב: „און אפשר זאָל זי טאַקי אין דער אמת'ן פֿאָהרען? — זעה, ווי זי זעהט שוין אויס — האָט מאָטע-לייב געשטאַמעלט און האָט געפֿיהלט בעת מעשה, אַז דאָס ווײַב קוקט איהם אָן ווי משוגע: ווער ווייס וואָס איהר בעשערטער איז?.. זאָל זי פֿאָהרען בשלום...“

— דו ביזט דאָך נאָך פֿיעל ערגער פֿון איהר אַליין! — האָט זיך זלאַטע דערמאָנט צושריען: „יענע“ האָט שוין כמעט גאַר אויפֿגעהערט דערמאָהנען וועגען פֿאָהרען — קומט ער און וויל איהר איינריידען!..

אָט אַזוי זיינען פֿאַמעלעך אַריבער טעג, וואָכען און אויך גאַנצע מאָנאַטען. די שטעדטילשע האָבען ווי פֿריהער זיך געווינצעלט און שטילערהייד געקליבען נחת; די קרובים האָבען זיך געבלאָזען, געכעס'ט און צײַטענווייז געקריעגט זיך, און פֿריידעל איז אַלץ אומעטיג געווען, האָט געטריבען נאָטע דעם שדכן פֿון שטוב און האָט אַליין אומגעשפּאַצירט ווייט-ווײַט הינטער'ן שטעדטעל... מאָטע-לייב מיט זלאַטען פֿלעגען זעלטען ריידען צוזאַמען וועגען פֿריידלען, נאָר זיצענדיג ביידע בײַם טיש אָדער פֿאַר'ן שלאָף האָבען זיי זיך שטענדיג פֿערשטאַנען דורך זייער קרעכצען און זיפֿצען.

— וואָס דאַגה'סטו? — האָט איהר מאָטע-לייב אָפֿט געפֿרעגט טרייסטען: נישקשה זי איז נאָך דערווײַל אַ יונגע טאָכטער — ניט קיין געשמד'טע הלילה...

זלאַטע כאַפּט זיך באַלד אויף פֿון איהרע טרויעריגע מחשבות, טהוט דערבײַ אַ שטאַרקען דאַפּעלטען זיפֿץ און ווייס עפּיס קיינמאָל ניט, וואָס צו ענטפֿערען דעם מאַן. נאָר דעם לעצטען אָוועגד, ווען מאָטע-לייב האָט ווידער אַמאָל איבערגע'חזר'ט זיין טרייסט, האָט זלאַטע ווי אַלע מאָל טיעף אַ זיפֿץ געטהאָן און געזאָגט מיט הכנעה:

— אפשר זאָל זי טאַקי ערגעץ פֿאָהרען — זעה ווי זי זעהט אויס... וואָס זאָגסטו, מאָטע-לייב?...

— זאָל זי טאַקי פֿאָהרען מיט יונגעלי'ס מיידעל צוזאַמען: מלכה זיינע פֿאָהרט דאָך אויך די טעג...

# א הונדערטער

# אַ הונגערטער.

חיים-ליב איז אַ ייד „אָהן אַ פונדאַמענט“, ווי ער אַליין פלעגט זיך שטענדיג אָנרופען.

„קיין הייזער האָב איך ניט, קיין מלאכה ווייס איך ניט און קיין ירושה גאָרניט אויך אויף מיר ניט“ — אַזוי פלעגט חיים-ליב גאַנץ אָפט דערמאָהנען מיט פרעהדע זיין ווייב און קינדער. נאָר אַלע מאָל כמעט פלעגט חיים-ליב באַלד צו-געבען: „איז דאָך די קשיא — מ'לעבט דאָך פאָרט, מ'שטאַרבט דאָך ניט פון הונגער? — איז אָבער דער תירוץ: לעבט מען טאַקע מיט נסים“...

און האָטש חיים-ליב האָט שוין אַ סך יאָהרען אַזוי אָבגעלעבט און האָט זיך אַלע מאָל אין שטעדטיל ביי זיך גערעכענט פון די חשובֿע בעלי-בתים, דאָך האָט ער שטענדיג געפיהלט, אַז איין שלעכט יאָהר — מעהר ניט — און חיים-ליב איז אויס בעל-הבית, חיים-ליב איז אַן אביון.

נאָך בחור-ווייז, באַלד ווי חיים-ליב איז פון דער ישיבה אַרויס, האָט ער „אינטער'ן טאַטענס האַנד“ אָנגעהויבען ביסלעכ-ווייז מסחר'ן, און ביי דעמזעלביגען געשעפט איז ער געבליבען ביז היינטיגען טאָג.

באַלד נאָך זיין חתונה, ווען חיים-ליב איז געוואָרען אַ יונג פאַר זיך און האָט אָנגעהויבען „פיהרען אַ וועלט“ מיט אַלעמען צו-גלייך, האָט ער דערמאָלט פערמאָגט הונדערט רובל מיט „עפּיס“. דאָס הייסט, דער הונדערטער איז בעשטאַנען פון אַ גאַנצער „אַסיג-נאַציע“ און דערצו האָט ער נאָך געהאַט בעזונדער אין אַ הייזען-קעשענע עטליכע רובל מיט קאָפּיקעס... די אַסיגנאַציע האָט חיים-ליב דערמאָלט געהאַלטען פערניידט ביי זיך אין וואַטאָווען קאַפּטעל, און בעת ער פלעגט אַלע ווייַלע טאַפּען מיט דער האַנד ביים זייטעל, פלעגט איהם דאָס רוב איינפאַלען איין-און דערזעלבער געדאַנק: יעדער מענש מוז האָבען אַ פּריזיע, אַ פערניידטען הונ-דערטער, און מסחר'ן דאַרף מען נור מיט „די רובל'ס מיט קאָ-פּיקעס“...

אָבער ניט גאָר לאַנג האָט זיך דערמאָלט חיים-ליב אַרומ-

געטראגען מיט דער אסיגנאציע אין בוזעם. דעם ערשטען זונטאג נאך זיין התונה — אין א מארק־טאג ביי זיי אין שטעדטיל — האט חיים־ליב געקויפט א זעקיל ארבעס, א ביסעל הזיר־האהר און א טע־לער וואקס; עטליכע גילדען זענען ביי איהם „צוקראכען“ געווארען פראסט זינטער די הענד אויף פערשיידענע שטוב־הוצאות, און ביי חיים־ליב'ן אין הויזען־קעשענע איז געבליבען א פוסטער טייסטער — ממש אהן א גראשען.

עטליכע טעג האט זיך חיים־ליב דעמאלט געמאכט ווי ניט־ווייסענדיג, טראכטענדיג, אז עס וועט זיך אפשר ווי עס איז איבער־דרעהען און ער וועט ניט דארפען אנקומען צום הונדערטער: אין קראם האט מען ביסלעכווייז צוגעבארגט, קיין נייע מסחרים האט חיים־ליב דערווייל ניט געמאכט, און אזוי האט זיך אוועקגעקייקעלט א גאנצע וואך צייט. אויפ'ן צווייטען זונטאג אבער, ווען דער מארק האט זיך שוין אינגאנצען געשטעלט און לייט האבען שוין זעקלאך אויף די פלייצעס געטראגען, האט זיך ערשט דעמאלט חיים־ליב אנ'אומעטיגער מיט א פערוועהמאגט הארץ, פערקליבען הינטער'ן פא־רעהאן, און א בלאסער, ווי די וואנד, מיט טרייסלענדיגע הענד האט ער פארזיכטיג אויסגעטרענט די אסיגנאציע פונ'ם קאפטעל... חיים־ליב איז יענעם טאג שטארק צוטראגען געוועזען, און אין אווענד פון דעם זעלביגען זונטאג האט ער צום ערשטען מאל זיין יונג־ווייבעל א קללה געגעבען, דאס הייסט: מ'איז א פאר־פאלק — און אזוינע בעלי־הוצאות!..

פון דעמאלט אן האט חיים־ליב א סך יאהרען נאכאנאנד קיין גאנצען אייגענעם הונדערטער ניט אנגעזעהען מעהר, און אין הארצען ביי איהם איז אויף שטענדיג פערבליבען עפיס א מין בענק־שאפט, ווי נאך א פערשטארבענעם קינד... מסחר'נדיג פלעגט איהם אפילו צייטענווייז יא אויסקומען זעהן גרויסע מטבעות, אבער דאס רוב איז עס געוועזען ניט קיין אייגענע, און „פרעמדע — פלעגט חיים־ליב אלץ זאגען — ווארימט מיך גארניט“... בכלל האט חיים־ליב געהאלטען, אז א שטיקעל בעל־הבית מוז פערמאגען לכל הפחות אן אייגענעם, א ריינעם הונדערטער, ווען אבער חלילה דערונטער — הייסט דאס שוין א יורד. און זינט חיים־ליב האט „צושלאגען“ זיין אסיגנאציע, האט ער דעריבער קיינמאל ניט אויפגעהערט חשבונ'ען זיין אייגענס. שטענדיג האט זיך אלץ חיים־ליב'ן געוואלט וויסען אויף „טשיקאוועס“, וואו ער איז אין דער וועלט, וויפיעל פעהלט

איהם, און אפשר טאַקע איז נאָך עפּיס צוגעקומען... און פון די ערשטע יאָהרען אָן ביז טיעף אין דער עלטער אַריין האָט חיים־ליב טאָג־טעגליך געמאַכט זיין באַלאַנס און צייטענווייז, ווען פּרנסה איז געוועזן ווענינער ווי שטענדיג און אויפ'ן הארצען איז חיים־ליב'ן ביטער געוואָרען און פינסטער, האָט ער זיך ניט געפוילט צוויי־דריי מאָל אַ טאָג איבערצוציילען זיין קאַפּיטאַל.

קומענדיג אין דער־פריה פונ'ם „מנין". צוטרייבט חיים־ליב די ערשטע זאָך די קלענערע קינדער פון שטוב: וועמען דאַווענען, וועמען — אין חדר, און וועמען — אַזוי ערגיץ אַ גאַנג, און אַז אין שטוב ווערט אַ ביסעל שטילער און ווייניגער טומעל, ציהט ער אַרויס דעם גרויסען טייסטער פון הייזען־קעשענע און צעהלט — מיט אַ פערקנייטשטען שטערען — אַ פריהער פאַפּירלעך צווישען די פינגער, דערנאָך קלינגט ער איבער אַלע זילבערנע מטבעות, און דאָס קליין־געלד צושטעלט ער בעזונדער אין קופּקעס... חיים־ליב בעטראַכט בעת־מעשה פון ווייטען די פּאָר זעקלעך תבואה, וואָס שטעהען כמעט שטענדיג אין שטוב, מאַכט באַלד אינ'ם קאָפּ ביי זיך אַ חיבור, און אַ פערזאָרגטער מיט אַ דאָפּעלטען זיפץ, שיט ער באַלד זיין אייגענס צוריק אין אַלטען פערשמאַלצענעם ביטיל אַריין... און אַ חיילע אַרום, אַז דאָס ווייב דערלאַנגט צום טיש אַ שיסעל גרויפען, פון וואַנען עס שלאָגט אַ פּאַרע ביז צו דער סטעליע, און זי הייסט חיים־ליב'ן געהן וואַשען זיך — ברומט ער אַלע מאָל אַרויס איין־און דעם זעלבען פּזמון: מ'דאַרף קאָנען איינהאַלטען אַ קאָפּיקע — „אויפעסען" געלד איז קיין קונץ ניט"... דאָס ווייב זיינס זיפצט אָב בעת־מעשה אַזוי שווער, ווי זי וואָלט מיט דעם זיפץ דייטליך געוואָלט זאָגען: וואָס הייסט אַ מאַנסביל אין שטוב זאָלען? — איהם דערלאַנג ניר אַלץ פאַרטיגע!.. אָבער זי שווייגט פונדעסטוועגען דאָס רוב, ווייל זי ווייסט, אַז חיים־ליב איז אַ בייזער מענש, אַז ער שלעפּט טאַקע אַליין איף זיך דעם גאַנצען יאָך, אַז ער רעדט דאָס געביך פון צער און אַז פערדינען אַ רובל איז טאַקע גענוג שווער. נאָר עס טרעפט אָבער אַמאָל, אַז זי'הר ווילט זיך דאָך אַ ביסעל פערענטפערן פאַר'ן מאַן ד. ה. אַז ניט אינגאַנצען איז זי שולדיג פאַר די גרויסע הוצאה.

— אַ שפּאַס איז דאָס עפּיס איצטיגע יאָהרען, ענטפערט זי מיט גרויס הכנעה און מיט אַ פרום פּנים: עס איז דאָך פּראָסט ניט צו צושטעקען זיך צו קיין זאַך — בראַנד־פייער איז דאָך אַלץ!..

חיים־ליב ווישט אָב זײַנע גראָבע וואָנסעס פֿון די מילכיגע גרויפּען, בענטשט אָב מיט אַ שטאַרקען שלוקערץ הערבײַ, און אַ צופּאַרעטעד פּנים הייסען געקעכצין קריכט ער באַלד אַרײַן אין זײַן אַלטען פֿערגעלטען אויבער־בגד און מיט מיושבֿדיגע טריט לאָזט ער זיך פֿון שטוב אַרויס. אַ היבשע ווײַלע דרעהט זיך דאָרט חיים־ליב אַרום איבער'ן פּוסטען מאַרק סתם אַזוי אין דער וועלט אַרײַן. ער ציהט אַרויס אַ לאַנגען שטרוי פֿון אַ פּויערשען וואָגען און קײַט איהם און שפּײַט איהם ביז ער ציהט אַרויס אַ צווייטען שטרוי — און הויבט ווידער אָן פֿון דאָס נײַ... חיים־ליב געהט־צו נעבען איין קראָם און שטעהט אַ ווײַלע, נעבען אַ צווייטער און שטעהט אַ ווײַלע און מיט'ן געדאַנק „אַ טויט שטעדטיל אונזער" — פֿערקירעוועט ער זיך אַהיים...

אין שטוב קומט חיים־ליב אַלע מאָל אַרײַן מיט עפּיס אַ הײַזעריגען הוסט, פֿאַר וועלכען אַלע שטוביגע שרעקען זיך שטענדיג, דערהערענדיג עס נאָך ווײַט פֿון הינטער'ן טהיר. פּאַמעליך, לאַנגזאַם, עפּיס ווי גאָרניט ווילענדיג, טהוט ער אויס זײַן פֿערגעלטען אויבער־בגד, און פֿיהלענדיג זיך אַ ביסעל אַזוי ווי שולדיג, רעדט ער בעת מעשה ווי צו זיך אַליין: „אַ העק בלײַבט אַ העק... אַ שטעדטיל מיט מתים — טהו, מאַך, צורײַס זיך, זײַ אַ בריה"... און אַ שווײַגענדיגער, אָנגעלאָדען מיט כעס און האַרץ־וועהטאָג, לעגט ער זיך צו אַ ווײַלע שלאָפֿען, איבערדעקענדיג מיט'ן היטעל זײַן בעוואַקסען גלות־פּנים... אין שטוב ווערט מיט אַמאָל שטיל, ווי בײַ אַלעמען וואָלט פּלוצלונג דער לשון אָבגענומען געוואָרען, און אַלץ קוקט דאָרט דע־מאָלט אויס עפּיס אַזוי דערשראָקען און אָבלדיג... די קליינע קינ־דער אָבער קאָנען זיך דאָס רוב בשום אופן ניט אײַנהאַלטען, און ווי אויף להכעיס, שטיקען זיי זיך שטילערהייד פֿון געלעכטער... די מאַמע קנײַפּט, שילט, בעט דעם טויט אויף זיך, אויף די קינדער און אויף זייער טאַטען...

אַז חיים־ליב האַפּט זיך אויף פֿון שלאָף, איז ער עפּיס ברוגז אויף די גאַנצע וועלט און עפּיס ווייסט ער אַליין ניט אויף וועמען אויסלאָזען זײַן כעס. איהם ווילט זיך בעת־מעשה אַ הייס גלאָז טהײַ און ער ווייסט, אַז נור כּיים וועלען וועט ער בלײַבען; חיים־ליב וואָלט אפשר מאַקע עפּיס געגעסען אויך, ווען ס'זאָל זײַן עפּיס „אַ בעסערער ביסען", און ער ווייסט, אַז מעהר ווי אַ געזאָלצענער הע־רינג וועט צו מיטאָג ניט זײַן... נאָר עס חיערט איינינגע תּנע'ס, און

חיים־לייב וואַרפֿט באַלד אַרויס פֿון קאָפּ אַלע זיינע „חלומות“. ער מאַכט באַלד אַ ברכה אויף אַ פֿיל קענדיל קאַלטע וואַסער און טרינקט עס טאַקע אויס ביז'ן דעק. דערנאָך פֿערבויגט ער תּכף אַ שטיקעל פֿאַלע פֿון זיין האַלב־לאַנגער קאַפּאָטע, שלעפּט אַרויס דעם טייסטער פֿון קעשענע און נעמט זיך צום צעהלען: די פּאַפּירלעך קנייטשט ער צווישען די פֿינגער, זילבער קלינגט ער, און קליין־געלד — אין קיפּקעס...

אָט אַזוי שלעפּט חיים־לייב זיין טייסטער שענע עטליכע מאָל אַ טאָג, און אַז ער האַפּט זיך אַמאָל אַריין אין שטוב, ווען קיינער איז ניטאָ, וואַרפֿט ער איבער אַלע זעקלעך תּבואה אויפֿ'ן וואָג־שאָל און צושטעלט זיי תּיכף צוריק אויף אַן אָרט, דאָס ווייב זאָל ניט דערקענען... איבערהויפּט אָבער האָט זיך חיים־לייב געפֿיהלט תּקיף, ווען ער האָט עפּיס טאַקע געהאַנדעלט אין גאַס, דעמאָלט קומט ער אין שטוב אַריין גאָר מיט אַן אַנדער ברייטקייט, מיט אַן אַנדער מוטה. ער טהוט זיך פֿונאַנדער איילענדיג, מעשה־סוחר, שיט אויס דאָס אייגענס פֿונ'ם בייטעל, נעמט אַ שטיק ווייסען קרייד און אַ פֿערשוויצטער, מיט אַ פֿערקנייטשטען שטערען, שרייבט ער גרויסע ציפֿער אויפֿ'ן טיש, שפּייט אָן און מעקט אויס, ער פֿערטראַכט זיך אַ ווייַלע און שרייבט ווידער, און צום סוף טהוט ער אַ גרויסען שפּיי און פֿערמעקט מיט'ן אַרבעל...

בכלל אָבער איז חיים־לייב'ס אייגענס שטענדיג געשטאַנען אויף איין אָרט; מיט אַ רובל מעהר, מיט אַ רובל ווייניגער — קיין געלד אָבער האָט מען ניט געגעסען און דער הונדערטער האָט זיך ביי איהם שטענדיג „געוויגט“... אַז עס פֿלעגט טרעפֿען אַ יאָהר אַן ערגערעס און חיים־לייב האָט טאַקע אויפֿגעגעסען אַ „צוויי דרייער“ — האָט מען עס ווי עס איז פֿערשפּאָרט אויפֿ'ן אַנדער יאָהר, און חיים־לייב איז זיך אַלע מאָל געבליבען אַ ייד אַ בעל־הבית, וואָס קען זיך מיט אַ שורה, וועלכער פֿאָהרט צוויי־דריי מאָל אַ יאָהר אין די נאָהענטע גרויסע שטאָדט — דאָרט אַ האַנדעלס־מענש, ניט קיין שוסטער און ניט קיין שניידער אויך... און אַז חיים־לייב פֿלעגט זיך טאַקע אַמאָל בעטראַכטען, מיט וואָס פֿאַר אַ נסים ער לעבט הורך — און לעבט דאָך מעשה בעל־הבית, — אַז געלד האָט ער דאָך אין דער אמת'ן ווייניג און איז פֿונדעסטוועגען מיט אַ שטיקעל נאָמען אין שטעדטיל, פֿלעגט ער זאָגען הקרניש: „ציי דער עיקר איז עס עשירות? מ'דאַרף נור האָבען געלה מיט וואָס די הענד פֿונאַנדערצונעהמען“. אָבער די הויפּט־זאַך

איז דער מענש אַליין, דער תּוך פֿון איהם — מ'דאַרף זיין אַ חשוב ביי לייטען"...

אָט אַזוי האָט זיך חיים־ליב אָבגעלעבט שענע עטליכע יאָהר אין איז שטענדיג געווען דער וועלכיגער בעל־שפע: ניט אָרימער, ניט רייכער — אַ יוד אַ בעל־הבית, ניט ערגער...

זענען אָבער די לעצטע פּאָר יאָהר, ווען ר' חיים־ליב איז שוין געווען איבער ארבעים, אַוועקגעגאַנגען ביי איהם ניט כשורה, און חיים־ליב איז שטאַרק געפֿאַלען אין מעמד. ער האָט אַפילו גוט געוואוסט די אמת'ע סבות פֿון זיין ירידה: ס'זענען נתרבה געוואָרען סוחרים אין שטעדטיל און טאַקע יונגערע, געזונדט'ערע פֿאַר איהם — ס'איז גאָר אַנ'אַנדער קעהר, אַנ'אַנדער ריהר; דערצו איז טאַקע „דער פּריץ" אויך גאָרניט דאָס, וואָס געווען... אַנדערע יאָהרען — אַלץ, טאַקע אַלץ אַנדערש... העלפֿען אָבער האָט דערצו חיים־ליב גאָרנישט געקאָנט, אויסער וואָס ער האָט זיך געסטאַרעט זיין הוצאה „פֿערשמעלערען"...

ווי אַלע מאָל, האָט אויך איצט חיים־ליב גע'השבונ'ט זיין אייגענס עטליכע מאָל אַ טאָג, און וואָס אָפטער ער האָט געצעהלט, אַלץ מעהר האָט איהם געפֿעהלט, און האָטש חיים־ליב איז אין שטעדטיל ווי פֿריהער נאָך קיינעם קיין בעל־חוב ניט געוועזען; האָטש קיין פֿרעמדען רובל האָט ער נאָך ניט „אָנגערירט" און בכלל איז נאָך חיים־ליב געוועזען חיים־ליב, — דאָך אָבער האָט ער אַליין און אויך דאָס גאַנצע געזינד זיינס אָנגעהויבען פֿיהלען, אַז עפּיס זענען זיי מיט אַמאָל גאָר אַנדערע געוואָרען עפּיס קוקט מען גאָר מיט אַנדערע אויגען אויף זיי, האָטש מ'בעט חלילה ביי קיינעם גאָרנישט... דאָס הייסט, קיינער האָט חיים־ליב'ן קיין בייז חלילה ניט געטהון: אָרימקייט איז קיין בושה ניט... נאָר געפֿיהלט האָט זיך אַז קיין יחוס איז דאָס אודאי ניט... און זינט חיים־ליב'ן האָט אָנגעהויבען צו פֿעהלען געלד, האָט ער נאָכמעהר געטראַכט פֿון דער אַמאָליגער אַסיגנאַציע און איהם פֿלעגט בעת־מעשה אַרומנעהמען אַזאַ שטאַרקע בענקעניש נאָכ'ן פֿערניהטען הונדערטער, דאָס ער פֿלעגט שעה'ן לאַנג אַרומגעהן איבער'ן שטוב און אַלץ טראַכטען, וועןאון ווי אַזוי האָט ער עס אויפֿגעגעסען „לעבעדיגע" געלד... און צייטענווייז, ליגענדיג שוין אויפ'ן בעטעל נאָך קריאת־שמע, פֿאַלט איהם מיט אַמאָל איין אַ געדאַנק, אַז אָהן אַ הונדערטער איז מען טאַקע אין דער אמת'ן קיין מענש ניט: דיין וואָרט איז קיין וואָרט ניט, דיין דעה איז קיין דעה ניט — אביונים זענען דאָך אַ סך פֿאַרהאַן... ביי אַזעלכע מחשבות איז חיים־

ליב גרייט געווען צו טהון כל עבודת־פּרך, די ערגסטע מלאָכה, נאָר קומען צו דער אַמאָליגער מדרגה, פון דאָס ניי האָבען אַ גאַנצע „יע־קאַטערינע” און אויף מסדר — אַ בעזונדער ביסעל געלד...

* *
*

איין מאָל אין אַ מיטען זומער־טאָג, ווען היים־ליב הערט זיך, ווי זיין שטייגער איז, אַרום איבער'ן פּוסטען שטעדטילשען מאַרק און קייט אַ לאַנגען שטרוי, איז איהם פּלוצלונג איינגעפאַלען „געהן” קיין לאָנדאָן. לכתחילה האָט זיך היים־ליב גאָר אַליין דערשראָקען פאַר זיין מחשבה. און דאָס ווייב, דערווייסענדיג זיך פון דעם, האָט זיך צעהויבט אויפ'ן קול, מיינענדיג, אַז היים־ליב איז ניט ביים גלייכען שכל... עס האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט העלפען, און אין אַ זומער־דיגען אויסגעשטערנטען שבת־צו־נאַכט האָט זיך היים־ליב אַוועק־געלאָזט איבער'ן שטעדטיל געזעגענען זיך. אין שטוב ביי איהם האָבען זיך צונויפגעקליבען קליין און גרויס; מאַנסבילען האָבען געהאָלפען פּאַקען די סחורות מיט די עסיג, און ווייבער מיט פּאַט־שיילקעס אויף די פּלייצעס האָבען געהאַלטען היים־ליב'ס קליינע קינדער אויף די הענד און האָבען דערביי שטאַרק געוויינט. צוועלף דעם זייגער ביי־נאַכט האָט דער שטעדטילשער בעל־עגלה אַרויסגע־טראָגען פון היים־ליב'ס שטוב צוויי פּעקלעך — דאָס עסענוואַרג און אַ גרויסען קישען. באַלד האָט זיך היים־ליב מיט אַלעמען צוקושט און איז האַסטיג אין וואָגען אַריינגעקראָכען. עס האָט זיך תיכף דער־הערט אַ סקריפּ פון די רעדער, אַ הליפּען פון ווייבער, און היים־ליב איז דערוויייל „געגאַנגען” קיין לאָנדאָן.

אין אַ חודש אַרום איז אָנגעקומען פון היים־ליב'ן אַ בריעף, אַז ער איז געקומען בשלום; עס איז אַריבער נאָך אַ מאָנאַט צייט — איז אָנגעקומען אַ „לעטער”, אַז ער מאַכט אַ „לעבען”. אויפ'ן ערשטען יום־טוב האָט דאָס ווייב בעקומען צעהן רובל, אויפ'ן צווייטען — פופצעהן און אויפ'ן דריטען יום־טוב איז היים־ליב אַליין אַראָבגעקומען.

די פּאָר רובל מיט קאָפּיקעס, וואָס היים־ליב האָט געהאַלטען אין הייזען־קעשענע, זענען ערב יום־טוב ביי איהם אַוועקגעגאַנגען אויף שטוב־הוצאות, און אויף מאָרגען נאָך יום־טוב — אין אַ מאַרק־טאָג ביי זיי אין שטעדטיל — האָט זיך היים־ליב פערקליבען הינטערן פּאַרעוואַן. און אַ בלאַסער, ווי די וואַנד, האָט ער פּאָרזיכטיג געטרענט דעם קאַפּטעל...

# אויף דאטשע

פון שטעדטיל.

# אויף דאטשע.

פייוועל־בער, אן אויפגעקומענער נגיד, וועלכען אלע האבען נאך געדיינקט פאר א געוועהנליכען שטעדטילשען קרעמער — האט זיך צוליעב זיין עשירות כמעט גאר ניט געענדערט, און איז פער־בליבען דער זעלבער שטילער, שוויַיגעדיגער יוד, מיט אלע זיינע פשוט'ע געוועהנהייטען. דערפאר אבער די קינדער זיינע — דער זוהן, די טעכטער און דער איידעם — האבען זיך שוין אין אלע פרטים, געפיהרט אויפ'ן אמת'ן גביר'ישען שטייגער. ווי אלע נגיד'ישע הייזער אין שטאדט רופט זיך אויך פייוועל־בער'ס געזינד אויף זייער פאמיליע־נאמען — בלאך; ווי אומעטום שטעהט ביי זיי א פיאנע אין שטוב; די קינדער געהען אין פערשידענע „קלאסען"; די מאנס־בילען טראגען הארטע היט מיט גאלדענע זייגערס. די ווייבער זענען נערוועז און רופען זיך מאדאמען, און אלע זומער פאהרט די גאנצע געזינד ארויס אויף א דאטשע.

פייוועל־בער אליין אבער איז אויף דער דאטשע קיינמאל ניט געפאהרען, האטש יעדען זומער בעטען איהם די קינדער און די אייניקלעך פערברייגען מיט זיי צוזאמען „אויף רייגער לופט".

— מ'קאן די געשעפטען אליין ניט איבערלאזען — פרובט ער זיך דאס רוב ארויסמאכען: עמיצער דארף דאך בלייבען אין שטאדט... אדער:

— אז מיר איז זומער גאר ניט הייס — שטאמעלט פייוועל־בער פערקעהרט: קאלטליך דאס רוב...

דאס לעצטע יאהר אבער איז פייוועל־בער אויף אן אמת אבי־סעל שוואכער געווארען אין געזונד. קיינע ווערטאגען האט ער אפילו אין ערגיץ ניט געפיהלט און האט זיך בכלל קיינמאל ניט געקלאגט, דאך אבער איז פאר אלעמען קאנטיג געוועזען, אז דער „פאטער" ווערט עלטער און עלטער... אויף דאס מאל האבען איהם שוין די קינדער ביש'ם אופן ניט אבגעלאזען, ער זאל ניט אגדערש דעם זומער זיין מיט זיי אויף דאטשע.

— פערשאף אינז ניט קיין איבעריגע שמערצען, פאטער —

האָט זיך ווי רחמים געבעטען פריידעל, די אויסגעצעבענע טאָכטער: דיין עלטער לעגט אינז אַזוי אויך אַלעמען אין דר'ערד אַריין...

— אַט פאָלגט אַמאָל קינדער — האָט אונטערגעהאָלפען זלמן, דער איינציגער זוהן און דער גאַנצער פיהרער אין שטוב: מיר האָבען דאָך דיר שוין געפאָלגט און געפאָלגט... פרוב, אדרבא, — קיין הרטה ווערסט דו, גלויב איך, ניט האָבען.

— וואָס הייסט פאָלגען? — האָט זיך אַריינגעמישט אפרים, דער איידעם: אַז מ'דאַרף איז דען עפּיס אַ תירוץ? אין עקשנות, הלילה, גערהט דאָך דאָ ניט...

צו יענער צייט איז גראַדע געקומען צו פאָהרען פויגעל, די יונגערע טאָכטער, וועלכע האָט ערשט געענדיגט אַלע קלאַסען ער־גיין אין אַ ווייטער גרויסער שטאָדט, און דערוועהענדיג דעם פאָטער נג'אלטען, אַ גרויען, האָט זי זיך צווויינט אויפ'ן קול, און מיט טרעהרען אין די אויגען האָט זי איהם דורכאויס געבעטען אָברוהען דעם זומער „צו לאַנד".

---

ביי דער פאַמיליע בלאָך אין שטוב איז אַ טומעל, אַ רעש — מען קלייבט זיך אויף דאַטשע. נויטערינס האָבען אָבגעבראַכט נייע זומער־קליידער און האָבען יעדען בעזונדער געמאָסטען, פערדיכט און ווידער געפאַסט; פודרמאַנעס מיט בייטשען אין די הענד זענען פריי אַרומגעגאַנגען איבער די פיסמע צימער'ן, האָבען זאַלבעטליכט געהויבען אַ בעט, געטראָגען אַנ'אַלמער און האָבען זיך דערביי פרעהליך געוויצעלט אויף פייווע־בער'ס השבון. און פייווע־בער אַליין — אַ בלאַסער, אַ צוטומעלטער — האָט שטילערהייד צוזאַמענגעלעגט אין אַ ווינקעל זיין בעזונדער פעקיל: דעם טלית־זאַק, עפּיס אַנ'אַלטען דיקען ספר און זיין שוואַרצען שבת'דיגען סורדוט, און אויסגעזוכט האָט ער בעת־מעשה אַזוי צוטראָגען און פערלאָרען, ווי ער וואָלט זיך קלייבען ערגיץ אין אַ ווייטען מסיבנ'דיגען וועג אַריין...

---

די ערשטע טעג אויף דאַטשע זענען געוועזען ניט קיין איינ־געגעבענע. אין דרויסען איז געוועזען רעגענדיג, המאַרנע און קאַלטליך; פון די שטעכעדיגע בוימער האָבען געקאַפּעט גרויסע טראָפּענס און אין די הייזער האָט אַריינגעבלאָזען אַנ'אומעטיגער ווינד. ניט ווילענדיג

איז מען דעמאלט געזעסען הורכאויס אין שטוב, און יעדערער בעשונדער האט פאר זיך געכעס'ט און ניט געפונען זיך קיין ארט. די ווייבער האבען זיך געקריגט מיט די דינסטען, געטענה'ט מיט די מאנען און פון בייזקייט ניט פערזוכט עסען; די מאנסבילען האבען אין דער פריה שטילערהייד, ווי שולדיגע, אנגעביסען, געקושט די קליינע קינדער און זענען שווייגענדיגע באלד אבגעפארען אין שטאדט אריין צו די געשעפטען, טראכטענדיג בעת-מעשה זעהר ניט גוט וועגען פרויען... און פויגעל, די געענדיגטע פריילין, איז גאנצע טעג אבגעלעגען אין בעט איינגעוויקעלט אין א גרויסער ווארימער טוך און האט מיט אנ'אבר ניט גערירט, ווי זי וואלט טרויערען נאך עפיס א טויטען. מעהר ניט פייוועלע-בער האט צו קיינעם קיין טענות ניט געהאט. ער איז דעם גאנצען טאג געזעסען אין שטוב ווארים אנגעטאן און איהם האט זיך דאמאלס אויסגעדוכט, אז ער איז נאר אין שטאדט, ביי זיך אין דער היים, און אז פאר „דאטשע“ איז אייגענטליך גאר ניטא וואס מורא צו האבען...

די רעגענס האבען אבער באלד אויפגעהערט, און ס'האבען זיך אנגעהויבען שעהנע, ליכטיגע און הייסע זומער-טעג. דאטשנע פרויען האבען זיך באלד אנגעטאן אין לייכטע זומער-קליידער; קליינע קינדער האט מען נעט אבגעשארען און אויסגעטאן בארוועס; דיקע מאדאמען האבען אנגעהויבען טרינקען „וואסער“ און פיעל אומגעהן; בלאסע, שמאלע ווייבליך האבען זיך גענומען ערהוילען מיט קאקאא, מילך, אייער, מיט וועהניג אומגעהן — מעהר ליגען, און סתם-דאטשניקעס מיט שוואכע הערצער — האבען „געשמעקט“ פעך און געגעבען זיך „ווינאדע“... און וואלד האבען זיך ביסלעכווייז אנגעהויבען בעווייזען „ניאניעס“ מיט קליינע קיילעכדיגע קינדער און וועגעלעך: ס'האבען זיך אויך בעוויזען בארוויסע יונגע-לייטלעך מיט ביכער אין די הענד און מיט יונגע מיידלעך, דאס רוב, ביים זייט; פאר-נאכט האבען זיך פון דער ווייטענס געזעהן רויטע פייערען ביים טייך און ס'האבען געהילכט יונגע קלינגענדיגע שטימען ווייט ארום.

אויך ביי דער פאמיליע בלאך האט מען זיך שטארק גענומען צום אויסנוצען די דאטשע. פריידעל, די עלטערע טאכטער זעהר א דיקע — האט געמוזט אויפשטעהן פריה, טרינקען וואסער און וואס מעהר זיין אויף די פיס. זי האט זיך אפילו צייטענווייז זעהר געפילט שפאצירען מיט איהר שווערען קערפער, און דער אויפ-

שטעהן פריה האָט איהר אויך ניט ווייניג געערגערט, אָבער פאַר צוקומען וואָג האָט זי שטאַרק מורא געהאַט און האָט ניט ווילענדיג געמאַכט אַלץ וואָס מ'דאַרף. רחל, די שנור, איז, פערקערט, געוועזען אַ לאַנגע, אַ דאַרע מיט אַ בלאַס איינגעצויגען געזיכט און איהרע אברים זענען, דאַכט זיך, געוועזען דינער און לענגער ווי ביי אַלעמען. איהר האָבען דאָקטוירים ערנסט געראַטהען: זיך לעגען נור-נאַכט, אַרומגעהן נור אַרום שטוב און ניט האַסטיג, ניט לייענען קיין ביכער און ניט רעדען הויך; וואָס אָפטער עסען, וואָס מעהר ליגען און איבערהויפּט — זעהן אויסמיידען עגמת-נפש... די מאַנסבילען ווידער זענען געוועזען פערשיעדען אויף זייער אַרט. אֶפרים, דער איידעם, אַ יונגער-מאַן פון אַ מאָליגע וואָליגע קלויזנער, האָט געהאַט אַ גרויסע ידיעה אין „נאַטור" און האָט ליעב געהאַט אָפט שמועסען פון זאַכען, וואָס האָבען אַ שייכות צום געזונד. אין שטוב ביי פּיוועבער'ן האָבען אַלע געהאַט פאַר איהם גרויס רעספּעקט, און אֶפרים'ען האָט מען אין אַלץ געטרויט.

— פרישע לופט קאָן מען אונטער דער האַנד ניט אַוועקמאַכען — פלעגט אֶפרים גאַנץ אָפט אויטאָריטעטיש איבער'חזר'ן: די מעדיצין האַלט אויך דערפון זעהר שטאַרק...

זלמן אָבער האָט אין דאַטשע געפיהלט אַזאַ טעם, ווי דיין טאַטע, און ווען רחל רעדט ניט אַזוי פיעל פון דאָקטוירים, וואָלט ער פון קיין דאַטשע גאָר קיינמאָל אַפילו ניט געטראַכט.

— אַ דאַטשע — פלעגט שטענדיג זלמן זאָגען — האָבען נור איינגעטראַכט די פּויערים אויף אָבצונעהמען די פּאָר רובל ביים יודען, און ווייטער גאָר...

— אָט רעד ניט, איך בעט דיר, קיין נאַרישקייטען — רייסט איהם רחל אַלעמאָל איבער: אַ וועלט פאָהרט אויף דאַטשעס — קלוגערע פאַר אונז, קומט ער און...

— קלוגער מאַגען זיי זיך טאַקי אָפשר זיין — ענטפערט ווידער זלמן: אָבער וואָס נאַרישקייט זעהען דאָך אַלע...

— און פון וואַנען זאָלסט דו אין דער אמת'ן וויסען פון דאַטשעס?

— האַפּט זיך ניט ווילענדיג אַרוים ביי דער אויפגערעגטער רחל'ן: געהאָדעוועט האָסט דו זיך ניט אויף דעם...

זלמן ווערט דערביי שטאַרק אין כעס און איהם ווילט זיך בעתמעשה מאַכען אַש און רויך פון אַלע געבאָרענע גבירים, פון זיין

געבילדעטע פֿרוי און פֿון זײַן מיט אַנאַנדער. אָבער דאָ מישט זיך אַרײַן אֶפֿרים, און אַלע בערוהיגען זיך באַלד.

— געלד קאָסט טאַקי אַ דאַטשע — דאָס איז אָהן אַ ספֿק אֱמת — האָט אֶפֿרים שלום געמאַכט: אָבער מען מוז מודה זײַן, אַז אַ דאַטשע האָט אַ סך מעלות, און טאַקי גרויסע מעלות...

און אֶפֿרים האָט זיך טאַקי געסטאַרעט אויסנוצען די דאַטשע אויפֿ'ן בעסטען אופֿן. קומט ער נור פֿון שטאָדט, טוט ער באַלד אָן אַ פּאָר גרינגע פּאַנטאָפֿעל, אַ דינע זײַדענע יאַרמאָלקע, צושפּילעט ברייט זײַן אויבער־ראָק, פֿערלעגט די הענד אויף הינטער, און צוזאַמען מיט זײַן דיקען װײַב לאָזט ער זיך מיט מיושבֿדיגע טריט אין וואַלד אַרײַן. „אַ חיות אויף נאמנות" — זאָגט ער אַלע מאָל, קומענדיג פֿון שפּאַציר: „ס'ווילט זיך גאָר פֿון וואַלד ניט אַרויס", און דערוועהענדיג אין דער ווילע פֿײַוועבער'ן בײַם וועראַנדע, פֿרעגט ער איהם דאָס־רובֿ: „וואָס זיצט איהר, שוועהר, שטענדיג נעבען שטוב? — איהר וואָלט זיך בעסער דורכגעהן אַ ביסעל — גוט איצט אין די בוימער..."

פֿײַוועבער ווערט באַלד רויטליך אין פּנים און הויבט אָן עפּיס אַזוי ווי הידרען זיך עטוואָס פֿון אָרט, און די גאַנצע געזינה צורודערט זיך באַלד פֿערוואָרגט וועגען „פֿאָטער".

— וואָס טהוט מען, וואָס טהוט מען — בעקלאָגט זיך פֿריידעל מיט אויפֿגעלעגטע הענד אויפֿ'ן ברוסט: אַ מענש זאָל אַנזאיבריגען איי ניט אויפֿעסען, אַגלאָז מילך ניט פֿערזוכען, און וואַלד ניט אַרויסגעהן און זאָל שטענדיג נור זיצען אַרום שטוב אַ פֿעראומערטער...

— אַדרבא — העלפֿט אונטער פֿויגעל, ווענדענדיג זיך צו די מאַנסבילען: איהר זענט איצט אַלע דאָ, טאָ רעדט איהר טאַקי מיט'ן פֿאָטער — איך האָב שוין צו איהם קײַן כח ניט...

זלמן שווײַגט דאָס־רובֿ בײַ אַזוינע ציפֿאַלען, ווי מיטפֿיהלענדיג דעם טאַטען, און נור־ווען־ניט־ווען זאָגט ער דערבײַ: „און דאָ נעבען שטוב איז דען ניט וואַלד? וואָס מאַכט דאָס אויס וואו ער זיצט — אַבי אויף דאַטשע..." אפֿרים אָבער קאָן עס ניט פֿערשווײַגען, און אַז אַלע הערען שטיל, זאָגט ער אָפּט אַביסעל מוסר דעם שוועהר.

— אַ מענש איז מחויבֿ — רעדט אפֿרים מעשה למדן — אָבהיטען זײַן געזונד, און ווען דער אויבערשטער העלפֿט, אַז מ'קאָן טאַקי, אַז ס'איז, הייסט דאָס, טאַקי פֿאַרהאַן ווי — ווערט האַמאָלסט דער חובֿ נאָך גרעסער, נאָך האַרבער... און דער פֿריה אַביסעל דורכגעהן זיך

איבער'ן וואלד – ענדיגט אפרים – איז בכלל ניט שווער; דערנאך טרינקט מען אגלאז מילך, מ'עסט אויף אנ'איי, מ'גערט א צוויטען מאל שפאצירען, מ'עסט עפיס ווידער: פאר וואס ניט, אז גאט העלפט? און געזונד איז טאקי טייער און דארף זיין טייער...

פייוועל=בער בלייבט אלע מאל זיצען ווי אהן אותיות און ווייס עפיס דאמאלסט אליין ניט וואס צו ענטפערען. צייטענווייז ווילט זיך איהם פערטרויען דעם אידעם א סוד, אז ער איז גאר איינגאנצען געזונד און דארף להלוטין קיין דאטשע ניט האבען, אז ער קאן בשום אופן קיין רויהע אייער ניט זופען און אין וואלד האט ער ממש ניט וואס צו טאן, אז ער איז געוועהנט צו דער שטאדט, צו זיין גאס, צום בית=מדרש און האט הנאה פון א פראסטער בעל=הבית'ישער אכילה... אבער ווי אזוי עס צו זאגען ווייס ניט פייוועל=בער, און ער בלייבט ווידער אויף דאטשע.

----

עס איז נאך גאנץ פריה, דער בלאסער הימעל איז נאך בעצויגען מיט לייכטע קליינע וואלקענס; די ערד איז נאך קאלטלעך און בעשפריצט מיט דעם ביינאכטיגען טוי; די בוימער שטעהען רוהיג און ערנסט מיט בעלויכטענע שפיצען פון דער אויפגעהענדער זון און פון די הויכע קארען=זאנגען הויבט זיך אין דער הויך א גרינגע דורכזיכטיגע פארע. שטיל – אלץ איז פערטיעפט אינ'ם זיסען שלאף פונ'ם פרישען זומער=פריהמארגען. איין פייוועל=בער נור איז שוין וואך. ער שטעהט אויף אלע מאל אין איין צייט – פיער=פינף א זייגער אין דער פריה, און ביז אלע שטובינגע האבען זיך אויף איז ער שוין פארטיג מיט אלע זיינע ארבייט. פייוועל=בער איז שוין דעמאלט אנ'אבגעדאווענטער, א דורכגעשפאצירטער און א זאטער, און פון זיינטוועגען האט טאקי שוין ווידער געמאגט ווערען נאכט – אבעסען וועטשערע און לעגען זיך שלאפען...

באלד אבער שטעהט אויף זלמן. ער שלעפט נור ארויף אויף זיך א פאר טופלעס, האפט א ווייסען ליילעך אין, נאך א פערשלאפענער, וועגדט ער זיך צום טאטען: „קום, פאטער, מיט מיר צום טייך – דו וועסט זיך דערוויל אביסעל דורכגעהן: גוט היינט אין דרויסען...“ זלמן באדט זיך אינ'ם טייך, שווימט, פאטשט אין וואסער, און פייוועל=בער ליגט אויסגעצויגען אויפ'ן זאמדיגען ברעג און קיידעט תמ'עוואַ-

טע א לאנגען גראז... א ביסעל שפעטער גערט ארויס פון זיין שלאפצימער אפרים, און נעהמענדיג א לייליך מיט זיך, מאכט ער אייילענדיג: „איך אנ'ארט זיצען, שוועהר, איז גאר ניט געזונד; אט קומט באמעליך צוזאמען — א זעלטענער טאג היינט...“ אפרים זייפט זיך לאנגזאם מיט הנאה, טונקט זיך אב איינעגע מאל און לויבט דעם וואסער, דערנאך טוט ער א שוואום און לעגט א ביסעל קלאפטער... און פייווע-בער ליגט דערוויל אויפ'ן זאמדיגען ברעג און קוקט עפיס סתם אין דער וועלט אריין...

באלד בעווייזט זיך אויפ'ן ווערענדע די גאנצע געזינד. דער עולם טרינקט וואסער, מילך, אייער; מ'עסט פוטער, קעז און ווידער אייער, און בעת-מעשה קלאגט זיך יעדערער בעזונדער אויף זיין אייגענעם אפעטיט און אלע צוזאמען — וואס דער פאטער פערזוכט ניט עסען...

— מיט וואס דער יוד לעבט — אסור אויב איך ווייס — זאגט מיט צער פריידעל: אזוי ווי א קליין קינד, ווי איהר זעהט מיך לעבען.

אפשר ווילט איהר, שוועהר, עפיס א בעסערע זאך — ווענדט זיך רחל צו פייווע-בער'ן: אדרבא זאגט וועט מען איך גלייך מאכען — א מענש מוז דאך עסען און בפרט נאך אויף א דאטשע...

— איך קאן דאך, קינדערלעך, קיין איבעריגע ניט עסען — בעט זיך פייווע-בער: איך עס גענוג, וויפיעל ס'ווילט זיך און וועל באלד טאקי ווידער עסען, באלד...

— אט נעהמט, שוועהר, און טרינקט אויס אנ'איי — מאכט אפרים א פשרה: וואס איז דא פארהאן איבערצורייזען — נאך א ברכה, נאך א מצוה...

פייווע-בער צוקלאפט אנ'איי, מאכט א ברכה און זופט עס אויס מיט האסט, ווי עפיס א ביטערע רפואה...

— „צו געזונד“ — זאגען אלע מיט איין מאל, און פייווע-בער ווישט דערוויל, שטארק פערקרימט, זיינע פערגעלטע וואנצעס.

ס'הויבט זיך אן א הייסער לאנגער זומער-טאג. די מאנסבילען פאהרען באלד אב אין שטאדט אריין צו זייערע געשעפטען; די ווייבער טהוען זיך אן אין לאנגע ברייטע קאפאטען און פערקלייבען זיך מיט די קליינע קינדער אין טרוקענעם סאסנע-וואלד; פייגעל האט זיך דארט בעקאנט מיט עפיס א געענדיגטען יונגען-מאן און זי ווערט דאס-

רוב פֿערפֿאַל'ען מיט איהם ערגיץ װײַט אין די קאָרען און אין די װעל־דער ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן. פֿײַװע־בער בלײַבט דאָס־רוב אײ־נער אַלײן בײַם װעראַנדע און ער פֿערלירט זיך דאַמאָלסט אַזוי שטאַרק, װי מען װאָלט איהם אַװעקגעזעצט ערגיץ אויף אַ פֿערװאָרפֿענעם אינזעל, אַרומגערינגעלט פֿון אַלע זײַטען מיט װאַסער... אַ הױבּש חײַלע שטעהט פֿײַװע־בער פֿערטראַכט, אַלײן ניט װיסענדיג פֿון װאָס ער זאָל אָנהױבען „שטופּען“ דעם טאָג. ענדליך טוט ער ניט אַמאָל אַ זיפֿץ, פֿערלעגט די הענד אויף הינטער און לאָזט זיך געהן פּאַ־מעליך אין נאָהענטען שיטער'ן װעלדיל אַרײַן. אַז פֿײַװע־בער קומט צו די צװײ גרויסע בעקאַנטע בוימער, נעבען װעלכע ער ליגט שטענדיג שוין פֿון אָנהױב זומער־אָן, לאָזט ער זיך באַלד אַראָב אויף דר'ערד מיט בײדע פֿיס מיט אײן מאָל, װי אַ געבונדענער און בלײַבט דאָרט ליגען פֿערסאָפּעט, װי אַ פֿערמאַטערטע בהמה... עס דױערט אָבער ניט לאַנג און בײַ פֿײַװע־בער'ן פֿערדרײַסט זיך דער קאָפּ מיט זײַן שיטערער באָרד אין דער הױך, די היטעל פֿאַלט בײַ איהם אינגאַנצען אַראָב אויף אַ זײַט. אײן האַנד בלײַבט שטעקען אין קעשענע, די צװײטע — ליהט אויסגעצױגען אויפֿ'ן גראָז מיט צושפּרײטע דאַרע פֿינגער, און ער צעכראָפּעט זיך באַלד שטאַרק און הילכיג, װי בײַ זיך אין דער הײם. װען פֿײַװע־בער האַפּט זיך אויף, איז שוין דעמאָלט די זון אויפֿ'ן רעכטען מיטען הימעל. אַ מידער, אַנ'אָבגעהלשט'טער הױבּט ער אויף פּאַמעלעך אַ האַנד, ציהט אויס אַ פֿוס, קעהרט זיך איבער ביסלעכװײַז אויף אַ זײַט, דערטאַפּט דאָס היטעל, און מאַכענדיג מיט'ן מויל אַזוי װי מעלה־גרה, לאָזט ער זיך צוריק אַ הײם.

נאָך מיטאָג װערט װידער ליידיג אַרום שטיב. פֿײַװע־בער זעצט זיך בײַם װעראַנדע און שפּילט זיך דאָרט לאַנג מיט דער קלײנער קעציל, טראַכטענדיג דערבײַ: „אַ נוציגע זאַך אַ קאַץ — מ'דאַרף עס האָבען...“ דערנאָך שמועסט ער אַ ביסעל מיט דער דינסט װעגען דער הײַנ־טיגער היץ, אַז ס'װעט מסתמא שפּעטער געהן אַ רעגען און אַז ס'װאָלט טאַקי ניט געשאַדט אויך... אַז ער רעדט זיך דורך, פֿער־שפּילעט ער, דאָס־רוב, גאָר ניט װילענדיג, זײַן האַלב־לאַנגע קאַ־פּאָטע און פֿערקירעװעט זיך װידער צום װאַלד. פֿײַװע־בער זעצט זיך דאָרט אָב כמעט אַלע מאָל אונטער אַ בוים און קוקט תמ'עװאַטע אויף זײַנע דאַרע פֿיס, אויף די דינע הױזען, אויף די ציצית פֿינ'ם אַרבע־כנפֿות און אַ מאָל האָרכט ער זיך סתם צו, װי עס סוד'ן זיך די צװײַגען, און פֿײַװע־בער'ן דערמאָנען זיך בעת־מעשׂה עפּעס זעהר

שרעקליכע זאַכען: ווי ער האָט אַמאָל מקבר געווען זיין פאָטער, דערנאָך אַ קליין קינד זיינס און צום סוף — דאָס ווייב, און אַז יעדעס מאָל האָבען די בוימער דאָרט, אויפ'ן בית-עלמין, שרעקליך און מורא'דיג גערוישט...

---

פאַר-נאַכט. די מאַנסבילען קומען אַן פון שטאָדט; ס'הויבען זיך אָן בעווייזען פרישע געסט אויף דאַטשע, און אַלץ אַרום ווערט מיט אַמאָל פרעהליכער, לעבעדיגער און געזינדטער. אַלע זעצען זיך באַל'ה אַרום טיש אויפ'ן וועראַנדע; מ'רעדט צוזאַמען, מ'לאַכט הויך אויפ'ן קול, מ'הכמה'ט זיך מיט די קליינע קינדער און מען טרינקט דערביי טהיי מיט „וואַריענעס". פייוועל-בער זיצט אויך דאַמאָלסט אין קאָמפּאַניע און האָרכט אָנגעשטרענגט די שטאָדטישע נייס. נאָר ווען איהם פערוויילט זיך מיט אַמאָל אויסטרינקען אַ גלאָז טהיי, האַפּען זיך אַרויס אַלע ווייבער מיט איין מאָל: „ניין, פאָטער, פאַר דיר איז טהיי גאָר ניט געזונד; טרינק אויס בעסער אַ גלעזיל מילך, אַני-איי — וואָס פאַר אַ זעט איז פון די הייסע וואַסער?..." פייוועל-בער'ן אָבער ווילט זיך שטאַרק אַ גלעזיל וואַרימס, און מיט הכנעה רעדט ער אַרויס: „מ'איז געוועהנט צו אַ גלעזיל טהיי — אָט ווילט זיך... און קיין צווי וועלטען לעבט מען דאָך אַלץ איינס ניט..." דאָ אָבער מישט זיך באַלד אַריין אָפרים, און פייוועל-בער טרינקט ענדליך קאַקאַאָ...

---

סוף זומער. די טעג זענען געוואָרען קירצער, די נעכט לאַנגע, פינסטער'ע און קאַלטע; די זון האָט געשיינט און געוואַרימט שוואַך ווי אַ טוס'ע און פון די אַרומיגע בוימער האָבען זיך געשאָטען געלע אָבגעלעבטע בלעטער. דערוועהענדיג די טרויעריגע האַרבסט-סמנים, האָט זיך ביי אַלעמען מיט אַמאָל, ווי עפּיס אָבגעריסען אין האַרצען און פאַר זיך האָט דערביי יעדערער געפיהלט אַ שווערע, אַ הדיקענדע בענקעניש נאָך דעם פערגאַנגענעם זומער.

— די געלע בלעטער לעגען זיך ווי שווערע שטיינער אויפ'ן האַרצען — האָט פייגעל טעגליך איבערגע'חזר'ט, און די אויגען איהרע פלעגען יעדעס מאָל פול ווערען מיט טרעהרען...

— אַלץ ווערט ענדליך געל און פֿערוועלקט — ענטפֿערט שטענדיג די קראַנקע רחל מיט אַ טיפֿען זיפֿץ דערביי: מיט אונז, מיט מיר וועט אויך אַזוי זיין...

— נאָך אַ זומער אַנטלאָפֿען — האָט אֶפֿרים עפּיס איין מאָל פֿילאָזאָפֿיש אַרויסגעזאָגט: ס'איז נאַרישקייטען, אַלץ אַ חלום — הבלי הבלים...

— וואָס מיינט איהר — האָט זלמן אונטערגעהאָלפֿען — אַ מענש איז טאַקי פֿערנאַרישט: אַנגעשטאָפּט נור אַ גוי מיט מטבע און ווייטער גאָר...

צופֿריעדען איז נאָר געוועזען פֿייוועל־בער. ער האָט אָנגעהויבען בעסער איינשלאָפֿען, מעהר עסען און האָט מיט הנאה געטראַכט פֿון פֿאָהרען אין שטאָדט.

# דער ערשטער בראך.

# דער ערשטער בראָך.

(אַ פסח-בילד).

גאָטשע איז אַ קרעמער, ווי אַלע יודישע קרעמער פֿון זײַן שטעדטיל. ער שטעהט אויך אויף גאַנץ פֿריה, ווי אַלע שטעדטילשע קרעמער, און סטאַרעט זיך איבערנעהמען אַ בעקאַנטען גוי מיט אַ פלעשיל אויף קעדאָסין, מיט אַ קעסטיל אויף שמירעכץ; ער האַפט זיך אַריבער אין נאָהענטען דאָרף און ברענגט, דאָס רוב, אַ קעלביל אויף די פלייצעס, טהוט אַ „שמעק" ביים פריץ אין הויף, „ווערט געוואָהר" ביים גלח, און פערזאַמט ניט פונדעסטוועגען צום ערשטען מנין... באַלד נאָכ'ן דאַוונען האָט גאָטשע ליעב אַ היים געקעכץ, און ווען דאָס ווייב זיינס ברייגנט איהם אין קראָם אַריין אַ פולען טעלער הייסע בולבע „ערשט פֿון פֿאַן", קריעגט גאָטשע בעת מעשה אַזוינע התפעלות פֿונ'ם ווייב, אַז איהם פערווילט זיך באַלד זאָגען: „אשת חיל"... נאָך די הייסע בולבע פֿיהלט גאָטשע עפּיס אַ שווערקייט אינ'ם גאַנצען גוף, און אָנשפּאַרענדיג זיך אויף אַ זעקיל „פענסאַק", ווערט ער אַזוי האַרט, אַזוי געשמאַק אַנטשלאָפען, ווי ער וואָלט אַ גאַנצען אָקס אויפגעגעסען... גאָטשע לאָזט אַרויס הרך זײַנע ברייטע נאָזלעכער עטליכע צעהנדליג הראָפּעס און האַפּט זיך באַלד אויף אַ פריישער, אַ לעבעדיגער. ער וואַשט די הענד, דרעהט אויף אַ פּאַפּיראָס, נעהמט אַ שטיקעל צוקער אין מויל אַריין און זעצט זיך אַריינקוקען אין אַ נייעם „הבור", וואָס אַ רב אַ דורכפאַהרער האָט איהם איבערגעלאָזען „אויף קרן"... גאָטשע קוקט דורך איניגע בלעטער פונ'ם ספר, און פערמאַכענדיג איהם, זאָגט ער צו זיך אַליין אויפ'ן קול: „שווער, שווער אַנ'אמת'ער יוד צו זײַן, שווער!"...

אָט אַזוי פערברענגט גאָטשע דאָס גאַנצע לעבען זײַנס אין קראָם, און ער האָט זיך שוין אַזוי צוגעוועהנט צו דער קראָם זײַנער, אַז איהם צידט שוין עפּיס גאַרניט אין שטוב אַריין. „אַ געשעפט — זאָגט שטענדיג גאָטשע — האָט ליעב, מ'זאָל עס היטען, אויב מען וויל קיין נאַר ניט בלייבען"... און גאָטשע האָט טאַקע זײַן „געשעפט" געהיט, קאָן מען זאָגען, מיט לייב און מיט לעבען — געטאָגט און גענאַכט אין קראָם.

דערפאַר אָבער די לעצטע טעג פאַר פסח פלעגט גאָטשע כמעט אין

קראָם ניט אַריינשמעקען, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר קיין קרעמער ניט געווען, ווי ער וואָלט די קראָם זיינע עפּיס עמיצען איבערגעגעבען. נאָטע פלעגט דעמאָלט זאָגען: „פון אַ מצוה וויל איך קיין פּרנסה ניט האָבען, און וואָס ס'איז מיר באַשערט, וועט גאָט געוויס אַוועקגעבען נאָך פּסח". דערצו איז פּסח אין נאָטעס אויגען השובֿ'ער געוועזען, ווי אַלע איבעריגע ימים טובֿים, און דער פּסח פלעגט טאַקע נאָטען קאָסטען געזונד מיט געלד. נאָטע פלעגט איבערלאָזען אין קראָם אַ קליין יונגעל זיינס, און אַליין געהט ער אַהיים „אַרומערען" די שטוב. און אַרבייט איז טאַקע אין שטוב ערבֿ פּסח אַ סך געוועזען, און פערלאָזען זיך אויף פרעמדע הענד האָט נאָטע ניט ליעב געהאַט. ער פלעגט אַליין קאַלכען די שטוב, אויסבראַמען דעם בוידעם, פערריכטען דעם „ליכט" פון אייווען, אויסרייניגען דעם וואַנד-זייגער לכבוד יום-טובֿ, און ער פלעגט דערביי ריידען: „אַ פּאַרטאַטש איז ביי מיר טריף, ווי חזיר, און איידער זיך צו שאַפען מיט בעקער דעם מילער, — שוין בעסער אַליין אַ ביסעל צוהאָרעווען און וויסען, אַז דאָס שטיקעל אַרבייט איז אַרויס גלאַט"...

און געטהון האָט נאָטע זיין אַרבייט מיט חשק, מיט צופרידענקייט — שטיל, רוהיג, ניט גע'כעס'ט, ניט געהאַרפּען זיך, און די לעצטע טעג פאַר פּסח פלעגט ער זיך גאָרניט צוזעצען. „עס געהט אַ גרויסער, פרעהליכער יום-טובֿ — פלעגט ער זאָגען — מ'וועט זיצען, מ'וועט ליגען, — ס'וועט נאָך אַלץ מאָס ווערען"... נאָר באַזונדערס איז נאָטע שטאַרק „פערשמייעט" געוואָרען, ווען ער האָט מצה געבאַקט. אַז דער בעקער שיקט זיינעם אַ מענשען נאָך נאָטעס מעהל אין „פּאָדריאַד" אַריין, ענטפערט איהם נאָטע האַלב אין כעס: „געה געזונטערהייד, מיין פריינד — מ'וועט אָהן דיר די מעהל אַוועקטראָגען"... און באַלד איז שוין דאָס זעקעל מעהל אויף זיינע פּלייצעס. דאָרטען אין „פּאָדריאַד" טהוט זיך נאָטע באַלד פונאַנדער און ער בלייבט נור אין זיינע גרויסע שטיוועל מיט וואַליקעס, אין הויזען אונטערגעגאַרטעלט מיט אַ ברייטען, געלען רימען און אין אַ לאַנגען טלית-קטן פון אויבען. ער געהט צו צום אייווען, ווי עפּיס אַ היימישער מענש, און זאָגט צום „זעצער" מיט אַ קול פון אַן אמת'ן בעל-הבית: „די פּיזוקע, געה שלאָף זיך דורך אַ ביסעל, — מיינע מצה וועל איך אַליין אָפּבאַקען"... און „פּאָדריאַד" ווערט מיט אַמאָל פיעל פרעהליכער, פיעל היימליכער, ווייל נאָטע, וויסען די ווייבער, האָט צייטענווייז ליעב זאָגען אַ ווערטעל, און די פערמאַטערטע וועל-

גדרקעס לאַכען אויפ'ן קול און ענטפערן אָב מיט חילעך...

נאָר געהאָרעוועט האָט נאָטע מעהר ניט, ווי ביז מ'האָט דעם יום-טוב אין שטוב אַריינגעבראַכט. איז אָבער נור געוואָרען סדר-צייט — ווייסט שוין נאָטע פון קיין שום אַרבייט ניט, גיט ניט אַקלאַפּ אַ פינגער אָן אַ פינגער. ער זעצט זיך אַנידער אויבען-אָן און האַלט נאָר אין איין „קאָמאַנדעווען", ווי אַ נ'אמת'ער מלך... און דעם גאַנצען יום-טוב פערברייננגט ער נור אין „סעודת-מצוה", און לערנען „הלכות פסח" און אין שלאָפען.

אַזוי האָט זיך נאָטע אָבגעלעבט שעהנע עטליכע יאָהר און אַזוי וואָלט ער מסתמא זיך נוהג געווען, ביז די כחות זיינע וואָלטען געדיענט. איז אָבער פאַר-אַ-יאָהרען אויף פסח צו נאָטען געקומען זיין עלטערער בחור, אַ געוועזענער קלויזניק, און האָט מיט זיין שאַרפען, סם-המות'דיגען צינגעל אַזוי לאַנג געדרעהט, געאַרבייט ביז עס האָט דעם טאַטען פון גערולד אַרויסגעבראַכט, און דער יום-טוב איז ביי זיי דעמאָלט אַ פערשטערטער, אַ פער'חושכ'טער געוועזען. דער בחור האָט זיין גאַנצען כח-הדבור אָנגעווענדט צו דערווייזען דעם פרומען טאַטען זיינעם, אַז די נסים פון יציאת מצרים זענען ניט מעהר, ווי אַ מליצה, אַז דער גאַנצער פרעה איז אויך נור אַ „משל", אַז אין אַזינע „נאַרישקייטען" גלויבט נור דער „המון-עם", און אַז גאָט וועט קיינמאָל ניט בעשטראָפען מיט אַזאַ מיאוס'ער מכה — מיט כנים... נאָטע האָט פראָטעסטירט מיט'ן גאַנצען כח, מיט'ן גאַנצען גוף; ער האָט געמאַכט מיט די פיס, מיט די הענד, מיט אַלע זיינע אברים און געשריען אויפ'ן בחור: „כופר בעיקר, אַפיקורס, פון מיין שטוב אַרויס!"..
און ווען דער בחור איז איהם שוין טיעף-טיעף אין די ביינער אַריינגעקראָכען מיט זיינע דבורים, האָט נאָטע פלוצלונג אַ וואָרף געטאָן זיך אויף איהם, ווי אַ לייב מיט פערקריצטע ציינער, און ער וואָלט פון בחור אפשר אַ בּאַרג אַש געמאַכט, ווען דאָס ווייב מישט זיך ניט אַריין מיט קולות, מיט געוואַלדען: „נאָטע! האָב מורא פאַר גאָט — זעה וואָס דו טהוסט!...

נאָך יענעם פערשאָלטענעם פסח איז שוין כמעט אַ גאַנץ יאָהר אַריבערגעפלויגען. דער בחור איז דעמאָלט באַלד פון דער היים אָבגעפאָהרען, און נאָטע האָט גיך אָן דער גאַנצער מעשה פערגעסען. און אויך דאָס לעצטע יאָהר האָט נאָטע געלעבט מיט'ן זעלביגען שטייגער, ווי פאַר-אַ-יאָהרען, ווי פאַר צעהן יאָהרען און האָט אויסער דער קראָם זיינער פון קיין זאַך ניט געקלערט, און קיין זאַך ניט

געהאָפט. ער פלעגט, ווי געוועהנליך, אויפשטעהן גאַנץ פריה, אַרי־
בערכאַפען זיך אין נאָהענטען דאָרף, אַ „שמעק" טהון ביים פריץ,
געוואָהר ווערען ביים גלח, דאַוונען צום ערשטען מנין, עסען הייסע
בולבע, אַנדרימלען ווערען אויף אַ וועקל „פּעניסאַק", אויפכאַפען זיך,
וואַשען די הענד, איבערדרעהען אַ פּאַפּיראָס, פערבייסען מיט אַ שטיקעל
צוקער און אַרײַנקוקען אין אַ „חיבור"...

נאָר ווען עס איז נאָהענט פאַר פסח געוואָרען און נאָטע האָט
שוין געהאַרפט נעהמען זיך פאַר די געוועהנליכע אַרבייט, האָט ער
דערמאָלט אָנגעהויבען פיהלען, אַז עפּיס איז היינטיגער פסח אַנדערש,
ווי אַלע פריהערדיגע, עפּיס ווילט זיך איהם גאָר פון קראָם ניט
אַרויס און די הענד הויבען זיך ניט צו קיין שום שטובּיגער מלאכה.
נאָטע האָט אַליין כמעט ניט פערשטאַנען, די אמת'ע סיבה פון זיין
אָבהענגיגקייט, פון זיין קאַלטקייט צום היינטיגען פסח. נאָר אין די
אויערען האָבען איהם עפּיס מיט אַמאָל אָנגעהויבען קלינגען די עזות־
דיגע ריד פון זיין בחור, און גאָר ניט ווילענדיג פערקלערט זיך נאָטע
גאַנץ אָפט וועגען יציאת־מצרים... „עט, גיט ער אַ מאַך מיט'ן האַנד,
ווילענדיג זיך אַ ביסעל בערוהיגען: פאַרהאַן וואָס צו הערען, וואָס
אַ שייגעץ רעדט — כף־הקלע זאָל ער געהן!".. נאָר צייטענווייז ווערט
נאָטע זעהר אומעטיג און ער פיהלט דערמאָלט אַ שרעקליכע שנאה
צום בחור זיינעם, ווי יענער וואָלט איהם עפּיס בעגזל'ט, בעראַבעוועט,
אין מיטען גאַס אַ נאַקעטען געלאָזען... און נאָטען ווילט זיך דערמאָלט
אַרויפוואַרפען זיך מיט'ן גאַנצען כח איפ'ן בחור און איהם צורייסען
אויף שטיקער, טרעטען איהם מיט די פיס, הערגען, שטיקען איהם,
און דער בחור זאָל שרייען קולות ביז'ן הימעל...

נאָר פינדעסטוועגען דינגט הלילה נאָטע קיין פרעמדען מענ־
שען ניט „זיין" אַרבייט אָבצוטהון: דאָס וועט נאָטע ניט טהון, דאָס
האָט ער ניט ליעב — ער האָט פיינט פאַרטאַטשעס... נאָטע טהוט
אַלין אַליין, ווי אַלע יאָהר, און לאָזט קיינעם זיך ניט צושטעקען צו
קיין פסח'דיגער מלאכה. אָבער די אַרבייט פאַלט עפּיס ביי איהם פון
די הענד, און אַלץ קומט עפּיס אַרויס ניט גלאַט, ניט קיילעכדיג, ניט
ווי נאָטע האָט ליעב. ווען נאָטע איז געלעגען אויסגעצויגען מיט זיין
גאַנצען לאַנגען גוף אין אויווען און האָט דאָרטען „געטינקעוועט"
דעם „לויט", דערמאָהנט ער זיך אין מיטען דער אַרבייט זיין
„משומד'ס" גלאַטע ריידעלעך, זיין שאַרף צינגעל, און נאָטען ווערט
מיט אַמאָל היים אין אַלע אברים און אַ דיקער שווייס בעדעקט דאָס

גאַנצע בעוואַקסענע פּנים זיינס. נאָטע קריכט באַלד אַרויס, פֿערדרוי־לערט אַ פּאַפּיראָס און זאָגט טרויעריג צום ווייב: „פֿון וואַנען האָט זיך דאָס ביי אונז עפּיס אַזאַ שטיק „שמד" גענומען, — ווייס איך ניט"... און ער קריכט צוריק אין אייחען אַריין...

ביים ריינינגען דעם זייגער איז נאָטע פּראָסט אויף כּוונת גע־בליבען: די „שפּראָנקעלעך" האָבען זיך געגליטשט, געפֿאַלען פֿון די הענד, דאָס „גלאָז" האָט ער ניט־ווילענדיג צוגעדריקט און צו־בראָכען, דאָס „האָהר" — צודרעהט, און אין מיטען ריינינגען לעגט ער אַלץ אָן אַ זייט אַנידער, זאָגענדיג סתם אין דער וועלט אַריין: „אַ שיינעם תּכשיט אויסגעהאָדעוועט — ניטאָ וואָס צו רייזען"... און „פּאַדריאַד" האָט זיך נאָטע אויך „געהאַלטען" עפּיס גאָר ניט ווי אַלע מאָל, און די וועלגערקעס האָבען בשום אופן ניט געקאָנט פֿערשטעהן, פֿאַרוואָס נאָטע איז היינטיגס יאָהר אַזוי „אָנגעבלאָזען", ניט ער האָט זיך פֿינאַנדערגעטהון, ניט ער „זעצט" אַליין, ניט ער הכמ'עט זיך מיט די ווייבער — ער שווייגט... נאָטע האָט שטילערהייד זיין מצה אָבגעבאַקט, אַלעמען זייער „ביער־געלד" אָבגעגע־בען און איז אַהיים אוועק, קלערענדיג: עפּיס טאַקע אַ מאָדנע מכּה — כּנים... ער איז שוין איינמאָל אַ שייגעץ...

דער סדר איז ביי נאָטען צוגעגאַנגען, ווי אַלע יאָהר. נאָטע האָט זיך אָנגעטהון אין זיין ווייסען קיטעל און איז מלכות'דיג געזעס־סען איבען־אָן אויף גאַנצע פֿינף קישענס. די הגדה האָט ער גע־זאָגט מיט וואַרימקייט, מיט התפּעלות, און יעדעס וואָרט האָט ער דעם ווייב און די קינדער פֿערטייטשט. נאָר ווען דאָס „זאָגעכץ" האָט זיך שוין געענדיגט און נאָטע האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקען גאַנ־צע צוויי כּוסות, האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ וויי־כען, אַ פֿאָטערליכען קול: „ניטאָ, ניטאָ מעהר אַ מאָליגע פּסח'ס... עס איז עפּיס ניט דאָס... ביי צייטיגע יודען פֿעהלט אויס דער... פּינטעל"... וואו קאָן ער דאָס איצט זיין, אונזער תּנא כּרא?"...

# דער איידעם.

# דער אײדעם.

„רפאל דער אײדעם" — אזוי רופען איהם דא אלע אין זײן שטעדטיל. און האטש רפאל וואוינט שוין דא אין שטעדטיל א היבש ביסעל יאהרען און פון זײן שװעהר איז שוין לאנג קײן זכר ניטא, דאך איז דער נאמען „אײדעם" פערבליבען ביז הײנטיגען טאג און אנדערש רופט איהם דא קײנער ניט. ניט אלע אפילו װײסען אויף קלאר די אמת'ע בעדײטונג פון אט דעם צונעמעניש, אבער די שטעדטילשע זענען שוין עפיס אזוי צוגעװעהנט אנצורופען איהם מיט'ן נאמען „אײדעם", אז װען עמיצער פערגעסט זיך אמאל און זאגט סתם: „רפאל" — פערריכט איהם באלד א צװײטער דעם טעות און דעמאלט ערשט פערשטעהט מען, װעמען מען מײנט. נאר, װי מען זאגט אין שטעדטיל, שטאמט דער „אײדעם" דערפון, װאס רפאל — שוין א בעיאהרענטער מענש און נאך א גרויסער אביון דער־צו — פיהרט זיך אויף עפיס גאר ניט װי אלע איבעריגע שטעדטילשע מלמדים, נאר עפיס פיהרט ער זיך אלײן מעשה יונגער־מאן, װי עפיס טאקע אן'אמת'ער אײדעם אויף אמת'ע קעסט...

אין גאנץ שטעדטיל, למשל, פאלט קײנמאל קײנעם ניט אײן אין א מיטען־װאך אװעקלאזען זיך שפאצירען: „װער האט דאס הערויף צײט? — װעלען אײך אלע אין אײן קול ענטפערן — װעמען ליגט דאס אין קאפ און צו װאס איז בכלל דאס שפאצירען?" און גראד אט דאס קאנט איהר פועל'ן בײ רפאל'ן דעם מלמד... אין גאנץ שטעדטיל, אויסער בײם גלה, עפענט דא קײנער פאר א גאנץ זומער קײנמאל קײן פענסטער ניט אויף, װײל די פענסטער זענען גאר אימעטום נאך פון װינטער פערשלאגען און פערשמירט. רפאל אבער קוקט אויף קײנעם ניט, און זומער זענען בײ איהם אפען די פענ־סטער, פונקט װי בײם גלה... פון באדען זיך האלט דא אין שטעדטיל קײן רעכטער מענש ניט: דאס איז אן'ארבײט — זאגען אלע — נור פאר קלײנע יונגלעך און פאר שטיפער. רפאל אבער הויבט זיך אן באדען באלד נאך „ספירה" און באדט זיך אלע מאל ביז שפעט אין זומער אריין...

זומער, א שטײגער, שטעהט מען דא אויף אין שטעדטיל

גאַנץ פריה, און יעדערער בעזונדער איילט זיך באַלד נעהמען פאַר זיין מלאכה: ווער עס געהט אַוועק אין דאָרף אַריין זוכען אַ גילדען פרנסה, ווער ס'קלאַפּט מיט'ן האַמער, ווער עס פּיטערט זיין קוה און ווער עס איילט זיך עפענען פריהער זיין קראָם. רפאל אָבער איז אַ מענש גאָר פאַר זיך. ער דאַווענט ניר אָב ביים ערשטען מנין און לאָזט זיך באַלד אַוועק, אין זיין לאַנגער צושפּיליעטער קאַפּאָטע, ווייט-ווייט הינטער'ן שטעדטיל, און ער געהט אַזוי שעה'ן לאַנג סתם אין דער וועלט אַריין... ביי-טאָג ווידער, ווען רפאל האָט ניר אַ ווייליע צייט, זיצט ער אויך קיינמאָל ניט אין שטוב, נאָר עס ציהט איהם עפּיס אַלץ אונטער'ן פרייען הימעל, און דאָס רוב געהט ער גאָר אַוועק באָדען זיך מיט זיינע קליינע תלמידים... וועגען פאַר-נאַכט איז דאָך שוין ניטאָ וואָס צו רעדען: רפאל דאַווענט ניר אָב מנחה — און ער שפּאַנט באַלד אַוועק צווישען די קאָרן...

— ריינע לופט, זאָגט אַלע מאָל ווי צו זיך אַליין רפאל, אומקעהרענדיג זיך פונ'ם שפּאַציר: איז טייערער ווי עסען, און רפאל צועפענט טאַקע באַלד ברייט די פענסטער פון שטוב.

די ערשטע יאָהרען, ווען רפאל איז אָנגעקומען אַהער אין שטעדטיל טאַקע אַלס אָמת'ער איידעם אויף אַלעם פאַרטיגען, האָט קיינעם דעמאָלט גאָר ניט געאַרט — ניט זיין פיעל אומגעהן, ניט זיין באָדען זיך עטליכע מאָל אַ טאָג און ניט זיין שטענדיגעס מגזם זיין דעם כח פון דער ריינער לופט. „אַ מענש אָהן דאגות — האָבען דעמאָלט די שטעדטילשע געזאָגט — אָט געהט ער, אָט רעדט ער, אָט שווינקט ער זיך: וועמען איז נאָך אַזוי רוהיג דער קאָפּ ווי איהם?"...

ווען רפאל אָבער איז אין עטליכע יאָהר אַרום געבליבען אָהן אַ שווער, אָהן קעסט און איז געוואָרען אַ געוועהנליכער שטעדטילשער מלמד — האָט איהם שוין דעמאָלט קיינער ניט געקאָנט מוחל זיין זיין שטענדיגעס שפּאַצירען איבער פעלדער און וועלדער, און יעדערער בעזונדער האָט אָנגעהויבען אַרויסזאָגען זיין אייגען גלייכווערטיל אויף רפאל'ס חשבון:

— ער זוכט דעם נעכטיגען טאָג! האָבען זיך קרעמער געוויצעלט, זעהענדיג פון ווייטען, ווי רפאל לאָזט זיך אין וועג אַריין.

— ער האָט ערגיץ מסתמא דערטאַפּט אַן אוצר: חכמה'ט זיך נאָך איינער, און דער עולם צולאַכט זיך אויפ'ן קול.

—„דער איידעם“ עסט ערגיץ קעסט הינטערן שטעדטיל, שמייכעלט צופריעדען א דרויטער.

קיין סודות זענען אבער ניטא, און אין שטעדטיל האט מען זיך ענדליך דערוואוסט, אז רפאל איז גארנישט אויסען מיט זיין געהן, אז ער האט פראסט התפעלות פונ'ם דרויסען און האלט זעהר שטארק פון פרישער לופט. פון דעמאלט אן האבען זיך די שטעדטילשע ווייצלעך א ביסעל איבערגעביטען אויף נייע און א קליינער טייל האט עפיס מיט אמאל גאר אינגאנצען אויפגעהערט אבלאכען פון רפאל'ן, זאגענדיג דערביי: „א מענש רירט ניט אן א פליעג אויף דער וואנד — זאל ער שפאצירען, אויב ער האט דערפון הנאה“...

נאר רפאל האט זיך אליץ איינס כמעט קיינמאל ניט גערעכענט מיט דער מיינונג פון שטעדטיל, ווייל ער האט פון זיי אלעמען לחלוטין ניט געהאלטען און האט זיי שטענדיג מבטל געווען תכלית הביטול.

— א שטעדטיל מיט בהמות! פלעגט רפאל אפט מיט פעררדרוס ארויסזאגען פאר דעם ווייב: איסער ברויט מיט גרויפען דארפען זיי מעהר גארניש...

דאס ווייב זיינס האט זיך אפילו שטענדיג געהיט איהם מיט וואס ס'איז מצער זיין, ווייל רפאל איז טאקע, ערשטענס, געוועזען א גוטער מאן — די גאנצע דעה האט זי ביי איהם געהאט; צווייטענס, האט זי גוט געוואוסט, אז רפאל ציהט זיין גאנצען היות נאר פון דעם געהן זיינעם און פון א גלעזיל טהיי, ווען ס'איז פאראן. אבער דאך פעררדרייסט איהר צייטענווייז, וואס איהר מאן איז עפיס „אן איינער“, וואס דאס גאנצע שטעדטיל האט נור צו טהון מיט איהם אליין און וואס צוליעב זיין אייביגער פערטראכטקייט האט ער טאקע א קנאפען „צושטאנד“.

— מיט דרויסען אליין אבער קאן מען דאך אויך ניט זאט זיין, ענטפערט זי איהם דאס רוב מיט א טיעפען זיפץ דערביי: און וואס דו געפינסט דארט אויף די פעלדער — אסור, אויב איך ווייס...

— ריינע לופט, האט אלע מאל אין אזוינע פעלען רפאל איבערגע'חזר'ט: איז טייערער ווי עסען, און ער האט טאקע כאלד ברייט צועפענט די פענסטער.

און רפאל, קאן מען זאגען, האט טאקע געלעבט מעהר מיט לופט, ווי מיט ברויט, און נור דאס שפאצירען אליין האט איהם אין זיין אינטערגעהאלטען.

— ווען איך וואלט האבען אלע מאל נאכ'ן „געדקן" א וואריבּ גלעזיל טהיי, זאגט ער אפט דעם ווייב: וואלט איך כמעט גאר קיינמאל ניט חעלען עסען...

שלעכט האט זיך נור רפאל געפיהלט ווינטער, ווייל ער האט איך זיך קיינמאל קיין ווארימען אויבער-בגד ניט געדאט, און ניט ווילענדיג פלעגט איהם אויסקימען גאנצע הדשים אבּזיצען אין זיין איינגער דירה. נאר איך ווינטער פלעגט זיך רפאל ציטענווייז קליגען: שפעט אין אווענד וויקעלט ער זיך איין אין דעם ווייב'ס גרויסע פאטשיילע און שטעהט אזוי אב שעה'ן גאנצע אונטער'ן קאלטען הימעל, בּייטענדיג אלע ווייליע די פיס און אונטערשפרינגענדיג אויף בּיידע... דערפאר אבער, חען די זון הויבט אן גוט ווארימען, ווען איבער'ן שטעדטיל לויפען בּלאטיגע וואסערלעך און דער נאהנטער בּארג בּעפרייט זיך פונ'ם שניי — איז שוין רפאל דעמאלט מעהר אין דרויסען, ווי אין שטוב, און ווען ער האט גאנצע שטיוועל, וואלט ער גאר כמעט א היים ניט געקומען. גראד קומט דעמאלט אויס די „בּין הזמנים", ווען א מלמה איז א לייריגער מענש, און רפאל לעבט דעמאלט אב צוזאמען מיט דער נאטור. עפּיס ווערט רפאל אין יענער צייט אזוי גרינג אויף די פיס, ווי ער וואלט מיט אמאל אויף א העלפט יונגער געווארען, און אין שטעדטיל זעהט מען איהם דעמאלט נור בּיים דאווענען.

— איצט איז פריהלינג! זאגט אן רפאל אלע מאל, ווי עפּיס א שטיקעל שמחה דעם ווייב: גיט אין דרויסען — ס'איז א לופט!..

דאס ווייב אבער האט פון איין יאהר בּיז א צווייטען כמעט אלע מאל פערגעסען די בּעדייטונג פון אט דעם ניט-געוועהנליכען ווארט, און ניט פערשטעהענדיג צום ערשטען מאל, וואס רפאל מיינט איהר צו זאגען, פרעגט זי איהם בּאלד איבּער מיט פערדרוס:

— וואס איז שוין עפּיס ווידער פאר א נייס אין „דיין" דרויסען?

— אט גארנישט, שטאמעלט רפאל: ס'איז „ויעסנע"...

בּכלל איז רפאל געוועזען דער איינציגער מענש אין שטעדטיל, וועלכער האט אנגערופען דעם פאר-פסח מיט'ן אמת'ן נאמען — פריהלינג, און כמעט אז מעהר ווי ער אליין האט זיך טאקע מיט דעם ווארט ניט בּענוצט.

— אין פריהלינג דארף מען עפענען א פענסטער, פלעגט

זיך רפאל גאר ניט־וועלנדיג אלע מאל ארויסריידען אין בית־המדרש: דא איז טאקע די לופט שרעקליך פערשטיקט...

אין בית־המדרש ווערט באלד א גרויס געלעכטער און השיבה'ע בעלי־הבתים, שמייכלענדיג איינגעהאלטען, הויבען אן דאס רוב ביסלעכווייז סוד'ען זיך.

— א משולם א מענש געוועזען, זאגט איינער מיט א רחמנות־פנים: איך געדענק נאך ווען ער איז אהער אנגעקומען; אבער וואס? — ארייגעלאזען זיך אין נארישקייטען, אין אלערליי „לופט"...

— ס'איז בכלל אנאייננערעדטע זאך מיט די לופט — ענטפערט א צווייטער מיט גרויס ביטול: ווארום, וואס איז שייך לופט?..

— מ'קאן ניט זאגען, מישט זיך אריין נאך איינער: אז ס'איז להלוטין גאר קיין לופט ניטא: ס'מוז עפיס יא וואס זיין — ס'איז דאך ניט שייך...

— מ'רעדט דאך ניט, הייסט דאס, ענטפערט גאר עפיס א ווייטיגער מענש: אז ס'איז אינגאנצען גאר דער מין ניטא; אבער צי וואס, פרעגט זיך, איז די התפעלות?...

נאר ווי דאס איז, האט מען די לעצטע יאהרען אנגעהויבען אין שטעדטיל קוקען אויף רפאל'ן עפיס... דאס הייסט, קיינער האט נאך די העזה ניט געהאט זאגען הויך, אז רפאל איז חלילה משוגע — ווארום וואס, אייגענטליך, ווערט מען פון איהם? אבער קיינעם האט זיך עפיס פינדעסטוועגען ניט געוואלט אבגעבען רפאל'ן זיינע קינדער אין חדר; און וואס ווייטער, אלץ קלענער איז געווארען רפאל'ס „צושטאנד" און אלץ מעהר צייט איז ער ארומגעגאנגען ווייט, ווייט הינטער'ן שטעדטיל... רפאל האט זיך אפילו דאס רוב געסטארעט געהן ניט דורכ'ן שטעדטיל מיט'ן גלייכען, ברייטען וועג, נאר אלץ דורך עפיס גערטנער און פארקאנעס. אבער דאך האבען עס די שטעדטילדיגע כמעט אלע מאל געהערט און יעדעס מאל האבען זיך נעבען די קראמען באלה אנגעהויבען די בעקאנטע גלייכווערטליך:

— דער „איידעס" איז שוין אוועק „שמעקען", הערט זיך א הילכיג געלעכטער. — „די קאטשקע איז אוועק אויפ'ן וואסער", לאכט מען פון דאס ניי.

און אז רפאל קעהרט זיך צוריק פון „גאנג", פרעגט מען איהם כמעט אלע מאל דיזעלביגע קשיות:

— נו, וואס, ר' רפאל — עפיס ווארים דאס וואסער?... און די

לופּט, ר' רפֿאל, איז עפּיס היינט גוט?"... רפֿאל אָבער האָט דערפֿון קיינמאָל קיין שום צער ניט געהאַט, האָטש ער ווייסט אַז דאָס לאַכט מען אָב פֿון איהם. און ער ענטפֿערט אַלע מאָל מיט אַ לאַכטען און זאָרגלאָזען שמייכעל: „וואַרים דאָס וואַסער, וואַרים"...

———

חוץ אַלע יאָהר און ווי אומעטום, איז אָנגעקומען אַ נייער פֿריהלינג און שטעדטיל און יעדערער האָט זיך גענומען צו זיין בעזונדער „פֿריהלינגס"-אַרבייט. אין „פּאָדריאַד" האָט מען זיך געשטעלט מצה באַקען; דער שטעדטילשער שניידער האָט זיך געזעצט „איבערנייהען" אַ וואַטאָווען בגד אויף אַ זומער-לעטניק; קליינע יונגלעך האָבען געשפּיעלט אין פּוסטע ניס, און רפֿאל דער מלמד — ווי אַ ניי-געבאָרענער — איז... אַרומגעגאַנגען סתם אין דער וועלט אַריין...

אויף מאָרגען נאָך פּסח, ווען ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבען אַ נייער זמן, איז רפֿאל געבליבען זיצען אין שטוב און האָט געוואַרט אויף זיינע תּלמידים. ס'איז שוין געוואָרען האַלבער טאָג, אָבער קיינער איז ניט געקומען...

דאָס ווייב האָט זיך שטאַרק צעוויינט אויף איהר פֿינסטערן מזל און האָט פֿינים האַרצען געשאָלטען דעם, וואָס האָט „אויסגעטראַכט" לופּט אויף דער וועלט. רפֿאל האָט זיך פֿערטראַכטערהייד אַנידערגעזעצט נעבען אַ פֿענסטער, וואָס ער האָט טאַקע כּאַלה בריט פֿינאַנדערגעעפֿענט. אַ היבשע ווילע איז ער אַזוי געזעסען, און פֿערקלערט, מיט עפּיס מאָדנע אויגען, האָט ער אין דערוויטענס אַריינגעקוקט. באַלד אָבער האָט זיך רפֿאל אויפֿגעהויבען און איז, ווי זיין שטייגער, געגאַנגען הינטער'ן שטעדטיל.

— דער „אידעם" איז שוין אַוועק שמעקען — האָט מען איהם פֿרעהליך בעגלייט.

אויף דאָסמאָל אָבער איז רפֿאל אַוועק און אַוועק, און אַוועק... און מעהר האָט שוין דאָס שטעדטיל איהם קיינמאָל ניט אָנגעזעהן...

# שמואל איצע.

# שמואל איצע.

שמואל־איטשע איז געווען אַ ייד אַ הענדלער, ווי נאָך פֿיל אַנדערע פֿון זײַן שטעדטיל. קײַן אייגענעם קאַפּיטאַל האָט ער קיינמאָל ניט פֿערמאָגט און פֿון „בּאַרעס“ געלד האָט ער כמעט גאָר קײַן השגה ניט געהאַט. נאָר שמואל־איטשע, ווי אַלע איבּעריגע הענדלער, האָט זיך געהאַט זײַנע בּעקאַנטע פּויערים פֿון אַרומיגע דערפֿער, זײַנע בּעזונדערע ערטער, וואו ער קריגט אַמאָל אַ גמילות־הסד, און ער האָט זיך אַזוי פּאַמעליך מפֿרנס געווען אַ ווײַבּ מיט קינדער — אַ סך קינדער.

בּכלל האָט זיך שמואל־איטשע אויסערליך ווייניג אונטער־שיידט פֿון אַלע איבּעריגע געמיינע שטעדטילשע יודען. ווי זיי, האָט ער אויך אַלע אין דער פֿריה געגעסען בּרויט מיט גרויפּען, בּײַ טאָג — בּרויט מיט הערינג און אין אָווענד האָבּען „געזופּט“ בּײַ איהם נור דאָס שטענדיג־זויגענדיג ווײַבּ און די קליינע קינדער: ער אַליין עסט נור צוויי מאָל אין טאָג: פֿרײַטאָג געהט שמואל־איטשע מיט אַלעמען צוגלײַך אין מרחץ, פֿאַרנאַכט פּוצט ער זיך צו איני'ם שבּת'דיגען היטעל און נאָכ'ן טשאָלענט שלאָפֿט ער לאַנג־לאַנג — ער וויל גאָר ניט אויפֿשטעהן...

בּטבע איז שמואל־איטשע געווען אַ שטילער, אַ שווײַגע־דיגער און האָט אויפֿ'ן לעבּען קיינעם אַפֿילו מיט אַ וואָרט ניט אָנגערירט. ער פֿלעגט עטליכע מאָל אין טאָג הורגענ'ען פּאַמעליך דעם מאַרק, אַרויסציהען אַ לאַנגען שטרוי פֿון אַ פּויערשען וואָגען, אַ טאַפּ טהון אַ זעקיל תּבֿואה, וועלכען ער האָט דאָס רובֿ ניט געקויפֿט, און קײַענדיג אַ ווייץ, פֿערקירעוועט ער זיך שטילער־הייד צוריק אַ היים. נאָר ניט קוקענדיג אויף זײַן שטענדיגען שווײַגען, האָט מען איהם אין שטעדטיל געהאַלטען פֿאַר אַ פֿערבּיסענעם און אַ סך — טאַקי פֿאַר אַנ'אמת'ן „צורר“.

— זײַן פּנים געפֿעהלט מיר עפּיס ניט — פֿלעגט יעדערער איבּער'חזר'ן בּײַם דערזעהן שמואל־איטשען: האָטש אַזוי איז ער, זאָגט מען, אַנ'אָרדענטליכער מאַן...

— זאָל מיר גאָט ניט שטראָפֿען פֿאַר מײַנע ריי־ה — האָבּען

זיך שטעטלשע ווייבער געסודעט: איך האב פאר דעם יודען מורא...

און אין דער אמת'ן האט טאקי שמואל-איטשע געהאט א מאדנעם אויסזעהן. דאס פנים זיינס איז געוועזען קליין און צוטריקענט, האטש דער קאפ איז ביי איהם געוועזען א גרויסער; די אויגען זענען געזעסען טיעף פערגראבען אונטער'ן פערקנייטשטען שטערען און בעדעקט מיט שיטערע, שטעכיגע ברעמען, און זיין גאנצע שמאלע פערגלות'טע פיגור האט אויסגעדריקט א וועלטענעם צער און קלעמעניש. שטענדיג פלעגט שמואל-איטשע ארומגעהן א פערקלעהרטער, בייסענדיג דערביי עטליכע האהר פונ'ם בארד, און זיין אייביג בייזער קוק און צוקרימטע געזיכט האבען דייטליך גערעדט פון וועהטאג און טיפער בעליידיגונג. און געטראכט האט שמואל-איטשע שטענדיג פון איין און דער זעלבער זאך, אז ער איז א גרויסער אביון און קאן זיך גאר נישט העלפען... דערביי קומט איהם אלע מאל אויפ'ן געדאנק, אז אייגענטליך איז ער אזא חכם און אלמדן, ווי אלע שטעדטילשע נגידים, אז ווען ער קריגט ערגיץ מיט א סבה א ביסעל מזומן-געלד, שטעלט ער זיך באלד אויף די פיס, נאר אז אייביג וועט ער שוין פונדעסטוועגען וואהגען אין א קאלטער דירה. די קינדער קיינמאל ניט זיין זאט, דאס ווייב וועט אלץ הוסטען, אז ארימקייט איז טאקי פשוט א שאנדע און אז ארויסקריכען וועט ער שוין פון דעם מסתמא קיינמאל ניט... דער סך-הכל פון זיינע מהשבות איז אויך אלע מאל איין און דער זעלבער: „פע, — א מאוס'ע וועלט!..“

— וואס ביזטו עפיס מעהר פערדאגה'ט פון די גאנצע וועלט? האט איהם דאס ווייב אפט מיטפיהלענדיג געפרעגט, קוקענדיג אויף זיין געזיכט, וועלכע איז שטענדיג פול געוועזען מיט יסורים: פון הונגער איז מען דאך נאך דערווייל קיינמאל ניט געשטארבען...

נאר שמואל-איטשע ענטפערט דאס רוב גארנישט, און נור ווען-ניט-ווען רעדט ער ארויס מיט א נידריג קול: „דו ווייסט איינס און איך ווייס צוויי...“

גערעדט האט שמואל-איטשע ווייניג, א שמייכעל האט זיך אויף זיין געזיכט קיינמאל ניט בעוויזען און געלאכט האט ער ניט פון זיין התונה אן.

— ווי ווילט זיך עס לאכען? — פלעגט ער פערוואונדערט אנ-

קוקען זיינע שוין דערוואקסענע קינדער. דאס איז אנ'ארבייט נאר פאר א פריץ מיט אייגענע מאַיאָנטקעס, אבער ניט פאר א ידען...

און אז שמואל-איטשע איז געזעסען אין שטוב, איז שוין דארט טאקי שטיל געווען, ווי אלעמען וואלט מיט אמאל דער לשון אבגענומען, און קיינער האט זיך דאמאלסט קיין ווארט ניט געפינען. דאס ווייב בלייבט אלע מאל זיצען מיט פערלעגטע הענד אויפ'ן הארצען, מיט א פרום אנגעשטעלט פנים, און מיט איהר אפטען זיפצען העלפט זי דעם מאן שווייגען און טרויערן; די קינדער זיצען דאן אינבעוועגליך, ווי אין דער לופטען; מ'קוקט זיך אין די אויגען, מ'בייסט די נעגעל, ס'טהוט העכער פלוצלונג א הוסט און ס'ווערט ווי-דער שטיל. און שמואל-איטשע אליין ציהט בעת-מעשה מיט איין האנד זיין שיטער בערדיל און קוקט האפנונגסלאז אין א פענסטער פון שטוב. ס'טרעפט אויך אמאל, אז עמיץ פון די קלענסטע קינ-דער צולאכט זיך דאמאלסט. שמואל-איטשע הויבט אן באלד קוקען אזוי ווילד, ווי ער וואלט דאס טאקי בשום אופן ניט משיג זיין, און ער זאגט דערביי מיט פערלאכטונג: וואס פאר א טעם מ'פיהלט אינ'ם „שצירען“ זיך — הויב איך ניט אן פערשטעהן...

— דאס וועט געשעהן — איז אין שטעדטיל געגאנגען א גלייך-ווארט — ווען שמואל-איטשע, וועט זיך פאנאנדערלאכען...

אויפשטעהן פלעגט שמואל-איטשע, ווי אלע אינ'ם שטעדטיל, גאנץ פריה. די ערשטע עטליכע רגע'ס, איידער ער קומט נאך צו זיך, איידער ער דערמאנט זיך נאך, ווער ער איז אזוינס, וואס ער דארף און וואס ער פערמאגט — איז שמואל-איטשע עהנליך אויף אלע געוועהנליכע וואכעדיגע ידען, און עס דוכט זיך בעת-מעשה, אז פון היינט אן איז ער גאר-גאר אנ'אנדערער — א מענש, ווי אלע מענשען. ס'דויערט אבער ניט לאנג, און שמואל-איטשע בע-טראכט זיך באלד, וואו ער האלט אין דער וועלט, אז פערדינען א גילדען איז שווער, ווי קריעת-ים-סוף, אז דער פריץ איז איצטער שלעכט, דער פויער — קליג, סוחרים א סך, אז די הוצאה זיינע וואקסט און ער קען זיך ניט צורייסען... זיין געזיכט ווערט ביי איהם תיכף דאס זעלבע, וואס נעכטען און וואס א גאנץ יאהר: שטרענג, ערנסט און פול מיט יסורים. שמואל-איטשע לאזט אראב זיינע דארע האדריגע פיס פון בעטיל און בלייבט א היבש ווייל-ע זיצען אינבעוועגליך. קוקענדיג אזוי אויפ'ן שטוב, דערזעהט ער באלד אלע זיינע שלאפעדיגע קינדער, דאס פערעלטערטע ווייב, זייערע אבגע-

פראַווענע שוכוואַרג, דעם גרויסען הלל פון אויווען, וועלכען מען מוז דורכאויס הייצען און וואו מ'דאַרף טעגליך עפּיס קאָכען. אַ פּחד נעהמט איהם אַרום פון אַלע זייטען, און אַ בייזער מיט אַ צוקרימטען פּנים הויבט ער באַלד אָן אַרומבלאָנדזשען איבערן שטוב.

צו יענער צייט האַפּט זיך דאָס רוב אויף דאָס ווייב זיינס, און נאָך ליגענדיג אויפ'ן בעט, קוקט זי אָנגעשטרענגט נאָכ'ן מאַנ'ס בעוועגונגען און זיין אויסזעהן. קוקענדיג אַזוי אויף איהר פאַר'כעס'טען שמואל-איטשען, דערמאָנט זיך איהר אַלע מאָל ביסלעכוויז פיעל-פיעל וויטע פאַרגאַנגענע זאַכען, פון וועלכע ס'געהט איהר אַריבער אַ ציטער איבערן קערפּער און ניט זעלטען בעגיסט זי זיך מיט אַ קוואַל זודיגע טרעהרען, וועלכע רינען לאַנגזאַם אַראָב אויף איהר אָפענע אויסגעטריקענטע ברוסט. פאַר די אויגען איהרע שפּרינגען אַריבער אויף צוריק אַ סך-אַ סך יאָהרען, און זי זעהט דייטליך שמואל-איטשען אַ יונג שעמעדיג בחור'ל, וועלכער האָט, אמת טאַקי, אויך דעמאָלט ווייניג גערעדט, אָבער ער האָט דורכאויס אונטערגעשמייכעלט, און ס'האָט איהם אַזוי געקליידט צום געזיכט... ביי אַט אַזוינע ערינערונגען פאַרדריקט איהר שטענדיג ביים האַרצען, און אַז זי וויינט זיך גוט אויס אונטער'ן קאָלדרע, רעדט זי דאָס רוב אַרויס מיט אַ קול פון רחמים: „שמואל-איטשע, וועה, שלאָג זיך אַרויס אַביסעל — די ביזט דאָך שוין פינסטער, ווי די ערד...“

ביי די ווערטער האַפּט זיך שמואל-איטשע אויף ווי פון אַ שווערען שלאָף. ער קוקט אינבעדייטענד אויף דאָס ווייב, און פונ'ם טיעפען האַרצען רייסט זיך באַלד אַרויס ביי איהם: „פע — אַ מאיס'ע וועלט!“.

* *

*

אַז מ'איז אין שטעדטיל גאַנץ פריה אויפגעשטאַנען, האָבען זיך אַלע באַלד דערוואוסט, אַז עס איז פאַרהאַן ביי זיי אַ מת. אַ טאָג איז דאַמאָלסט געווען אַ קאַלטער, אַ נאַסער און אַ אומעטיגער — אַן אמת'ער הערבסט-טאָג. איבען איבערן שטעדטיל איז נידעריג געהאַנגען אַ גראָהער הימעל, אַנ'אָנגעלאָדענער מיט רעגען-וואַסער, און האָט טרויעריג אַראָבגעקוקט אויף די שמוציגע הייזלעך; אונטען איז

געשטאַנען אַ שוואַרצע שיטערע בלאָטע, און וועלכער ס'האָט וועלטען דורכגעשפּאַצירט אַ שטעדטילשע בהמה אָדער אַ באָרוויסער גוי מיט אַ זאַק איבערן קאָפּ; די בוימער האָבען מורא'דיג געברומט און געשליידערט געלע בלעטער, און ס'האָט זיך ערנסט געדוכט, אַז אַ'ן האָט געחאַפּט אין פֿערשטאַנען, דאָס אין שטעדטיל האָט געשעהן עפּיס אומגעהויערליכעס.

— שמואל־איטשע איז געשטאָרבען — האָבען אַלע דורכאויס איבערגע'חזר'ט מיט הכנעה, און דערביי האָט זיך אינ'ם גאַנצען שטעדטיל געפֿיהלט אימה פֿון פֿרישען בר־מינן. געדאַווענט האָט דער עולם יענעם טאָג פֿרום און מיט התמדה, גערעדט האָט מען וועניג און שטיל, און אַלע האָבען זיך געפֿיהלט אַזוי אָבהענגיג און מוטלאָז, ווי יעדערער באַזונדער וואָלט דערשפּירט דעם טויט האַרט נאָהענט נעבען זיך.

און אַלגעמיין האָט אַ בר־מינן שטענדיג געמאַכט אַ גרויסען רושם איפ'ן שטעדטיל, און וואָכען־לאַנג נאָך דער קבורה איז נאָך אויף אַלעמען אַ מרה־שחורה געלעגען. נאָר דער הייניטיגער מת האָט עפּיס אַלעמען מעהר איבערראַשט און באַאונרוהיגט ווי געוועהנליך. קיינער האָט ניט געוואוסט דייטליך פֿאַר וואָס, און מען האָט זיך ניט צוזאַמענגערעדט צווישען זיך. נאָר יעדערער באַזונדער האָט זיך געפֿיהלט אַזוי ווי שולדיג אַביסעל געגען שמואל־איטשען, און זיין פּלוצלינגער טויט האָט ביי אַלעמען ווי עפּיס געמאָנט...

— ער איז נאָך גאָר ניט אַלט געוועזען — האָט זיך ביי אַ סך ניט ווילענדיג אַרויסגעריסען: ער האָט נאָך געקאָנט לעבען...

אַז דער עולם האָט זיך צוזאַמענגעקליבען אָבגעבען שמואל־איטשען דעם לעצטען כבוד, איז דאָס ווייב זיינס, אַ בלאַסע, אַ צוטומעלטע, אין די „אייגענע האָהר" אומגעלאָפֿען איבער'ן שטוב און האָט גע'טענה'ט מיט פֿערבראָכענע הענד: „פֿון קלעמעניש איז ער נעבעך געשטאָרבען, פֿון קלעמעניש...".

— וואָס איז אַ מענש — האָט מען אין פֿערשידענע ווינקלעך בעדייערט: גאָרנישט — אַ פֿליג און ווייטער גאָרניט...

— אַ קליינער יחסן אַ מענש — שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אַן עלטערע יודענע: קיינער ווייס ניט, וואָס הינטער'ן פּלייצע טהוט זיך...

— גוואַלד, ווי פֿערנאַרישט אַ מענש איז דאָס — פֿילאָזאָפֿירט נאָך איינער: די וועלט איז דאָך רק וועניג, און פֿרעגט וואָס?..

— אַ לעבעדיגער מענש דאַרף האָבען — פּרובּט עמיצער פערענטפערען: אַ זינדיגער מענש...

אַז מ'האָט געדאַרפט מטהר זיין דעם מת און מען האָט איהם אינגאַנצען אָבגעדעקט, האָבען אַלע באַלד דערזעהען דעם בעקאַנטען שמואל־איטשען. קיינער אָבער האָט זיך ניט געגלויבט, אַז דאָס איז דער זעלביגער, וועלכען זיי האָבען אַזוי פיעל יאָהרען נאָכאַנאַנד טעגליך געזעהן און בעגעגענט. דאָס פנים איז ביי איהם געוועזען גלייך, אַלע אברים אויף אַן אָרט, און אינגאַנצען איז אויף איהם געלעגען עפּיס אַ זעלטענע רוהיגקייט, וואָס לעבעדיגערהייט האָט מיט איהם קיינמאָל ניט געטראָפען.

אין טזמיל, אין רעש האָט זיך אַ קליין יונגעל שמואל־איטשעס פערקליבען ביים סאַמע מת, און דער זעהענדיג אַזאַ אונגעוועהנליך געזיכט ביים פאָטער, איז ער תיכף אַרויסגעלאָפען מיט קולות:

מאַמע! — דער טאַטע לאַכט!..

LITHUANIA

# אלע מאטערן זיך:

TARTU

# אַלע מאַטערן זיך.

עס איז איינער פון די הייסע זומערדיגע טעג, ווען די זון הויבט זיך אן אזוי ווי פלייסען און וויל דערווייזען, אז זי קאן בייקומען אפילו א מענשען... אין אזוינע טעג זאגט כמעט יעדערער איינציגע מאל: „ס'איז נאך היינט הייסער ווי נעכטען; אזא ברען איז נאך א גאנץ זומער ניט געוועזען; די היץ וועט געווים עפּיס אנמאכען"... ס'איז נאך גארניט פיעל נאך האלבען טאג און אלע פיהלען זיך שוין אויסגעמאטערט, צובראכען, ווי נאך דער שווערסטער ארבייט, און יעדערער אין זיין אופן, נאך זיין פערמעגען לעגט זיך צו א ווייל „אפּרוהען".

משה-ליב, דער גביר פון שטעדטיל, שפּארט זיך צו ביי זיך אין אייגענעם סעדיל, וואס נעבען סאמע פענסטער; מיין טאטע טרייבט ארויס די קליינע קינדער פון שטוב און לעגט זיך פראסט אין בעט, פארוואס די מאמע איז שטארק ברוגז; שלום דער שוסטער שלאפט זיך דורך אויפ'ן בוידעם, און קריכט אראב, ווען די ווייב געהט אוועק איבערן שטעדטיל זוכען דעם „הולטיי"...

שטיל איז אין שטעדטיל ווי אויף א בית-עלמין, אלץ איז אנטשוויגען געווארען ווי אבגערעדט צווישען זיך, ווי ווארטענדיג אויף וואס עס איז אונגעוועהנליכעס, ניט קיין פרעהליכעס... דורך די שטילקייט הערט זיך איבער'ן גאנץ שטעדטיל איין פערדומפּפטער קלאפּ פון א שווערען אייזען, און דאס איז די איינציגע בעוועגונג, וועלכע בעווייזט, אז די וועלט בלייבט נאך דערווייל וועלט, אז ניט אלץ איז נאך אנטשוויגען געווארען... דער קלאפּער איז ניט ווער ווייסט ווער, ניט שמשון הגבור; דאס איז—איצע דער שמיד מיט זיין אייגענעם בחור. ביי ביידען זענען די פּנים'ער בעדעקט מיט א דיקען שווארצען שוויים, וועלכער רינט אראב גלייך אונטער'ן האלז, און בייטענדיג זיך האלט איינער דעם צוואנג און דער צווייטער קלאפּט.

אויפ'ן טאטענ'ס פּנים בעמערקט זיך א זעלטענע רוהיגקייט, א געזעצטקייט, ווי ביי מענשען, וואס מיינען, אז אלץ געפינט זיך אין בעסטער ארדנונג, וועלכע גלויבען, אז אלץ וואס עס טהוט זיך מיט זיי און ארום זיי—דארף אזוי זיין. אז זומער איז הייס, ווייס

איצע נאָך פֿון קינדהייט־אָן, און דעריבער לאָזט ער אראָב דעם האַמער הדיג, צופֿרידען, ווי ער וואָלט מיט יעדען קלאַפּ מקים זיין אַ גרויסע מצוה... דער בחור אָבער איז ווי פֿערביסט אויף די גאַנצע וועלט, און זיינע קלעפּ קומען דערפֿאַר אַרויס זעהר ניט קיין גלייכע, נאָר אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. גאַנץ אָפּט קעהרט ער זיך אָב אָן אַ זייט און שפּייט מיט גרויס רוגזה, ווי וועלענדיג מיט׳ן שפּייַ פֿערלעשען די ברענענדיגע זון... דער בחור האָט זיין מייל אָבגעקלאַפּט, און אַנידערלעגענדיג דעם האַמער, זאָגט ער אומעטיג:

— מען דאַרף ווידער געהן נאָך וואַסער, שוין היינט דער פֿירטער עמער; ס׳ברענט טאַקע היינט, ווי מיט פֿייער; דאָס האַרץ טריקענט אויס, ווי די קוילען פֿון דער גאַנצער קוזנע וואָלטען איניוועניג געלעגען — גיס און גיס וואַסער אָהן אַ סוף.

— געה, נאָר זעה, ניט פֿערזאַם זיך דאָרטען ביים ברונעם; די אַרבייט ליעגט נאָך כמעט אינגאַנצען און ס׳איז שוין גאָר ניט פֿריה, זעה וואו די זון האַלט שוין.

— געזעהן, וואָס אַ מענש האָט זיך פֿערדאגה׳ט?! די זון געהט איהם אונטער! ס׳איז טאַקע פֿאַרהאַן וואָס צו זשאַלעווען, ניטאָ וואָס צו ריידען; נאָך קנאַפּ ווייזט אויס האָט מען זיך צוברענט פֿאַר היינטיגען טאָג; פֿערברענט זאָל דאָס ווערען מיט אַלץ מיט איינאַנדער!..

— נו, געה שוין, געה! ער האָט זיך שוין פֿונאַנדערגע־דרשנ׳ט דער מגיד... איך ווייס שוין גוט דיינע דרשות, — זאָגט מיט פֿעראַכטונג איצע.

דער בחור האָט זיך אָנגעטרונקען ביים ברונעם און מיט זיך האָט ער אַ פֿולען עמער געבראַכט. איצע האָט עטוואָס דעם עמער איינגעבויגען און האָט זעהר לאַנג געטרונקען; ער האָט אַ ביסעל אָבגערוהט און ווידער געטרונקען — אויך אַ פֿולע, און דעם רעשט האָט ער אויפ׳ן קאָפּ אויסגעגאָסען. איצע, ווייזט אויס, האָט גוט דערפֿילט די היץ און האָט דעריבער אָנגעהויבען ריידען עטוואָס ווייכער:

— איך ווייס ניט — זאָגט ער, מיט זיין געוועהנליכער קאַלט־קייט — וואָס פֿאַר אַ מלאכה וואָלט דיר געפֿעלען זיין, וואָס הופּסט דו אָן גוט, ווען מיינסטו איז בעסער. אַרומגעהן אין אַזוינע היי־צען מיט׳ן פּאַק איבער׳ן דאָרף איז גוט? דיין פֿאָטער דעם מולער

איז גוט? אָדער פּינקען איז פּאַרהאַן וואָס מקנא זײַן, האָט ער שלעפּט זיך אַרום גאַנצע נעכט מיט'ן קלאַפּער, מיט'ן פּײַפעל? ניטאָ, מײַן זוהן, קײן גרינגע לעבענס אויף דער וועלט; אַלעמען קומט שווער אָן דאָס שטיקעל ברויט, אַלע מאַטערן זיך...

— אַלע, אַלע, רעדט איבער מיט פֿערדרוס דער בחור. נו, און דער סוחר פֿון היגען וואַלד מאַטערט זיך אויך, האַ?

— און וואָס מײנסטו, אַז קלעצער פֿיהרען איז דאָס אַזאַ גרינגע מלאכה; נאָך ווײניג ווערען צעריסען די פֿויערים פֿאַר אַזאַ טאָג — אַ יאָהר, און אין מיטען דרינגען פֿאַלט אַ פֿערד און...

— איך רײד וועגען סוחר און ער ענטפֿערט מיר — פֿויערים!...

— וועגען סוחר־ר־ר!... געוועהן אַרײַנגעמישט; ער וועט זיך שוין באַלד גלײַכען צום היגען פּריץ און צו וועמען נאָך?..

— און צוריק רײדענדיג — זאָגט איצע, שוין מיט אַ ביסעל וואַרימקײט — מײנסטו, אַז דער סוחר איז מסתמא אַ בית־מדרש־ניק; גלויב מיר, אַז ס'פֿעהלט איהם אויך ניט קײן עגמת־נפש... מ'דאַרף רײדען מיט אַזוינע שררות, מ'דאַרף אויסקומען מיט אַזאַ עם רב, אַזוי פֿיעל פֿויערים...

— איך וואָלט זיך מיט איהם פֿינדעסטוועגען געביטען, — זאָגט האַלב־לאַכענדיג דער בחור.

— אָט פֿערמאַך, איך בעט דיר, דײַן הינטיש מויל און גײה אויף נאמנות, בעסער מנהג דאַווענען...

# פון אומעט.

# פֿון אומעט.

אַלע פֿאַרנאַכט, װען שאַפּירא װערט פֿרײַ פֿון זײַנע שטונדען, לױפֿט ער באַלד האַסטיג אַהײם אין זײַן צימער, און ער טראַכט דערבײַ אַלע מאָל ענטשלאָסען: „מ׳מוז פֿאָרט ענדליך נעהמען זיך אין די הענד אַרײַן און זיך צוגרײַטען צו אַ װעלכען ס׳איז עקזאַמען — איביג אַ לעהרער בלײַבען איז עפּיס גאָר קײן תּכלית ניט“. אָבער שטענדיג קומט שאַפּירא אַהײם אַ מידער, אַ צובראָכענער און אַ אונצופֿרידענער, און בײַם בעסטען װילען קאָן ער דאַמאָלסט בשום אופֿן פֿאַר קײן אַרבײַט זיך ניט נעהמען. שאַפּירא געהט דורך עטליכע מאָל זײַן קלײנעם צימער, פֿערװיכערט אַ פּאַפּיראָס, שפּײַט כעס׳דיג אין די װינקלען, און עפּיס גאָר ניט װילענדיג ציהט ער זיך באַלד אױס אױף זײַן קושעטקע.

ליגענדיג אַזױ מיט פֿערמאַכטע אױגען טראַכט דאָס־רוב שאַפּירא, אַז אַנ׳עלטערען בחור איז טאַקי אין דער אמת׳ן זעהר שװער זיך צו לערנען, אַז לערנען אָבער מוז ער, װײַל אַזױ בלײַבט ער הײנגען אין דער לופֿט — ניט אַהער, ניט אַהין, נאָר לערנען װעט ער שױן מסתּמא קײנמאָל ניט: ס׳זענען שױן די כּחות ניט דערצו, דער קאָפּ ניט דערבײַ און װײַל די פֿערלאַנגען זענען שױן בײַ איהם טאַקי גאָר אַנדערע — ס׳װילט זיך גליק, ס׳װילט זיך לעבען, אָבער טאַקי שױן, באַלד, די רגע...

און אַז שאַפּירא דערמאָהנט זיך פֿון גליק — פֿון אמת׳ן גליק און פֿון אמת׳ן לעבען — קאָן ער שױן דאָן רוהיג ניט בלײַבען. עפּיס זעהט ער זיך אַלײן אױס בעת־מעשה אַזױ קלײן, אַזױ שװאַך און אַזױ װײַט פֿון אַליץ, װאָס ס׳איז שען און ציציהענד, פֿון אַליץ, װאָס ער האָט װען געװאָלט און געטרױמט, אַז ער פֿערשעמט זיך גאָר באַלד פֿאַר זײַנע אײגענע פֿערלאַנגען, און אַנ׳אױפֿגערעגטער לאָזט ער זיך װידער געהן איבער׳ן שטוב. „שאַפּירא רופֿט מען מיך — לױפֿט איהם דורך דאָס־רוב אַ אונאַנגענעהמע מחשבה: פֿאַר װאָס בין איך עפּיס ניט אַנ׳אַנדערער — אַ שטאַרקערער, אַ גליקליכערער — אינגאַנצען אַנ׳אַנדערער?...“ אַ היבש װײַלע שפּאַצירט ער נאָך אַרום איבער׳ן צימער מיט אַ פּאַפּיראָס אין דער האַנד, װאַרפֿט אָפּ אַ בליק

אויף די פערשטויבטע ביכלעך, וועלכע ער קלייבט זיך אליין לערנען און וועלכע ער נעהמט קיינמאל אין האנד ניט און בלייבט זיצען פערטראכט, האלטענדיג ביידע הענד אין זיינע לאנגע צושויבערטע האָר. אז סוועט ענדליך פינסטער אין צימער טהוט שאפּירא אן זיין אבגעטראגענעם איבער-בגד, פערריכט עטוואס זיין הייסען קראגען און מיט שוואכע אינזיכערע טריט לאזט ער זיך געהן פאמעליך צו ראָזען — די איינציגע מיידעל מיט וועלכער ער בעגעגענט זיך די לעצטע צייט.

דײַטליך ווייסט שאפּירא אליין ניט צוליעב וואס ער געהט אזוי אָפט צו ראָזען און פאר וואס עפּיס חוקא צו איהר און ניט צו קיין אנדערער. ער ווייסט נור, אז פאר-נאכט איז איהם אלע מאל אומעטיג, אז אין צימער ביי זיך ווערט איהם דאמאלסט אייננ, אז אוועקגעהן מוז ער און אז ראָזען וועט ער געוויס טרעפען אין דער היים, ווייל זי האט אויך ניט קיין סך בעקאנטע און איהר ווילט זיך אויך צייטענווייז זיין אן׳אנדערע — ניט ראָזע...

אז שאפּירא קומט נאָהענט צו דעם הויז, וואו דאס מיידעל וואוינט, דערמאָהנט ער זיך אלע מאל, אז נעכטען האט ער דא ביי איהר זעהר שווער און לאנגווייליג פערבראכט, אז היינט האט ער, דוכט זיך, אויך ניט פון וואס מיט איהר צו רעדען און דערצעהלען און, אז ביים שיידען זיך וועט ווידער ביידען זיין אזוי שווער און אונ-בעקוועם. שאפּירא בלייבט שטעהן א רגע ביים טיר און צווייפעלט א קליין ווייל: „אריינגעהן, אָדער אפשר בעסער דורכלאָזען היינטיגעם אווענד“. אבער אומקעהרען זיך קען ער שוין ניט, און באלד טאקע איז ער ביי דער בעקאנטער ראָזען.

ראָזע פון איהר זייט איז שטענדיג זיכער, אז שאפּירא וועט געוויס קומען, און דאך, ווען זי דערהערט זיינע טריט נאך ווייט פון הינטער דער טיר, טהוט איהר עפּיס אלע מאל דערביי א שטאר-קען צופּ ביים הארצען און איהר געזיכט בעדעקט זיך מיט א לייכטער בלאסקייט... אבער זי בלייבט פונדעסטוועגען אומעטיג, ווי געוועזען, ווייל ראָזע ווייס און פיהלט, אז היינט וועט אויך [illegible] צווישען זיי גארנישט טרעפען, ווי נעכטען און די אנדערע טאג, אז זיי וועלען ביידע פריהער א סך שווייגען און שטיל, דערנאך וועלען זיי געהן שפּאצירען און וועלען ווידער שווייגען, און צום סוף וועט עפּיס אזוי באנג טהון און פערדריסען.

— גוט׳ן אווענד, ראָזע — רעדט ארויס שאפּירא כלומר׳שט

דרימט. און איהם דוכט זיך בעת־מעשה, אַז הײַנט װעט ער מסתמא די מויל ניט פֿערמאַכען פֿון פֿיעל רײדען און אַז דער אָװענד װעט אויף דאָס מאָל געװיס איבּער געלינגען און ניט לאַנגװײַליג.

— ניט יאָהר — ענטפֿערט זי איהם מיט אַ מידען שמײכעל און קעהרט זיך באַלד אָב מיט'ן גאַנצען קערפּער צום גאַסט.

בּײַ ראָזען פֿיהלט זיך שאַפּירא, װי אַ היימישער מענש... ער טהוט זיך באַלד פֿאַנאַנדער, געהט אַרום פֿרײַ איבּער'ן צימער, און רײַבּענדיג די הענד טראַכט ער דערװײַל, פֿון װאָס ער זאָל הײַנט אָנהױבּען רײדען מיט ראָזען, װאָס ער זאָל אַזוינס דערצעהלען איהר, אַז ס'זאָל בּײדען זײַן גוט, גרינג, און אינטערעסאַנט. שאַפּירא אָבּער קאָן כמעט קײנמאָל גאָרנישט אויסטראַכטען, און אַ אונצופֿרידענער מיט זיך אַליין שפּאַרט ער זיך צו אויף ראָזע'ס שען, אויפֿגעראַמטעם בּעטיל... ליגענדיג אַזוי פּרוּבט ער זיך דאָס־רוב פֿאָרשטעלען אויף אַ װײַלע, אַז ער האָט שוין מיט אַט דער ראָזען התנה געהאַט און װאוינט מיט איהר צוזאַמען, אַז פֿון זײַנע שטונדען קומט ער גלײַך אַהער צו איהר און ציהט זיך אויס אויף דאָס רײנעם בּעטיל, אַז ראָזע זעצט זיך שטאַרק נאָהענט נעבּען איהם און ער קאָן זי פֿעסט אַרמען און קושען... און שאַפּירא פֿרעגט זיך דאַן: „הײסט עס גליקליך זײַן, אָדער ניין?“... ראָזען פֿון איהר זײַט פֿאַלען אויך אײן בּעת־מעשה ענהליכע מחשבות, און אײן צײַט צװײפֿלען בּײדע פֿון געמײנזאַמען גליק...

— װאָס שװײַגט איהר, שאַפּירא — פֿרעגט איהם ראָזע מיט אַ שװאַכער, אינגעכערער שטים: לאָמיר עפּיס רײדען — דערצעהלט עפּיס...

— איהר שװײַגט דאָך אויך — ענטפֿערט ער מעלאַניש אַלע מאָל די זעלבּיגע: ס'רעדט זיך עפּיס ניט...

— קומט אַבּיסעל שפּאַציר'ן — דערמאָהנט ענדליך ראָזע נאָך אַ לאַנגען שװײַגען: װאָס זיצט מען אין שטוּב?..

פֿון צימער געהן זײ בּײדע אַרויס מיט אַראָבּגעלאָזטע קעפּ, װי שולדיגע און בּײדען װילט זיך דאַמאָלסט, אַז אין גאַס זאָל עפּיס מיט אַמאָל טרעפֿען װאָס ס'איז אינגעװעהנליכעס, ס'זאָל פּלוצלונג געשעהן עפּיס אַ גרויסער אומגליק — אַ שריפֿה, אַ מבּול, אַ שטורם, און אין טומעל, אין רעש זאָלען זײ אײנס דעם אַנדער'ן פֿערלירען — פֿער־לירען און ניט געפֿינען... און טראַכטענדיג אַזוי שטעלען זײ זיך דײַטליך פֿאָר, װי גוט ס'װאָלט עס זײ אויף מאָרגען געװעזען...

אָבער ווי אויף להכעיס איז אין דרויסען שטענדיג שטיל ווי אויף אַ בית-עלמין, אַזוי שטיל, אַז זיי הערען אַליין דייטליך דעם איינגע-נעם שווייגען... אויפ'ן וועג הויבט זיך אַלע מאָל אָן צווישען זיי דער באַקאַנטער שמועס, פאַר וועלכען ביידע האָבען שרעקליך מורא און חזר'ן איהם פונדעסטוועגען טעגליך איבער.

— וואָס שווייגט איהר היינט אַזוי? — רייסט זיך אַרויס ניט ווילענדיג ביי ראָזען: רעדט עפּיס, דערצעהלט...

— און איהר רעדט דען? — פערענטפערט זיך שאַפּיראָ: אדרבא הויבט עפּיס אָן...

— איך בין אַנ'אַנדער זאַך — פּרובט זי אונטערהאַלטען דעם געשפּרעך: איהר זייט דאָך עפּיס אַ מאַנסביל...

— איך בין אויך אַנ'אַנדער זאַך — שטאַמעלט שאַפּיראָ...

ווייט הינטער'ן שטאָדט זעצען זיי זיך אַלע-מאָל אָב אונטער אַ גרויסען צווייגעדיגען בוים. שאַפּיראָ ציהט זיך דאָרט אויס אין זיין גאַנצען לענג אויפ'ן גראָז מיט'ן פּנים אַרויף און ער קוקט אַריין אין דער הויך מיט אַזאַ אָנגעשטרענגטקייט, גלייך ווי ער וואָלט דאַמאָלס ניר טראַכטען דערזעהן דאָרט עפּיס אַ פערוואָרפענעם שטערן, וועלכען ער זוכט שוין יאָהרען לאַנג... ראָזע שפּאַרט זיך אָב אָן דעם נאָהענטען בוים, פערלעגט די הענד אויפ'ן ברוסט און קוקט מיט אַ מידען בליק אין דער טונקעלער ווייטעניש... „מ'מוז אויפהערען — טאַקי אינגאַנצען אויפהערען זיך טרעפען ביידע" — טראַכט הרכאויס שאַפּיראָ, און ביי איהם בלייבט פעסט, אַז מאָרגען אין דער צייט וועט ער זיצען ביי זיך אין צימער, ער וועט ניט זיין קיין מחויב צו ריידען און ער וועט אפשר טאַקי אַביסעל לערנען אויך... לאַנג נאָך קוקט שאַפּיראָ אין הימעל אַריין; ער טראַכט פון עפּיס ריידען, זאָגען און ער פיהלט דערביי, אַז די צונג זיינע איז ווי צוגעפראָרען ביי איהם אין מויל, אַז אויפ'ן הארצען איז איהם היינט ניט בעסער, ניט פרעהליכער, ווי נעכטען, אַז ס'איז ניט גוט און ווייטער גאָר...

לאָמיר שוין גאָר געהן אַהיים — לעגט פאָר ראָזע: אפשר וועט דאָרטען זיין בעסער — דאָ איז עפּיס ניט איבריגס...

אַז שאַפּיראָ קומט צו זיך אַהיים פיהלט ער שטענדיג אַ נאָ-גענדע פּוסטקייט אין האַרצען און ער איז דאַמאָלסט אַזוי מיעד, ווי נאָך דער שווערסטער אַרבייט. נאָר איבערהויפּט קאָן ער זיך בשום אופן ניט מוחל זיין דעם שטענדיגען שווייגען ביי ראָזען און

שעה'ן-לאַנג לויפֿט ער אַרום נערוועז איבער'ן צימער. „הלמט זיך ס'איז גענוג פֿאַרדאַן וועגען וואָס צו ריידען — קלערט ער איבער: וואָס איז דאָס עפּיס פֿאַר אַ מין קראַנקהייט מיט מיר?“.. און אַלע מאָל בלייבט ביי איהם, אַז מאָרגען וועט ער שוין געוויס אַ סך ריידען מיט איהר, ער וועט איבער'חזר'ן זייערע אַמאָליגע געשפּרעכען, ער וועט ריידען וועגען מאַנסבילען און פֿרויען, וועגען ליעבע, וועגען אימעט, וועגען גליק, און וועגען לעבען אין אַלגעמיין — אַ דאגה וואָס צו ריידען!...

* * *

ס'איז געוועזען אַ שענער פֿרישער פֿאַר-נאַכט נאָך אַ לאַנגען הייסען זומער-טאָג. שאַפּירא, ווי דאָס-רוב מענשען מיט ווייניג לעבען און ווייניג גליק, איז פֿאַר'ן טאָג שטאַרק מיעד געוואָרען. קומענדיג נאָך דער אַרבייט צו זיך אין זיין קליין צימער האָט ער זיך געפֿיהלט אַזוי שוואַך, אַזוי צוקלאַפּט און אַזוי ניט פֿעהיג צו לעבען, צו שטרעבען און צו ווילען וואָס ס'איז, אַז ער האָט אין יענעם אָוונד אָן די גאַנצע וועלט פֿערגעסען און אַ וועלטענגלייכגילטיגקייט האָט אַרויסגעקוקט פֿון זיינע פֿערלאָשענע אויגען. ער האָט זיך צעוואָרפֿען אויף זיין האַרטער קושעטקע, האָט פֿעסט פֿערדריקט די אויגען און איז געבליבען ליגען אומבעוועגליך — ניט טויט, ניט לעבעדיג.

נאָר אַז ס'איז אַריבער אַ פּאָר שעה צייט האָט ער ווי אַלע מאָל אָנגעטהון דעם אָבגעטראָגענעם איבער-בגד און איז פֿאַמעליך אַוועק צו ראָזען.

אַז זיי זענען שוין ביידע געוועזען ווייט הינטער'ן שטאָדט און האָבען זיך שווייגעדיגע אַראָבגעלאָזט נעבען באַקאַנטען גרויסען בוים האָט זיך ראָזע שוין ניט געקאָנט איינהאַלטען מעהר, און זי האָט איהם ווידער אַמאָל געפֿרעגט מיט איהר אַלטען אימעטיגען ניגון:

— וואָס שווייגט איהר, שאַפּירא? — דערצעהלט עפּיס...

— לאָמיר גאָר ביידע התונה-האָבען — האָט זיך ביי שאַפּיראַן פּלוצלונג אַרויסגעהאַפּט...

— וואָס ?...

— גאָרנישט...

— התּינה־האָבּען — זאָגט איהר ? — האָט ראָזע איבּערגעפרעגט מיט אַ ציטערדיגער שטים...

— סאַראַ אימעט — האָט שאַפּירא געשטאַמעלט: ניטאָ עפּיס וואָס צו רײדען...

איך מאָרגען האָבּען זײ געשפּאַצירט הינטערן שטאָדט און האָבּען בּײדע געשװיגען...

„דעם איין מאל".

# „דעם אײן מאָל“.

(געװידמעט א. י. גאָלדשמידט).

שלמה איז אײנער פֿון די בחורים, װאָס אין חדר װעגען זײ װאױלע יונגלעך, אין דער ישיבה — „גוטע“ בחורים און אױפֿ'ן צװאַנציגסטען יאָהר — גרױסע „אַפּיקורסים“ מיט פֿיעל װיסענשאַפֿט אין קאָפּ און מיט ברילען אױף דער נאָז...

איצט איז שױן שלמה'ן זעקס און צװאַנציג יאָהר און זעהט אױס פֿיעל עלטער, פֿיעל אָבגעלעבטער. אױפֿ'ן קאָפּ בײ איהם בלישטשען פֿון װײַטען אַ היבש ביסעל זילבערנע האָהר און אױפֿ'ן פּנים ליגען דײַטליכע צײכענס פֿון אַן אונצײַטיגען עלטער.

שלמה ליגט איצט אין אַ קלײן צימער אױף זײַן שטענדיגער אכסניה, די אױגען פֿערריסען צו דעם סטעליע און זײַן אָבגעשװאַכטען קאָפּ מאַטערט אין דער װײַלע אַן אַלטער, אַ גוט־בעקאַנטער, נאָר אַ שװערער, אַ דריקענדער ספק: „װידער פֿאָהרען אױף אַ קאָנדיציע אָדער זעהן סטאַרען זיך װי עס איז פֿערבלײַבען אין שטאָדט“. פֿאָהרען אין דאָרף פֿאַר אַ לעהרער — װײסט שלמה, אַז ער טאָר דאָס ניט, אַז דאָס איז פֿאַר איהם אַן אמת'ע שחיטה, אַן אומגליק, אַז ער מאַכט זיך אַלײן פֿאַר אַן אײביגען קאַליקע; שלמה װײסט און געדענקט נאָך גאַנץ גוט, אַז דאָרטען אין די דערפֿלעך געהט בײ איהם גאָר די צײט אַריבער אין אומעט, אין טרױער, אין בענקעניש, אַז ער טהוט דאָרט גאָרניט און קאָן ניט טהון און די בעסטע יאָהרען זײַנע װערען פֿערשװאונדען גאָר אָהן נוץ פֿאַר זיך און פֿאַר לײַטען. אָבער בלײַבען אין שטאָדט — איז װידער אומעגליך: קײן געלד האָט ער ניט, פֿערדינען װאָס איז שװער, און לעבען, װי ס'מאַכט זיך — ניט דערעסען, ניט דערשלאָפֿען — איז שױן טאַקע די כחות ניט דערצו און עס פֿעהלט איהם שױן די ענערגיע פֿון די פֿריהערדיגע יאָהרען.

אין דער װײַלע דערמאָנט זיך שלמה, אַז אָט די זעלביגע פֿראַגע — „פֿאָהרען אין דאָרף אָדער נײן“ — איז פֿאַר איהם געשטאַנען פֿאַר די לעצטע עטליכע יאָהר אפשר צעהן מאָל. און יעדעס מאָל, זעהט ער זיך גאָר אַלײן ניט אַרױס, װי ער פֿאָהרט

אַוועק אין פּטר'ס דאָרט זיין יוגענד, זיינע בעסטע יאָהרען. ער איז געשוויגנד פֿון בעטיל אויפֿגעשפּרונגען און האָט מיט הערצטאָג אויסגעשריען, קלאַפּענדיג מיט זיין טרוקענער האַנד אינ'ם טישעל: ניין! איך טאָר מעהר ניט פֿאַהרען אין די פֿערפֿלוכטע דערפֿלעך, איך בין אַ גזלן אויף זיך אַליין — איך בלייב אַנ'אייביגער מלמד, אַ קראַנקער, אַ צרה'דיגער מלמד!... גאָר דאָס ביסעל בלוט פֿון זיין גאַנצען אָרימען קערפּער איז איהם פֿון פֿערדרוס, פֿון ווערטאָג אין פּנים אַריין, און האַלטענדיג זיך מיט ביידע הענד פֿאַר זיינע לאַנגע האָהר, האָט ער זיך געשווינד געלאָזען לויפֿען איבער'ן צימער. שלמה האָט זיך איצט דערמאָהנט, אַז ער איז שוין טאַקע גאָרניט יונג, אַז ער האָט זיך אַליין גאָרניט אַרומגעזעהן, ווי גיך ער איז אַנ'אַלטער בחור געוואָרען, אַז פֿאַר די לעצטע עטליכע יאָהר האָט ער גאָרנישט אויפֿגעטהון און איהם איז איצט פֿיעל שווערער קומען צום ציעל — עקזאַמענירען זיך — ווי פֿריהער, אַז ער איז אין געזונד אויך פֿיעל שוואַכער געוואָרען. און שלמה האָט אין דער ווייל בשום אופֿן ניט געקאָנט פֿערשטעהן, ווי אַזוי איז ער דאָס אַלץ געפֿאָהרען אַ זמן נאָך אַ זמן אין די וויסטע דערפֿלעך — דאָרט לאָזען דאָס געזונד, די ענערגיע, די פֿרישקייט פֿון די יונגערע יאָהרען. ער האָט זיך, ווי אַ פֿערמאַטערטער ווידער אין בעטיל אַריינגעוואָרפֿען און ערינערונגען האָבען איהם אַרומגענומען פֿון אַלע זייטען... שלמה האָט זיך גענומען דערמאָהנען, ווי ער איז צום ערשטען מאָל אין דאָרף געפֿאָהרען צו איינעם עפּיס אַ שאַפֿער אין אַ וואַלד פֿאַר פֿערציג רובל דעם זמן. געוועזען איז דאָרטען ביים שאַפֿער אַ גאַנצער דוץ קינדער פֿון פֿערשידענע יאָהרען; אַ ווינטער איז גראָד דעמאָלט געוועזען אַ קאַלטער, אַ שטרענגער; אַריינגעהן וואו איז ניט געוועזען צו וועמען; קיין באַזונדער צימער האָט ער אויך ניט געהאַט, און ניט-ווילענדיג האָט שלמה געמוזט אָבזיצען אַ לאַנגען, אַ שווערען ווינטער ביי איין טיש מיט'ן שאַפֿער'ס געזינד, מיט'ן שאַפֿער'ס געסט און לעבען דורכאויס מיט זייערע קליינינקע, וואָלוועלע אינטערעסען. שלמה געדענקט, אַז ער האָט שוין דעמאָלט געקלערט — קיינמאָל מעהר אין דערפֿער ניט צו פֿאָהרען. אַז אויף אַ קאָנדיציע לאָזט דער לעהרער אַלץ, וואָס ער פֿערמאָגט און בעקומט כמעט ווי גאָרנישט, אויסער אונדאַנקבאַרקייט פֿון די פֿינסטערע בעלי-בתים.

גאָר אָט האָט זיך דער ווינטער ווי ס'איז געענדיגט. אַרויס-

געקומען פֿון בעל-הבית איז איהם גאָר אַ קטנות, אַ קלײניגקײט — עפּיס אַ רובל זיבען-אַכט. שלמה איז אויף יום-טובֿ אַהײם אין זײן שטעדטיל געקומען.

דער טאַטע קרעכצט, זיפֿצט און איז שוואַרץ ווי די ערד: ס'איז נאָך קײן מצה אויף פּסח ניטאָ. שלמה קלערט אַ רגע ניט און גיט אָב זײנע „קאָנדיציע-געלד". די צײט פֿון יום-טובֿ סטאַ־רעט זיך שלמה אויף אַ ווײלע פֿערגעסען, וואָס מיט איהם טהוט זיך און וואָס וועט אַזוינס שפּעטער זײן: ער רוהט, ער לײענט, איז זיך מתוכּח מיט זײנע אַמאָליגע חבֿרים, און נור גאַנץ זעלטען אין די אָמעטיגע יום-טובֿ'דיגע בין-השמשות'ן, ליגענדיג אויפֿ'ן גרויסען האַרטען שלאָף-באַנק מיט פֿערמאַכטע אויגען, טראַכט ער וועגען דעם טרויעריגען „נאָך פּסח" און בויט פֿערשידענע פּלענער אויף שפּעטער.

אַט איז שוין נאָך פּסח. די זון הויבט אָן שײַנען אַזוי ווײך, אַזוי וואַרים, מילד, אַז אַפֿילו בײ גרויסע הלאָים און שלעכטע מענשען ווײזט זיך אַ שמײכעל אויף די ליפּען... דאָס שטעדטיל בעדעקט זיך מיט אַ גרינעם, פֿרישען גראָז און אַלץ אַרום הויבט אָן וואַקסען, לעבען און עטעמען גרינגער, פֿרײער, מיט דער פֿולער ברוסט, און מענשען הויבען אָן איבער אַ נײַס האָפֿען און גלויבען אין אַנדערע און אין זיך אַלײן...

שלמה פֿול מיט כּח און זיכערקײט, פֿול מיט גלויבען אין מענשען און אין זײנע אײגענע קרעפֿטען, — פֿאָהרט אין די גרויסע שטאָדט אַרײן עפּיס זיך לערנען בײ אַ „ספּעציאַליסט", אָבגעבען עקזאַמען, און דאַן... וועט ער שוין וויסען, וואָס צו טהון. ער האָט זיך אײניגע טעג דאָרטען אין שטאָדט אַרומגעדרעהט אָהן געלד, אָהן אַרבײט, אָהן רעכטער בעקאַנטשאַפֿט. דער קאָפּ האָט זיך איהם פֿערדרעהט, און די אויגען האָט איהם אָנגעהויבען שווינדלען פֿון הונגער און פֿערדרוס; בײ שלמה'ן אין די געדאַנקען איז פֿאָר־געקומען אַ שווערע מלחמה, און ער האָט דאָך בעשלאָסען פֿאָהרען אויף אַ קאָנדיציע, אָבער מעהר ניט דעם אײן מאָל...

פֿאָהרענדיג מיט זײן נײַעם בעל-הבית אויפֿ'ן ישובֿ, האָט ער הרהורים געטראַכט און אַלץ גע'חזר'ט אײנציגע דרײַ ווערטער: „דעם אײן מאָל"... שלמה'ן האָט זיך דעמאָלט געדוכט, און ער איז אין דעם זיכער געוועזען, אַז פֿון די זעכציג רובל, וואָס ער בעקומט פֿאַר'ן זמן, וועט זיך איהם אָבשטעלען געוויסע פֿופֿציג:

„בעקליידט בין איך, קלערט ער, וועש האב איך; ס'דארף מיר במעט בלייבען די גאנצע שכירות און דאן וועל איך זיין פיער פינף מאנאט אין א שטאדט און בין פארטיג מיט מיינע עקזאמענס, מיט אלע מיינע פלענער"...

א זומער איז דעמאלט געוועזען א שענער, א פרעכטיגער, אנ-איינגעגעבענער, א זומער מיט בלאהע ריינע הימלען, מיט ליכטיגע פאר-נאכטען, מיט אומעטיגע אויסגעשטערנטע אווענדען, מיט אלץ וואס די נאטור פערמאגט נור. אבער שלמה בעמערקט גארניט די שענקייט פון גאט'ס וועלט. ער פערגעסט גאר און וויל ניט וויסען, אז דאס לעבען שטעהט ניט אויף אן-ארט, אז דער זומער פאלט אריין אינ'ם ים פון דער אייביגקייט און קומט שוין מעהר קיינמאל ניט צוריק...

שלמה געהט ארום איינער אליין איבער פעלדער, איבער וועלדער און טראכט נור וועגען דעם „סוף-הזמן", ווען ער וועט שוין קאנען פערווענדען זיין שווער-פערדיענטעס געלד אין דער גרויסער שטאדט... צייטענווייז איז שלמה'ן טאקע זעהר אומעטיג געווארען און גאנץ אפט פלעגט ער גאר אינגעריכט שטארק צע-ווײנען זיך אין מיטען וואלד, אליין ניט וויסענדיג דייטליך, וואס ער וויל, וואס איהם פעהלט. אבער שלמה האט דעמאלט שטארק גע-גלויבט, אז ער פערברינגט דא אין איינזאמקייט, אין טרויער שוין דעם לעצטען זומער, אז פאר די געלד, וואס איהם וועט גע-וויס בלייבען, וועט ער מאכען א סוף צו זיינע מלמדות... און ווען דער זומער האט שוין געהאלטען ביים ענדיגען זיך, און שלמה איז וואס ווייטער אלץ שטארקער, מוטהיגער, צופריעדענער גע-ווארען, בעקומט ער דאן א גרוס פון דער-היים, אז דעם טאטענ'ס קראנקע פוס ווערט אלץ ערגער און ערגער, אז דער פוס הויבט פראסט אן פוילען און ער מוז זיך פאהרען היילען... און שלמה איז ווידער אהן געלד געבליבען...

ס'איז שוין ווידער נאך סכות און שלמה מאטערט זיך גאר פון דאס נייע ווי ס'איז אין שטאדט צו פערבלייבען. ער האט איינ-געקויפט איניגע נויטיגע ביכער, געדינגען א קליין צימער מיט א חבר אינאיינעם, און פערגעסענדיג אויף א ווײַלע דעם שרעקליכען „מארגען" מיט זיינע פערשיעדענע בעדערפנישען, האט ער מיט גרויס חשק גענומען זיך צום לערנען, צום „פערפארטיגען" זיך...

— די רעכענסט, ווייזט אויס, אָבשטעלען זיך אין שטאָדט הונגערן? פרעגט איהם איינער פון זיינע נאָהענטע בעקאַנטע: איך בין דיר פּראָסט מקנא פונ'ם גאַנצען האַרצען, ווייל איך בין שוין לאַנג דערצו ניט פעהיג מעהר. איך מוז איצט אַלע טאָג עסען און טאַקע צו־זאַט אָבעסען... ווען ניט — קאָן איך פּשוט גאָרנישט אָנהויבען טהון און בין עפּיס דעמאָלט בכלל גאָר קיין מענש ניט... מיט דריי־פיער יאָהר פריהער — רעדט ער ווייטער — האָב איך דאָס נאָך אויך געקאָנט דערוויזען, און האָב טאַקע דערוויזען, געדענק איך, עפּיס אַ גאַנצען יאָהר צייט נאָכאַנאַנד... איצט אָבער איז שוין, ווייזט אויס, וועניג כח פאַרהאַן: באַלד הויבט אָן קלאַפּען אין האַרצען, שווינדלען אין די אויגען, בויגען זיך די פיס...

— אַט מאַך זיך ניט צום נאַרען, שלמה, זאָגט מאָטיל, אַ צווייטער חבר, אויסהאָרכענדיג דעם שמועס: טהו זיך אָן, פאָלג מיר, און קום אינאיינעם זוכען עפּיס גוטע קנעלונגען פאַר ביידען... דעם אמת זאָגענדיג, רעדט ער ווייטער: בין איך נאָך גענוג שטאַרק און איך וואָלט נאָך ווי ס'איז אויסגעהאַלטען אַ ווינטער צייט מיט איין מאָל אַ טאָג עסען... אָבער דו קענסט דאָך מיר פון לאַנג, אַז איך בין אַ גרויסער בעל־גאוה, און מיר, זיי וויסען, שטעהט דאָס ניט אָן די מעשה: אין דער צייט, ווען טויזענדער מענשען בעגיסען זיך מיט שאַמפּאַניער און זוכען אַלץ מיטלען, וואָס מעהר איינצו־שלינגען — זאָל איך, מאָטיל, וואָס איך בין אַזאַ יחסן ווי זיי און אפשר נאָך אַזאַ חכם ווי יענע — זאָל איך זיך אַלע טאָג בעגיסען מיט אַ קאַלטען שוויס פון הונגער — וואָס איז? איך וועל ווען עס איז אויסהאַלטען עקזאַמען און וועל ווידער הונגערן, און אין בעסטען אופן, — וועט שוין קיין כח ניט זיין צו קייען...

שלמה איז עפּיס ווי צוטומעלט געבליבען נאָך מאָטעל'ס דרשה, און דערמאָהנענדיג זיך, אַז זיין גאַנץ אייגענס בעשטעהט איצט פון איינע זעכציג קאָפּיקעס, האָט ער זיך ניט ווילענדיג פונ'ם אָרט אויפגעהויבען און איז באַלד מיט מאָטלען צוזאַמען אין גאַס אַוועק...

דאָסמאָל איז שלמה אַריינגעפאַלען פאַר אַ לעהרער צו זלמן דעם קרעטשמער, וואָס האָט געהאַט אַ שם אַרום און אַרום, און איז בעוואוסט געווען אין דער גאַנצער געגענד פאַר אַ רייכען גראָ־באַוּונג. בעדינגען האָט זיך שלמה גאַנצע אַכציג רובל, און לעה־

גען האָט ער געדאַרפֿט מיט דרײַ קינדער — ייִדיש, חומש, חשבון און מיט נאָך צוויי — ייִדיש, רוסיש, דײַטש, חשבון...

אין הדר־זאַכען פֿלעגט זלמן זיך ווייניג מישען, און פֿון דער זײַט האָט זיך אַלעהער דאָרטען געלעבט ניט איבעריגס שלעכט. אָבער דערפֿאַר פֿלעגט זלמן בײַ יעדער מעגליכקײַט שלמה'ן ניט לאָזען רוהען, ער זאָל איהם דערווײַזען, אַז על פּי דין איז רעכט, אַ ייד זאָל קיין תּפֿלין ניט לעגען...

אין דעם זיבענעם ווינטער איז שלמה'ס שוועסטער אַ כּלה געוואָרען. דער כּלה פֿעהלט דאָס, פֿעהלט יענץ, און שטוב איז אויך קיינעם קיין גאַנצער פּאָדים ניטאָ, שלמה אַליין האָט זיך אויך פֿאַר דאָס לעצטע יאָהר שטאַרק אַרומגעריסען אין, ניט־ווילענדיג, האָט ער ביסלעכווײַז אָנגענומען בײַם בעל־הבית איבעריגע צוואַנציג רובל... און שלמה האָט געמוזט אָבשטעלען זיך אויף אַ צווייטען זמן בײַ זלמן דעם קרעטשמער, און דערווײַזען איהם פֿאַרוואָס איז רעכט על פּי דין קיין תּפֿלין ניט צו לעגען...

מעהר האָט שלמה שוין ניט געוואָלט וויסען און דערמאָהנען זיך פֿון זײַן טרויעריגער פֿערגאַנגענהייט. דאָס האַרץ האָט איהם שרעקליך פֿערדריקט, און האָטש אין צימער בײַ איהם איז קיינער ניט געווען, האָט ער פֿינדעסטוועגען אײַנגענורעט זיך מיט'ן פּנים טיעף אין קישען, די הענד זאָלען ניט זעהן, ווי אַ יונגער מענש וויינט מיט ביטערע טרעהרען סתם אַזוי אין דער וועלט אַרײַן, גאָרניט פֿערליעבט זענענדיג... און געוויינט האָט שלמה אויף אַלץ צוזאַמען: וועה געטהון האָט איהם דאָס האַרץ פֿאַר די אָבגעלעבטע יאָהרען, וואָס ער האָט ניט געהאַט פֿון קיין קינדהייט און פֿון קיין יוגענד, וואָס ער איז פֿאַר דער צײַט אַלט געוואָרען, אַז וועגען אַלץ, וואָס ס'איז שען, פּרעכטיג האָט ער אייביג נור געטראַכט און איז קיינמאָל דערצו נאָהענט ניט געוועזען, אַז פֿריהער האָט דער בית־המדרש איהם פֿערשטעלט די שיין פֿון דער שענער וועלט, און דערנאָך, ווען ער האָט מיט די לעצטע קרעפֿטען צוריסען די בית־המדרש־קייטען, און איז איבערגעשפּרונגען אין אַ וועלט אַ ליכטיגע, אַ פֿרײַע, אין אַ וועלט מיט אַ גן־עדן טאַקע דאָ אויף דער זינדיגער ערד, — האָט זיך פֿאַר איהם געעפֿענט גאָר אַ נײַער קוואַל פֿון צרות, פֿון לײַדען, פֿון אָבקומעניש — פֿערוואָרפֿענע היילעך צווישען פֿעלדער און וועלדער, גרויזאַמע אײַנזאַמ־

קייט, גראָבע ישיבה־ניקעס — אַ לעבען אָהן ליכט, אָהן וואַרימקייט...

ווען שלמה האָט שוין צוזאַמט אויסגעחזרט זיך, האָט זיך איהם פֿון האַרצען ווי אַ שווערער שטיין אַראָבגעקייקעלט און ס'איז איהם געוואָרען עפּיס אַזוי לייכט אין'ם גאַנצען קערפּער, ווי ער וואָלט מיט אַמאָל אינגאַנצען פֿערגעסען זיין פֿינסטערע פֿערגאַנגענהייט, גאָר די אָבגעלעבטע יאָהרען...

אין זיינע פֿייכטע אויגען האָט זיך בעת מעשה בעוויזען עפּיס אַ מאָדנער, אַ ווייכער, אַ ליעבליכער שיין, אַזוינער, וואָס טרעפֿט ביי מענשען זעהר זעלטען און וואָס בעוויזט זיך נור נאָך טרעהרען פֿון גליק, פֿון פֿרייד, ווען עס ווילט זיך די גאַנצע וועלט אַרומנעהמען, אַלעמען פֿעסט צום האַרצען צודריקען און קושען... שלמה האָט אין דער ווייַלע אַליין ניט געוואוסט, וואָס איהם איז אַזוינס צוגעקומען, מיט וואָס איז איהם איצט אַזוי בעסער געוואָרען, ווי מיט אַ שעה פֿריהער. נאָר געפֿיהלט האָט ער, אַז דאָס האַרץ האָט ביי איהם אָנגעהויבען קלאַפּען גיכער, שטאַרקער, אַזוי ווי עס האָט ביי איהם געקלאַפּט אַמאָל אויפ'ן ניינצעהנטען יאָהר, ווען סאָרע פֿלעגט זיך אַנידערשטעלען האַרט נעבען איהם, און איהר לאַנגער צאָפּ פֿלעגט איהם טרעפֿען גלייך אין פּנים אַריין... ער האָט זיך אָנגעהאַפּט ביי די שלייפֿען, ער זאָל קאָנען רוהיג, ווי ס'דאַרף צו זיין, בעטראַכטען וואָס ער האָט איצט צו טהון.

— „אַז ס'וואָלט געווען ביי עמיצען לייהען אַ ביסעל געלד אויף אַ קורצע צייט — איך וואָלט דאָך שפּעטער מיט דאַנק אָבגעגעבען — אָט דאָס וואָלט גוט געווען, טראַכט שלמה: איך וואָלט פֿערבלייבען אין שטאָדט אויף עטליכע חדשים און וואָלט מיט ווייטיגער הילף אויסגעלערנט, וואָס מען דאַרף, וואָס מיר פֿעהלט און ס'וואָלט שוין נעהמען אַמאָל אַ סוף פֿון די קנעלונגען, פֿון די מלמדות, פֿון די ישיבים"... „פֿריידיל וואָלט מיר געוויס מיט פֿערגניגען געלד געגעבען, קלערט ווידער שלמה: אָבער ווי נעהמט מען ביי איהר? — זי וועט דאָך מיינען, אַז דאָס איז שוין אַ שידוך, און אָבנאַרען זי ווילט זיך ניט און איך קאָן דאָס גאָרניט"...

אויפ'ן געדאַנק קומט שלמה'ן ווידער די אַלטע רפֿואה, — אַ קאָנדיציע... ס'גיט איהם אַ טרייסעל דערביי, נאָר אינגאַנצען זאָגט ער זיך ניט אָב פֿון דעם איינציגען מיטעל... שלמה צווייפֿעלט נור איצט: צי האָט עפּיס איין ווינטער אַ גרויסען ווערטה אין לעבען

אָדער אַ האַלבּ יאָהר איז כּמעט ווי גאָרנישט, פּראָסט אַ קלייניגקייט...
שלמה רעכענט אויס, אַז אויף דאָסמאָל וועט ער שוין ניט אַזוי
בטלן די צייט דאָרטען אין דאָרף, אַז מען קאָן אָהן אַלעדהרער
אויך פיעל אויפטהון און אַז ס'איז אין אַלגעמיין גאָרניט אַזוי
שרעקליך: מען איז אויף אַלעם פאַרטיגען, קיינער שטערט ניט
אין דער אַרבייט און דערצו איז דאָך פיער=פינף חדשים ניט קיין
אייביגקייט, און מיט געלד קאָן מען דערנאָך שוין אויף שטענדיג
זיין אין שטאָדט...

„אַזוי וועט דאָס טאַקע זיין“ — בלייבט ביי שלמה'ן, און אויף
מאָרגען איז ער „דעם איין מאָל“ אין דאָרף אָבגעפאָהרען...

# אהן אנ'אויסוויטג.

# אָהן אַנ'אויסוועג.

צוויי יאָהר שוין, ווי יודעל מיט הנה'ן האָבען זיך ליעב. און ליעב האָט מען זיך אַזוי שטאַרק, אַז פאַר די גאַנצע צייט איז מען אַפילו אויף צופליסען איין מאָל ברוגז ניט געוועזען, איין איינער צום אַנדערען קיין מאָל קיין טענות ניט געהאַט. מען זעהט זיך און מען בעגעגענט זיך שטענדיג אין דער צייט; מען צוקוסט זיך, ווען עס ווילט זיך, און עס ווילט זיך גאַנץ אָפט... און פאַר די גאַנצע צוויי יאָהר, וואָס זיי קענען זיך ביידע, האָט יודעל קיינמאָל הנה'ן אומעטיג ניט געזעהען — אַזאַ לעבעדיגע, אַזאַ פרעהליכע איז זי געוועזען. שטענדיג האָט הנה'ס קול צופריעדען איבער איהר צימער געהילכט, און פון אַלעמען פלעגט זי דעם אומעט פערטרייבען. און אַז עס פלעגט ווען ביי זיי טרעפען, אַז ריידען איז ניט געוועזען איבער וואָס, „ליעבען זיך" האָט שוין מעהר ניט געוואָלט זיך און אויפ'ן האַרצען ווערט עפּעס מיט אַמאָל אַזוי שווער, אַזוי הושכ'דיג פון אַלטע טרויעריגע ערינערונגען פון דער לאַנג-פערגעסענער פערגאַנגענהייט — נעהמט דאַמאָלסט הנה פאָרזיכטיג יודלען פאַר זיינע לאַנגע האָר, און, אַריינקוקענדיג איהם מיט איהרע לעבעדיגע אויגען גלייך אין פנים אַריין, דערמאָהנט זי איהם גאָר פון דאָס ניי, ווי מאָדנע, ווי אונגעוועהנליך עס איז אַלץ אין „יענעם" אָוועגד צוגעגאַנגען.

— מיר זענען ביידע — דערצעהלט זי, ווערענדיג עטוואָס רויטליך דערביי — אין טיש געזעסען, ביי וועלכען אַלע שטיבעגע האָבען דאַמאָלסט טהיי געטרונקען, און מיר ביידע האָבען אויך געטרונקען. און פלוצלונג האָסט דו מיך מיט אַזאַ שאַרפען קוק דורכגעשטאָכען, אַז מיין פנים האָט זיך באַלד מיט אַ גאַנצען פלאַם-פייער אָנגעצונדען... און איך האָב זיך עפּעס אַליין גאָר ניט אַרומגעזעהען, ווי גיך מיר זענען ביידע אין אַ צווייטען צימער געשטאַנען, און דאָרט אין דער פינסטער — געדענקסט? איז פון אונז ביידען איין מענש געוואָרען — אַזוי שטייף, אַזוי פעסט האָבען מיר זיך אַרומגענומען...

אַלע מאָל נאָך אַזוינע אַנגענעהמע ערינערונגען ווערט

יודעל באלד פיל פרעהליכער, פיל מוטיגער און הארפענדיג דאס בוך, וואס ער האלט דאס רוב אין האנד, דריקט ער הנה'ן פעסט צום הארצען, זאגענדיג דערביי: זאל הילטען, אז עס איז היינט פאר צוויי יאהרען...

אזוי האט זיך עס געלעבט גאנצע צוויי יאהר. ווען יודעל פלעגט פון זיינע שטונדען פריי ווערען, איז ער באלד צו הנה'ן געגאנגען, און הנה'ן האט ער שטענדיג אין שטוב געטראפען, וויל קיין שטונדען האט זי דאס רוב ניט געהאט, האטש פערדינען האט זי שטארק געוואלט און זעהר געדארפט. דיצענדיג ביינאנד גאנצע טעג און נאך שפעט אין די אווענדען אריין, האט מען פערשידענע ארבייט פאר דער צייט אבגעטאן: זיי פלעגען רידען שרייענדיג און פאמעליך, זינגען לידער פרעהליכע און אומעטיגע, זיי האבען געלייענט וואס צוזאמען און הילכיג געלאכט, געלייענט — און שטיל די טרעהרען געשלינגען... נאר דאס רוב ליגט איינער פון זיי אויפ'ן קושעטקע און דער צווייטער זיצט הארט נעבען איהם און מען שווייגט ביידע, טראכטענדיג און דער צייט הענגען אלץ און הענגען קיין זאך ניט... און די מחשבות פלעגען צווייטענווייז ביי יודלען זיין אזוי פינסטער, אזוי טרויעריג, אז ער פלעגט מיט אמאל, גאר אומגעריכטערהייה פון ארט אויפשפרינגען, און נעהמענדיג הנה'ן פאר ביידע הענד, זאגט ער מיט א נערוועזען קול: יע, מיין טייערע — די וועלט איז טאקי א שענע, א פרעכטיגע, דאס לעבען — א זעלטענע מתנה, און לעבען האלט זיך טאקי געוואלט מיט'ן גוף, מיט דער נשמה, מיט יעדען אבר בעזונדער — איין מאל נאר לעבט מען אויף דער וועלט! איז אבער איין חסרון פאראן: ניט אלע גלייך קענען פון גאטס וועלט הנאה האבען, ניט פון אלץ, וואס מען זעהט מיט די אויגען, קאן מען געניסען, און וואס עס ליגט שוין אפילו צייטענווייז ביי דיר אין די הענד — איז נאך אויך ניט זיכער, אז דאס וועט בלייבען דיינס...

און טראכטען פלעגט דאמאלס יודעל פון דעם, וואס הנה קאן בשום אופן ניט בלייבען זיינע אויף אלע מאל, האט די שענסטע, די אידעלסטע מענשליכע געפיהלען זיינען גארניש, ווערען בטל געגען דעם פראסטען כח פון קופערנע מטבעות, אז ביי זיין בעסטען ווילען וועט ער מיט הנה'ן מסתמא קיינמאל ניט חתונה האבען, וויל ער טאר מיט קיינער זיך ניט פערבינדען, אז איידער הנה זאל ביי איהם הונגער און נויט ליידען, וועט ער בעסער

זיינע היליגסטע געפיהלען און פערלאנגען און זיך דערשטיקען. און טראכטענדיג אזוי, פלעגט יודעל גאנץ אפט פערקוקען זיך אויף הנה'ן מיט עפעס מאדנע אויגען, מיט בליקען פון זעגענען זיך, און די הארץ פערדריקט איהם בעת מעשה ביז טרעהרען, ווייסענדיג, אז אט מיט דערזעלביגער טייערער הנה'ן וועט ער פריהער אדער שפעטער מוזען צושיידען זיך, און פערשיידענע זייטען וועלען זיי מוזען פאנאנדערגעהען זיך אין דער צייט, ווען זייערע ביידענס הערצער זענען אזוי פעסט צוזאמענגעבונדען... און אזוי שטאר"ק האט יודלען געשראקען דאס לעבען זאלבענאנד, אז ער האט פאר זיך קיין שום אויסוועג ניט געזעהען, אז די בעסטע רגע'ס פון זיין לעבען זענען פערסם'ט געוועזען דורך זיין אייביגען טראכטען, דורך זיינע שטענדיגע טרויעריגע השבונות... צייטענווייז פלעגט אפילו דורכלויפען אין קאפ ביי איהם א נייע מחשבה: „האטש איבער די הייזער געהען, נאר צוזאמען מיט איהר, צוזאמען מיט הנה'ן" און דאס גאנצע לעבען זיינס בעקומט דאמאלס גאר אנאנדער ווערט. אנאנדער אויסזעהען און זיינע אויגען. אבער עס דויערט ניט לאנג, און יודלען שטעלט זיך באלד פאר אין די געדאנקען א שרעקליכעס, א שוידערהאפטעס בילד, פון וועלכען יודעל בלייבט ווי פערציטערט, און אלע זיינע פריהערדיגע פלענער ווערען באלד צושמעטערט, אז קיין זכר בלייבט פון זיי ניט. יודעל זעהט: א קליינע נידעריגע שטיבעל מיט נאסע ווענד, און קאלט איז דארטען און רויכיג; די קינדער זענען אלע אבגעריסען, פערפרארען און פערייתומ'ט... און זי, הנה, זיצט אין א ווינקעל ביים טיש, געל, ווי א וואקס, מיט איינגעפאלענע באקען, און עפעס אזא לאנגער, אזא דינער נאז איפ'ן פנים... הנה זיצט און איהר דינער צולעכערטער קליידעל מיט א צושפילעטען בוזעם און זייגט א שרייעדיגעס קינד, און אנאויפגערעגטע פאטשט זי און שילט דאס קינד צוזאמען מיט איהר פינסטערען מזל...

א שוידער געהט איהם באלד דורך איבער'ן גאנצען קערפער ביי אזוינע טרויעריגע פארשטעלונגען, און יודעל קאן בעת מעשה הנה'ן גלייך אין די אויגען ניט קוקען: הנה, אט די זעלביגע טייערע הנה — און א צוריסענער קליידעל מיט אנאפענער ברוסט...

נאר מיט אזוינע שווערע מחשבות איז נאר יודעל אליין געוועזען פערנומען. הנה אבער איז ביז דער לעצטער צייט גאנץ רוהיג געוועזען און פלעגט שטענדיג צופריעדען זיין מיט דעה

איצטיגער מינוט, מיט דעם היינטיגען טאָג, גאָר ניט קלערענדיג איבעריגס וועגען מאָרגען, וועגען דער שפּעטערדיגער צייט. הנה'ן איז ביז איצטער גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלען, אַז וועלכע עס איז אומשטענדען אָדער השבונות קענען ווירקען אויף וועמעס עס איז ליעבע־געפיהלען, און אין יודעלס שטענדיגען אומעט האָט זי דעריבער בשום אופן ניט געקאָנט איינזעהען די אמת'ע, די ריכטיגע סבה: אַז יודעל ווערט אומעטיג, סטאַרעט זיך הנה נאָר פרעהליך מאַכען איהם און פון קיין אַנדערע, זייטיגע זאַכען וויל זי גאָר ניט וויסען און פוילט זיך צו טראַכטען.

עס איז אָבער שוין עטליכע צייטען, ווי הנה איז מיט אַמאָל גאָר אַנ'אַנדערע, אַנ'אומגעביטענע געוואָרען. עפּיס ווערט ביי איהר צייטענווייז דאָס געזיכט אַזוי ערנסט, אַזוי שטרענג, די אויגען אַזוי שטעכיג, אַזוי בייז, דאָס עס דוכט זיך אויס, אַז אָט־אָט וואַרפט זי זיך אויף וועמען עס איז אַרויף און זי וועט איהם דאָרט רייסען, בייסען, צופּען און וועט שרייען דערביי מיט ווילדע, היסטערישע קולות... הנה שווייגט דאָס רוב, און יודעל שווייגט אויך און זעהט איהם פערדריקט דאָס האַרץ פאַר רחמנות אויף איהר, אויף זיך און אויף נאָך אַזוינע, ווי זיי ביידע — פרעגט איהר דאַמאָלסט יודעל מיט אַ חייכען, אַ טרייסלענדען קול: וואָס איז דיר, הנה, וואָס ווילסט דו, מיין טייערע?..

הנה פאַלט איהם באַלד אויפ'ן האַלז אַרויף און לאַנג־לאַנג וויינט זי און הליפּעט דאָרט אויף זיין דאַרער איינגעפאַלענער ברוסט. און יודעל זיצט דאַמאָלס און רוהרט זיך פון אָרט ניט, ווי אַ צוגעשמידעטער, און פון זיינע אויגען קאַפּען גרויסע, וואַרימע, בלישצענדיגע טראָפּענס און בענעצען איהר לאַנגען שוואַרצען צאָפּ. נאָך אַלאַנגען אָבּרוהען אויף זיין אָרימען גוף בערוהיגט זיך הנה, און זי הייבט זיך באַלד אויף אַ פרישע, אַלעבעדיגע, ווי אַ ניי־געבאָרענע. הנה שטעלט זיך אַנידער, און טרייסלענדיג מיט איהר שיינעם, לאָקענדען קאָפּ, זאָגט זי שמייכלענדיג: — ווי שלעכט איז דאָס מיר מיט אַיין ווילדע פריהער געוויינען און ווי גוט מיר איז דאָס איצט — וואָס פאַר אַ נאַר, וואָס פאַר אַ נאַר איך בין דאָס!..

היינט אָבער קאָן חנה גאָר ניט בערוהיגען זיך. זי וויינט אויפ'ן קול און שטילערהייד, זי ווישט אָב דעם פערשוואַלגענעם

פּנים און ווײנט הײטער, און עס דוכט זיך איהם, אַז ווען די טרערען וועלען זיך שוין אין גאַנצען אויסגעדמען בײַ איהר, וועט פֿון איהרע אויגען דאַמאָלסט אָנהויבען צו רינען עפּעס אַנאַנדערע אַ פּיעל ערגערע זאַך... יודעל האַלט זי אויף די הענד, גלעט זי פֿאַר'ן קאָפּ און שווײַגט אַלץ, פֿרעגט איהר קײן זאַך ניט: יודעל פֿערשטעהט אַלײן, יודעל ווײס גאַנץ גוט, וואָס מיט איהר טוט זיך, און ער שווײַגט דעריבער מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטהעם...

— יודעל, הויבט זי איהם מיט אַ שוואַכען, קרענקליכען קול, און טרערען הייבען ווידער אָן צו שטיקען איהר האַלז. — יודעל, יודעל, בעט זי זיך הייזעריג, אַרומנעמענדיג איהם מיט בײדע הענד: מיר האָבען זיך דאָך אַזוי שטאַרק, אַזוי לאַנג ליעב... וואָס וועט זײַן דער סוף... אויף וואָס וואַרטען מיר?..

יודעל ווערט כאָלד בלײַך, טויט, ווי די וואַנד, און אַלע אבֿרים זײַנע הייבען זיך אָן צו טרייסלען בײַ איהם, ווי ער וואָלט זיך קלײַבען עפּעס אַ גרויסען פֿערברעכען צו בעגעהן, אַ מיאוסע עבֿירה אָבצוטאָן... יודעל ווײס, יודעל פֿערשטעהט דײַן הנה'ן און יודעל האָט דעריבער מורא... ער טרויט זיך אַלײן ניט... יודעל וויל, אַז מאָרגען זאָל איך נאָך אַלץ זײַן צווישען זיי בײדען, ווי הײַנט... אַז אַנדערס טאָר עס ניט זײַן — ניט פֿאַר איהם איז התונה האָבען... ער דריקט זי ווידער פֿעסט צום האַרצען און בעת מעשה טראַכט יודעל: „ווי גוט וואָלט דאָס געוועזען, ווען מיר וואָלטען קענען „אָט אַזוי" דאָס גאַנצע לעבען צוזאַמען פֿערברענגען...

— זאָג מיר, אַז דו האָסט מיך שוין ניט ליעב מעהר — רעדט הנה ווידער דורך אַ גאַנצען קוואַל טרערען — און איך וועל דיך כאָלד פֿרײַ לאָזען... אָבער אויב דו ליעבסט מיך, ווי פֿריהער, ווי איך דיך — טאָ וואָס־זשע שטערט אונז צו לעבען?...

בײַ דיזע ווערטער הנה'ס איז יודעל געבליבען זיצען צוטומעלט, ווי אַ שווערע משא האָלט איהם אין קאָפּ געטראָפֿען, און הנה האָט זיך ניט וועלענדיג פֿון זײַנע האַרטע הענד אַרויסגעגליטשט. בײדע זענען זיי געזעסען מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּ, ווי אַבֿלים, און בײדען האָט זיך אין דער ווײַלע ניט געוואָלט מיט די בליקען בעגעגנען זיך. און געפֿיהלט האָט בעת מעשה יודעל, אַז איצטער, נאָר איצטער איז די רעכטע צײַט צו מאַכען

א סוף פון אלץ, אז ער דארף און מוז איין מאל פאר אלע מאל אויפרידען זיך מיט הנה'ן, רעדזוויזען איהר, אז לעבען צוזאמען טארען זיי בשום אופן ניט, אז זי איז איהם צופיעל טייער, צו שטארק האט ער זי ליעב, און טאקי דערפאר אליין טארען זיי זיך ניט פערבינדען, דארפען זיי ניט התונה האבען. און יודעל איז שוין כמעט גרייט, פארטיג געווען צו זאגען פון אלץ זיין הנה'ן, געבען איהר צו פערשטעהען, אז... אבער אין דער זעלבער רגע דערמאהנט זיך יודעל, אז אין א יאהר־צייט ארום אדער אפשר נאך ווייניגער קאן שוין הנה ערגעץ ווייט־ווייט פון איהם זיין, אז די זעלביגע טייערע הנה וועט אן איהם אין גאנצען פערגעסען, און איינער פון דעם צווייטען וועלען זיי קיינמאל ניט הערען, קיינמאל ניט וויסען, אז ארומנעהמען זי, פיהלען די נאהענטקייט פון איהר בעצויבערענדען קערפער, פיהלען די ווייכע, די ליעבליכע בליקען פון איהרע טיעפע, לעבעדיגע אויגען וועט ער שוין ניט קענען מעהר, אז אלץ ארום איהם וועט מיט אמאל עפעס אזוי איינזאם, אזוי טרויעריג ווערען, און דאס לעבען זיינס וועט זיך ציהען אזוי לאנגזאם־געמאטערט, אינזיניג־נאריש, אהן ליכט, אהן ווארימקייט...

א פערטרייסעלטער איז באלד יודעל געווארען ביי אזויגע שרעקליכע פארשטעלונגען, און א פלאמענדער, א זודיגער האס האט זיך תיכף איבער אלע זיינע אברים צוגאסען — א האס געגען דעם אייביגען אונרעכט — געגען די „שטארקע“, א האס געגען דער עקעלהאפטער מאכט פון די שטומע, קלינגענדיגע מטבעות, א האס געגען דעם ערד־לעבען אין גאנצען... און יודלען האט זיך פערוואלט בעת מעשה, ווי שמשון הגבור, די וועלט־שליפעס אנגרייפען, פעסט־פעסט זיי אין די שטארקע הענד זיינע ארייננעהמען און מיט א שרעקליכען כח די זיילען א טרייסעל טאן, אז אין איין רגע אין איין הרף עין זאל אלץ, אהן רחמנות, צוריבען, צומאהלען, צודריקט ווערען, ווי סדום זאל פון קיין זאך קיין סימן, קיין זכר ניט בלייבען !...

„אבער התונה האבען מיט הנה'ן טאר איך דאך פארט ניט“ — גיט איהם באלד מיט אמאל אזעץ אין רעכטען מוח, און עפעס גאר ניט ווילענדיג האט ער באלד האסטיג ארויסגערעדט מיט אנ־איפגערעגטען קול: „לעבען צו זאמען נאר לפנים, פון לייטענס וועגען... הייסט דאך דאס ניט געלעבט, נאר געמאטערט זיך... און לעבען ווי עס דארף צו זיין, ווי עס ווילט זיך, ווי אלע

לעבען — מיז מען הערט אויך וועלען אן־ארים־מאן זיין... א יודישער ארים־מאן — ווי שרעקליך, ווי עס ווילט זיך ניט!...“

יודעל האט זיך געפיהלט זעהר ניט גוט, ווען אין צימער איז מיט אמאל איינגענומען שטיל געווארען און אין די אויערען האבען איהם געקלונגען די לעצטע ווערטער זיינע, וועלכע האבען איהם איצטער אויסגעזעהען אזוי נאריש, אזוי אונגעלומפערט... ווי אן־אבגעשוואכטער און א פערשעמטער האט ער זיך באלד נאהענט צו חנה׳ן צוגעזעצט און האט זיין קאפ אויף איהרע פלייצעס אראבגעלאזען, האטש יודעל האט בעת מעשה גוט געוואוסט און מודה געוועזען, אז ער דארף דאס איצט ניט טאן מעהר, אז ער מוז זיך איצט סטארען מיט אלע כחות זיינע, ווי עס איז „אריינגענומען זיך אין די הענה“ און זעהען ביסלעכווייז א סוף צו מאכען פון...

און חנה האט איצטער נאר אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז זי מיט יודלען קענען זיך צוזאמען בשום אופן ניט אויסגימען, אז זי און ער — זיינען צוויי באזונדערע וועלטען, אז פון היינט אן איז זי אומגליקליך און איהר לעבען — א צובראכענער. חנה האט זיך באלד פון ארט אנידערגעשטעלט, און פערווארפענדיג דעם קאפ אויף הינטער, איז זי מיט שוואכע טריט, ווי נאך א שווערער קרענק, איבער׳ן צימער ארומגעגאנגען. און אזוי שפאצירענדיג לאנגזאם, שטעלט זיך איהר פאר אין די געדאנקען, אז זי איז שוין לאנג־לאנג מיט יודלען פונאנדערגעגאנגען זיך, אז יודעל איז שוין איצטער ערגעץ ווייט־ווייט פון איהר — איינער אליין אין עפעס א קליינעם הינקעלען צימער. און איהר דוכט זיך, אז זי זעהט דייטליך, ווי דער קאפ איז שוין ביי איהם גראה, די אויגען פערלאשען און דער גאנצער גוף זיינער — אזוי איינגעקארטשעט, איינגעשרומפען, און אז ער ליגט אויף עפעס א הארטער קישעטקע מיט איינגעגראבען דעם קאפ אין א קליינע שמוציגע קישעלע, און ער טראכט וועגען איהר, וועגען חנה׳ן... און זי, דוכט זיך איהר, איז שוין ניט אליין — מיט עפעס א מיצלח׳דיגען יונגען מאן... א היקער איז ער און א צופריעדענער, און אין שענע הייזער וואוינט זי און עפעס אזוי ליכטיג, אזוי פרעהליך איז אלין ארום איהר...

מיט גאר די כחות האט חנה שרייען, וויינען געוואלט פון וועהטאג, און „ליופען“, טאקי שוין ענטלויפען פון אט דעם

צופֿריעדענעם „מיצלה" אידרען אהין ווייט צו דער קליינער שטיבעל, צום פֿער'השכ'טען יודלען... נאר באלד האט זיך הנה פֿון איהר הגלום ערוואכט און האט אלץ אויף אנ'ארט געפֿונען...

א בית־עולם־שטילקייט האט דאס גאנצע צימער אנגעפֿילט, און שווער, דריקענד איז די לופֿט געוועזען. שטיל איז געוועזען— ביידע האבען שטום געשוויגען. נאר באלד האבען זיך זייערע בליקען בעגעגענט, און שטילע קוסען מיט הייסע טרעהרען זיי־נען אנ'ענטפֿער אויף זייערע ליידען געוועזען...

# באנקראט.

# באַנקראָט.

זײט פרידמאַן איז אַ דערוואַקסענער בחור געוואָרען האָט ער שטענדיג געגעבען שטונדען: פריהער אויף יודיש, דערנאָך אויף רוסיש און אַביסעל שפּעטער — אויף אַלץ צוזאַמען. נאָר קיינער האָט איהם פונדעסטוועגען ביז דער לעצטער צייט קיינמאָל ניט אָנגערופען „לעהרער", ווייל ער אַליין און אויך אַלע זיינע בעקאַנטע האָבען געקוקט אויף זיין אַרבייט נור ווי אויף עפּיס אַ בײ־זאַך, ווי אויף אַ מיטעל נור צו וואָס ס'איז גרעסערס, וויכטיגערעס און אינטערעסאַנטערעס. שטענדיג איז פרידמאַן פערנומען געוועזען מיט גרויסע זאַכען, מיט שווערע אויפגאַבען, שטענדיג איז ער גע־לאָפען, געאיילט זיך, געשריען, געפּלפּול'ט זיך, און ביי יעדער געלעגענהייט האָט ער אַלע מאָל צופריעדען איבערגע'חזר'ט: ס'איז פאַראַן וואָס צו טהון און וואָס צו פערלאַנגען אויף דער וועלט — נור צייט און כח..."

און פרידמאַן האָט טאַקי צו יעדער צייט עפּיס וואָס גע־וואָלט און אַלע מאָל מיט דער זעלביגער התפּעלות. אַז ער איז נאָך אַ קליין ישיבה־יונגעל געוועזען, האָט זיך איהם דאַמאָלסט גע־וואָלט ניט אַנדערש זיין דער גרעסטער רב ביי יודען, און ער האָט זיך דערביי דייטליך פאָרגעשטעלט, ווי ער זיצט אויבען אָן אין אַ ברייטען שלאָפראָק, אַרום איהם אַ סך דינים מיט גרויסע בערד, פון ווייטען שטעהן זיינע עלטערען און קלייבען נחת, און ער, דער גרעסטער רב, — זאָגט פאַר'ן עולם תורה... אַז פרידמאַן איז אַביסעל עלטער געוואָרען, האָט זיך איהם שוין געוואָלט זיין דער „גרעסטער" אפּיקורס ביי יודען, און פרידמאַן געדיינקט נאָך, ווי ער האָט דאַ־מאָלסט עפּיס איין מאָל געשוואָרען פאַר זיינע חברים: „אַז איך וועל דאַרפען שטאַרבען, וועל איך הייסען צוזאַמענרופען דאָס גאַנצע שטעדטיל און וועל מיט די לעצטע כחות אויסשרייען: „ני־טאָ קיין גאָט!.." אַ ביסעל שפּעטער האָט שוין פרידמאַן גע־טרוימט, ווי די גאַנצע וועלט גליקליך צו מאַכען, און אַז ער איז אַרויס פון טורמע אַ בלאַסער, אַ צומומילטער. נאָך האָט ער שוין געוואָלט — האָפּש אַליין גליקליך זיין... אַ דאָקטאָר מוז מען

ווערען —" האט דאן פרידמאן ערנסט בעשלאסען. נאר אז ס'זענען אריבער ביי איהם עטליכע יאהר פון קאלטע צימערן, בלייכע טהיי און פערשימעלטע ספרים, איז פרידמאן ענדליך מיעד געווארען. ער האט ביסלעכווייז איפגעהערט האסטיג לערנען, הויך רײדען; די אויגען האבען ביי איהם געקוקט טעמפ און גלייכגילטיג, און דאמאלסט איז ער געווארען „פרידמאן דער לעהרער".

— וואס איז עס מיט דיר געווארען, פרידמאן — פרעגען איהם אפט איראניש זיינע בעקאנטע: וואס האסט דו זיך מיט אמאל אזוי אבגעקיהלט?

— באנקראט, ברודער — האט זיך פרידמאן דאס רוב אפענהערציג מודה געווען: ס'ווילט זיך גארנישט!..

פון דער צייט אן האט פרידמאן געלעבט איינזאם — ווייט פון טומעל און ווייט פון בעקאנטע, און זיין גאנצען חות האט ער געצויגען נור פון ערינערונגען פון זיינע פריהערדיגע יאהרען, וועלכע האבען איהם טאקי צייטענווייז שטארק אינטערעסירט. אז ער קעהרט זיך אום אין אווענד אהיים אין זיין צימער ציהט ער זיך באלד אויס אויפ'ן בעטיל מיט א פאפיראס אין מויל, און ליגענדיג לויפט איהם שטענדיג דורך איין און דער זעלבער געדאנק: „געוואלט אמאל א סך, און איצט?.." ביי די מחשבות ווערט פרידמאן אלע מאל זעהר אומעטיג; איהם האפט ארום א זעלטענע בענקעניש נאך א וועלכען ס'איז שטארקען פערלאנג, און זיין איצטיגעס לעבען ועדט איהם אויס בעת־מעשה אזוי קליין, אזוי ארעם און טרוקען, אז ער פיהלט דאן עפיס א מין רחמנות, אנ'עלענד צו זיך אליין. ער בלייבט נאך דאס רוב לאנג ליגען מיט פערמאכטע אויגען און זיין גאנצע פערהאנגענהייט טראגט זיך דורך פאר איהם, ווי א רויך, פון וועלכען ס'ווערט נור ביטער אין די אויגען און מ'קאן עס ניט אנטאפען... פרידמאן דרעהט זיך איבער עטליכע מאל אויף ביידע זייטען, און אז ער קריכט ענדליך פיל אראב פונ'ם בעטיל, קלאפט איהם פון דאס־ניי אין קאפ: „באנקראט, בחור, באנקראט!..."

ס'זענען אזוי אריבער טעג, וואכען און מאנאטען. פרידמאן איז רעגעלמעסיג געגאנגען אויף זיינע שטונדען, האט אויטאמאטיש געטהאן זיין טעגליכע ארבייט, און אין די אומעטיגע בין־השמשות'ן האט ער פערמאכט אמאליגע יאהרען... נאר ביסלעכווייז האט שפעטער אין א פערבארגענעם ווינקעל פון זיין הארצען אנגעהויבען

שפּראָצען און געבאָרען װערען אַ קלײנע האָפֿנונג, פֿון װעלכער ער האָט אַלײן קײן סך ניט געהאַלט טראַכטען. „איך קאָן דאָך נאָך התּשובֿה האָבען" — פֿלעגט איהם אָפֿט, װי אַ העלער שטראַהל, אַרײַנדרינגען אַ געדאַנק טיעף אין דער נשמה אַרײַן. אין דער תּנועה װערט פֿרידמאַן פּלוצלונג מוטהיגער, אַלע אבֿרים װערען בײַ איהם אָנגעשטרענגטער, און בײַסענדיג די נעגעל פֿון די פֿינגער, לאָזט ער זיך דאַמאָלסט געהן האַסטיג איבער'ן צימער.

דײַטליך האָט זיך נאָך פֿרידמאַן אַלײן קײנמאָל ניט פֿאָר־געשטעלט, װי אַזױ דאָס קאָן געשעהן, װי דאָס װעט אױסזעהן, און אין אַלגעמײן איז איהם אינגאַנצען אומבעקאַנט געװעזען די אומ־שטענדען, בײַ װעלכע אַזױנס קאָן פֿאָרקומען. אױך האָט פֿרידמאַן ניט געטראַכט פֿון פֿערשידענע בעקװעמליכקײַטען און פֿון געמײנ־זאַמען גליק מיט אַ פֿרױ, װײַל קײן פֿרױען האָט פֿרידמאַן אין לעבען כמעט ניט געקאַנט און איז אין נאָהענטע בעציהונגען מיט זײ קײנמאָל ניט געװעזען. פֿרידמאַן געדענקט נור, װי דורך אַ חלום, אַז מיט אַ סך יאָהרען צוריק, װען ער איז נאָך גאַר אַ יונג בחור'ל געװעזען האָט ער עפּיס אײן צײַט ניט געקאָנט אײַנשלאָפֿען: שׂרה'ל, זײַנע אַ קוזינע, אַ דיק מײדעל מיט אַ לאַנגען שװאַרצען צאָפּ איז איהם דורכאױס געשטאַנען פֿאַר די אױגען, און דאָס האַרץ זײַנס האָט זיך בײַ איהם געהױבען און געקלעמט...

פֿון דאַמאָלסט אָן איז שױן אָבער אַװעק פֿיעל יאָהרען, און אַלץ איז שױן דאָרט פֿערװאַקסען געװאָרען, ניט איבערלאָזענדיג דעם קלענסטען סימן. און איצט איז פֿרידמאַנ'ען נור טײַער געװעזען די מחשבֿה, אַז עפּיס קאָן נאָך מיט איהם טרעפֿען אין לעבען און עפּיס האָט ער נאָך צו װאַרטען אין דער צוקונפֿט, אַז אײן פֿערלאַנג, האָטש ניט קײן שטאַרקער, איז נאָך בײַ איהם פֿערבליבען און אַז דוך זײַנע טעגליכע שטונדען האָט ער נאָך צו טראַכטען פֿון װאָס ס'איז אַנאַנדער זאַך. גערעדט האָט פֿרידמאַן װעגען דעם קײנמאָל ניט, און אַז עמיצער פֿון זײַנע אַמאָליגע בעקאַנטע זאָגט איהם אַמאָל לאַכענדיג: „דו װײסט, פֿרידמאַן — דיר האָט איצט געפּאַסט נעהמען אַ דיק מײדעל פֿון אַ רײַכען ישובֿ'ניק, קױפֿען אַ פּאָר גרױסע בע־טען און װיגען אַ שרײַענדיג קינד" — װערט ער באַלד רױטליך אין פּנים, װי עמיץ װאָלט איהם אַרײַנגעשטעקט טיעף אין האַרצען, און ער פֿערװױכערט שװײַגענדיג אַ פּאַפּיראָס...

די לעצטע צײַט האָט זיך פֿרידמאַן ערגיץ־װאו בעקאַנט מיט

אַמיטעל. געהייסען האָט די מאַמע און די איז געווען אַנאַקעגיטשאַרען שוין ניט קיין יונגע. בעלד נאָך דער ערשטער בעקאַנטשאַפֿט האָבען זיי איינער אינ'ם אַנדער'ן געפֿינען עפּיס אייגנס, וואָס האָט זיי ביידען געצויגען, זיך אַ צווייטען מאָל צוטרעפֿען, און ביסלעכווייז האָבען זיי זיך אָנגעהויבען בעגעגענען אָפֿטער.

— קומט אַרויף אַמאָל — האָט די אייניגמאָל ביים שיידען זיך איהם געבעטען: לאַנגע אָוונדען איצט — נישטאָ זיך וואו אַהינצוטהון:

פֿרידמאַן האָט זיך פֿיעל ניט געלאָזט בעטען און איז געוואָרען אַ אָפֿטער גאַסט ביי מאַניען. אַז ער פֿלעגט און איינער קומען פֿון זיינע שטונדען האָט ער שוין לאַנג דאָרט ביי זיך ניט געקאָנט איינזיצען, און ער פֿלעגט טאַקי אומגעוואָמט אַוועקשפּאַצירען צו זיין בעקאַנטער. — „גאַנץ גוט ביי איך — האָט ער יעדעס מאָל איבערגעחזר'ט: לאַנגע אָוונדען איצט"... און ביי מאַניען איז טאַקי זעהר בעקוועם געווען. דאָס צימער איהר'ס איז געווען אַ ליכטיגעס, אַ ריינעס; דאָס בעטעל — שעהן איינגעבעט, אויפֿ'ן מיטעל אַ קלאָרער טישטוך, אויף די ווענד פֿערשידענע פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער, און איבער'ן גאַנצען צימער האָט געשוועבט עפּיס אַ בעזונדער ווייכקייט, וועלכע האָט פֿרידמאַנען געגלעט און פֿערשלעפֿערט... מאַניע האָט דאָס רוב געבראַכט טהיי, אַמאָל עפּיס צוביסען, און פֿרידמאַן האָט איהר דערביי דערצעהלט עטוואָס פֿון זיינע אַמאָליגע לעבעדיגע, קאָכעדיגע יאָהרען, ווי גוט ס'איז געוועזען דאַן און ווי ניט „יום-טוב'דיג" ס'איז היינט... און אַז ער דערצעהלט איהר אויס זיין גאַנצעס האַרץ, ענטפֿערט מאַניע כמעט אַלע מאָל מיט אַ זיפֿץ: „אַך איך אַזוי..."

— מידאַרף זיך אָנהויבען קלייבען אַהיים — פֿלעגט פֿרידמאַן שטעמענדיג שטאַמלען, ווען ער האָט זיך דאָרט ביי מאַניען אַמאָל שפּעט פֿערזעסען — שוין גאָר ניט פֿריה...

— אַט דאָ אויפֿ'ן קאָרב — האָט איהם מאַניע דאַמאָלסט בערוהיגט — קאָנסט איהר ביי מיר איבערשלאָפֿען: איהר וועט מיר גאָר ניט שטערען...

דיצעטיג ביי מאַניען שעהן לאַנג פֿלעגט פֿרידמאַן זיך אַלץ פֿערטראַכטען וועגען זיך, וועגען איהר און וועגען זיי ביידען צוזאַמען... איהם איז אָבער וועהר טייער געוועזען זיין לעצטע האָפֿנונג און ער פֿלעגט זיך סטאַרען פֿערטרייבען פֿון זיך אַלע מחשבות

און פֿיעל מאָל האָט ער טאַקי פֿאַר זיך איבערגעטראַכט, אַז צי מאַניען געדט ער איינענטליך אַריין סתם אַזוי זיך, און התונה־האָבען איז גאָר אַ גאַנדער זאַך — אפֿשר ווען ס'איז און הער ווייסט נאָך מיט וועמען?..

* *
*

ס'איז געוועזען אַ געוועהנליכער קאַלטער ווינטער־אָוונד. די פֿאָריגע נאַכט האָט פֿרידמאַן שפּעט פֿערבראַכט ביי מאַניען און ער איז דאָרט ענדליך פֿערבליבען צו נעכטיגען אויפ'ן קאָרב. אין דער פֿריה, ווען מאַניע האָט נאָך געשלאָפֿען, איז ער פֿון דאָרט אַוועק גלייך אויף זיינע שטונדען און ער האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים ערשט פֿאַרנאַכט. פֿרידמאַן האָט, ווי זיין שטייגער איז, אויסגעדרייכערט עטליכע פּאַפּיראָסען, האָט עפּוואָס פֿעריכט זיין קראַגען און האָט ווי געוועהנליך אַ טראַכט געטון פֿון גיין צו מאַניען. נאָר און דער רגע האָט דאָס האַרץ ביי איהם אָנגעהויבען שטאַרק קלאַפּען, גאָר דאָס ביסעל בלוט פֿון זיין אָרימען גוף איז איהם אין פּנים אַריין, און אַ צומישטער האָט ער זיך אַראָבגעלאָזען אויפֿן בעטיל. נאָר לאַנג האָט פֿרידמאַן ביי זיך און צימער ניט געקאָנט איינזיצען. ער האָט ווידער פֿערדרייכערט און איז אַוועק צו מאַניען. אַז פֿרידמאַן איז אַריין און צימער איז מאַניע געזעסען בײַם טישעל אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע הענד און האָט אָנגעשטרענגט געטראַכט. ער איז געבליבען שטעהן אין מיט'ן צימער אָהן בעוועגונג, טראַכטענדיג בעת־מעשה: „צי איז נאָך אַלץ אַזוי ווי נעכטען, אָדער ניין...“ ביידע האָבען געשוויגען.

— וואָס מאַכט איהר? — האָט ענדליך פֿרידמאַן אומגעלומפּערט אַרויסגערעדט — וואָס הערט זיך?..

— גאָרניט — האָט מאַניע געשטאַמעלט: מ'דאַרף שרייבען די עלטערען, אַז מיר האָבען... חתונה־געהאַט...

— וואָס?..

מאַניע האָט ווידער אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ, און טרעהרען האָבען זיך געקייקעלט איבער איהר פּנים...

# מיט'ן עטאפ.

# מיט'ן עטאפ.

א שווארצער, קאלטער און פינסטערער נאכט האט מען אונז אין שווארצע, און פינסטערע קארעטען אריינגעזעצט און פון די קארעטען — מיט צו טייוועלשער געשווינדקייט — אין וואגאנעס אריינגעלאזען, אויך אין שווארצע, אויך אין פינסטערע... לאנג איז נאך דער צוג אויף א נ'ארט געשטאנען און פון דרויסען, פון דער „פריי“ האבען זיך צו אונז אין די וואגאנעס אריינגעריסען קלינגענדע שטימען, פרעהליכע געלעכטערס. נאר דאך האט קיינער פון אונז איין מאל אפילו אין פענסטער ניט אריינגעקוקט, איין מאל צו די גראטעס נאהנט ניט צוגעגאנגען. עפיס זענען מיר אלע שווייגענדיג געבליבען זיצען, ווי אהן לשון און שווער איז אלעמען אויפ'ן הארצען געווארען, ווי טויזענד שטיינער וואלטען דארט מיט אמאל אויסגעוואקסען...

און האטש מיר אלע זענען שוין פון לאנג געוועהנט געווען מען זאל אונז פיהרען, לעגען, זעצען, ניט ווען מיר אליין פערלאנגען, ווען אונז אליין ווילט זיך עס, נאר שטענדיג און דורכאויס ווען „זיי“ ווילען, ווען זיי דארפען, ווען זיי געפעלט — דאך האבען מיר זיך אין דער ערשטער ווייל אלע געפיהלט אזוי קליין, אזוי שוואך, אזוי אונבעהילפיג, דאס ביי אלעמען זענען באלד די אויגען פול טרעהרען געווארען — טרעהרען פון שוואכקייט, טרעהרען פון יאוש... אלע זענען מיר געבליבען זיצען אויף די ערטער אהן בעוועגונג, ווי צו געשמידעטע, און יעדערער בעזונדער איז פערטמען געווען מיט אזוינע פינסטערע, דריקענדע מחשבות, ווי מיר אלע וואלטען נור היינט צום ערשטען מאל מיט דער שוידערהאפטער ווירקליכקייט זיך בעגעגענט, ווי עפיס גארניט אין דעם קאלטען, גרויזאמען רוסלאנד וואלטען מיר אויסגעוואקסען, נור ערגיץ ווייט-ווייט אין דעם ווארימען ארקאדיען אונטער טיעפע בלאהע הימלען אהם קלארע פליסענדע טייכען...

און וואס ווייטער, וואס לענגער מיר זענען שווייגענדיג געזעסען, אלץ גרעסער, אלץ שטארקער איז אינווייניג דער ווערטאג געווארען, און געווען איז דער ווערטאג עפיס א מאדנער — א נאך-

זענדער, א ברענענדיגער, — א ווערטאג, צו וועלכען מען ווייסט אז ס'איז קיין שום רפואה ניטא און עס בלייבט נור איינער: קלאפען מיט'ן קאפ אין דער וואנד, פאלען מיט'ן פנים צו דר'ערד און מיט'ן גאנצען גוף וואַרפען זיך, שליידערן זיך, די אייגענע פינגער בייסען, די אייגענע האָר פון קאפ רייסען... און טיעף־טיעף ביי זיך אין הארצען האט בעת מעשה יעדער געטראכט און איז איבערצייגט געווען, אז איינרעכט, געוואלד־שהאטען, גראבער כה זענען איינציגע זאכען — זיי געהערען דעם מענשען און וועלען דערווייל קיינמאל ניט אויפהערען, אז אמת טאקע, מענשען זענען צייטענווייז שטארק ווי לייבען, שען ווי געטער, אבער פערקעהרט — אויך שוואך ווי ווערים, מיאוס ווי דער טויט...

לאנג זענען מיר אזוי געזעסען די שטומע מיט צורייצטע געפיהלען, מיט צעוואונדעטע נשמות, מיט פערבלוטיגטע הערצער, און געבויערט, געענגבערט האט אלעמען נור איין שרעקליכער, איין מורא'דיגער געדאנק: אזוינע גרויסע, דערוואקסענע מענשען — „אמת'ע" מענשען פון דער „אמת'ער" וועלט — פיהרט מען, זעצט מען, שטעלט מען, לעגט מען, ווי קליינע קינדער, ווי ווילדע אדער משוגעים, און אלע, די גאנצע וועלט ווייסט דאס, די גאנצע וועלט זעהט דאס, און די וועלט שווייגט, די וועלט בויגט איהר גרויסען קאפ — די וועלט געהט אין טירמע, די וועלט געהט אויף דער תליה!..

באלד האט זיך א ווילדער, א שניידענדער פייף דערהערט און נאך א שוידערהאפטען קרעכץ האט זיך דער צוג פון ארט געריהרט. אלע מיט אמאל, פונקט ווי צונויפגערעדט זיך, האבען זיך באלד א טרייסעל, א ציטער געטהון און יעדערער פון אונז האט בעת מעשה דערפיהלט, ווי עפיס האט זיך ביי איהם דארט אינעווייניג מיט געוואלט אבגעריסען, אבגעריסען — און אראבגעפאלען...

דאס געדויש פון די רעדער איז וואס ווייטער אלץ שטארקער, אלץ טומעלדיגער געווארען און וואס הילכיגער, וואס געשווינדער עס זענען די קלעפ געהען, אלץ נידריגער האבען זיך אונזערע פערמאטערטע קעפ צום שלאפען געבויגען, און באלד האט זיך א שרעקליך, א שרייענדיג האפען איבער'ן וואגאן געטראגען...

———————

א שענער, א ליטערער פראסטיגער פריה־מארגען איז געווען, ווען מיר האבען די ערשטע נאכט איבערגעשלאפען. די קאלטע

ווינען-שטראַהלען האָבען פֿרעהליך אין וואַגאָן אַרײַנגעשײַנט און אויף אַלעמעס פּנים'ער איז געלעגען עפּיס אַ מין דגאה, אַ צופֿריעדענקייט מיט זיך אַליין, ווי בעת מען פֿיהלט דעם אייגענעם כּח און מען גלויבט אין די אייגענע קרעפֿטען. נאָך ליעגענדיג אויף די געלעגערס, האָט יעדערער פֿאַר זיך עפּיס גאָרניט ווילענדיג מיט שטאָלץ געטראַכט: דאָך אַרויסגעריסען זיך פֿון די שטעכיגע, פֿון די שמוציגע הענד, פֿון דער גרויזאַמער איינזאַמקייט פֿונ'ם לעבעדיגען קבר... דאָך רייד איך איצט, ווי אַלע, מיט'ן מויל און ניט מיט די פֿינגער... דאָך דערלייזט געוואָרען פֿון דער האַרטער „קאַיקע" און ליעג ניט מעהר גאַנצע מעת-לעת'ן אין הלשות, „שפּאַציר" ניט מעהר איבער דער קאַמער ביז דער מאַרך אין קאָפּ הויבט אָן טריקענען...

אונזער נעכטיגע שווערע שטימונג איז אינאיינעם מיט דער פֿינסטערער נאַכט ערגיץ-וואו פֿערשוואונדען און אַלע האָבען זיך איצט געפֿיהלט אַזוי גרינג, אַזוי פֿריי, אַזוי מונטער, ווי מיר וואָלטען טאַקע אמת'ע פּאַסאַזשירען געווען און מיר פֿאָהרען דאָס איצט אַלע אינאיינעם ערגיץ אויף אַ לוסט-רייזע...

און ס'האָט זיך טאַקע גאָרניט געקאָנט גלויבען, אַז מיר זענען ניט קיין פֿרייע מענשען, אַז מיר זענען אויף זיך אַליין קיין בעלי-בתים ניט: אַ וואַגאָן, דאַכט זיך, ווי אַלע וואַגאָנעס — מיט בײַנק, מיט פּאָליצעס, מיט מאַנטבילען, מיט ווײַבער, מיט קינדער, מיט — סאָלדאַטען... נאָר וואָס טהוען זיי אונז די סאָלדאַטען?.. זיי פֿאָהרען אויך אינאיינעם... און די אײַזערנע גראַטעס אין די פֿענסטער זענען דאָך ניט פֿאַר אונז אַליין — זיי זענען דאָך פֿאַר די סאָלדאַטען אויך... אפֿילו פֿאַר'ן אָפֿיציר... אויפֿשטעהענדיג פֿריש, פֿרעהליך האָט יעדערער מיט חשק באַלד גענומען פֿונאַנדערנעהמען זײַן באַגאַזש און האָט וואָס עס איז פֿון זײַנע בעסטע, פֿון זײַנע נײַעסטע בגדים אָנגעטהון, טראַכטענדיג דערבײַ: ניטאָ, ניטאָ אויף וועמען אָבצולעגען — מען דאַרף לעבען, מען דאַרף לעבען!.. ראָזע, וואָס איז אָבגעזעסען גאַנצע דרײַ יאָהר אין פֿערשיעדענע טורמעס און פֿאַר די גאַנצע צײַט קיינמאָל אַזוי פֿיעל מענשען ניט אָנגעזעהן, האָט זיך באַלד אין דער-פֿריה שען פֿערקעמט, האָט אָנגעטהון אויף זיך אַ ווײַסע דינע בלוזע, און שמייכלענדיג-צופֿריעדען, ווי אַ קליין קינד, האָט זי אַליין געדריקט און געקושט איהר חבר'טע סאָרע'ן און האָט דערבײַ געלאַכט מיט טרעהרען אין די אויגען...

באַלד האָבן מיר פֿון זיך אויסגעקליבן איינעם פֿאַר אַ „סטאַראָסטע“ און אַ צווייטן — פֿאַר אַ „פּאָוואַר“, און אויסהויבענ־דיג זיי ביידן עטליכע מאָל אין דער הויך, האָבן אַלע מיט אַמאָל לאַכענדיג אויסגעשריען: עס לעבע דער סטאַראָסטע, עס לעבע דער פּאָוואַר!..

אין אַ ווײַלע אַרום זענען מיר ביז אַ הויפּט־סטאַנציע דער־פֿאָהרען. אין באַלד האָט מען אונז דאָרט אַ גרויסען, אַנגעמעדיגען טשײַניק „קיפּאַטאָק“ אין וואַגאָן אַרײַנגעטראָגען. אַלע האָבען זיך גיך אויפֿגעקליבען אין איין ווינקעל נעבען דער „קאַמינע“ און פֿאַ־מעליך, לאַנגזאַם, מיט גרויס רחבֿות האָט מען אינאיינעם געגעסען, געטרונקען, געלאַכט און געשטיפֿט. און ס'איז עפּיס אַזוי פֿרעהליך, אַזוי היימליך אין וואַגאָן געוואָרען, אַזוי פֿיעל האָט מען גערעדט, געשריען, דערצעהלט, געלאַכט, אַז אַלע האָבען זיך גאָר אינגאַנצען פֿערגעסען, וווּ מען איז אין דער וועלט, וווּ מיר געפֿינען זיך איצט און וווּהין און נאָך וואָס מען פֿיהרט אונז...

נאָך דעם טהיי־טרינקען האָט מען זיך געלאָזט שפּאַצירען איבערן וואַגאָן זאַלבענאַנד, זאַלבעדריט פֿעסט אַרומגענומען מיט די הענד. מען האָט גערעדט, דערצעהלט, זיך מתוכּח געווען און אין די ווערטער: חבֿר, חבֿרים, חבֿרטעס — האָט בעת מעשׂה געקלונגען אַזאַ ערנסטקייט, אַזאַ איבערגעבענקייט, דאָס זיי האָבען אַלעמען געשטאַרקט, געמונטערט, צום לעבען גערופֿען, און אַלע האָבען זיך טאַקע אין דער ווײַלע געפֿיהלט פֿאַר אמת'ע גבורים, פֿאַר העלדען, וואָס זענען שטאַרק מיט זייער מוט, שטאַרק מיט זייער אחדות...

אָט אַזוי איז כמעט דער גאַנצער קורצער ווינטער־טאָג אַריבער אין פֿרעהליכקייט און צופֿרידענקייט און קיינער האָט גאָרניט בעמערקט, ווי גיך עס איז אין וואַגאָן, פֿריהער טונקעל, דערנאָך אינגאַנצען פֿינסטער געוואָרען. אַלע האָבען זיך ווידער אויפֿגעקליבען אין איין אָרט, ווי קליינע חדר־קינדער, וואָס האָבען מורא פֿאַר די פֿינסטערקייט, און יעדערער האָט וואָס עס איז דער־צעהלט פֿון זיין אַרעסט, פֿון זיין „טורמע־מעשׂים“, פֿון פֿערשיע־דענע צוזאַמענשטויסונגען, ווי ס'האָט זיך איהם דאָרט געלעבט אין די „פֿיער־איילען“ און ווי פֿיעל מאָל איז יעדערן אויסגעקומען דאָרט הונגערן, קעמפֿענדיג פֿאַר בעסערע בעדינגונגען, פֿאַר מענשליכע בעהאַנדלונגען...

— גאַנצע דריי הונגער־שטרייקען צו צעהן טעג נאָכאַנאַנד האָב איך אין טורמע אויסגעהאַלטען... מיט וואַסער נור האָב איך זיך אַלץ געקוויקט און עפּיס אַ פּאָר מאָל, מעהר ניט — אַ קליין שטיקעל צוקער צוקייט... יענע טעג וועל איך מסתמא האָבען צו געדענקען צייט מיין לעבען, אָבער דעמאָלט האָב איך פאָרט אויסגעפיהרט: באַלד נאָך דעם דריטען מאָל הונגערן האָט מען מיך אויף אַ „דאָפּראָס“ אַרויסגערופען... אַזוי דערצעהלט איינס אַ יונג מיידעל מיט קורצע אונטערגעשאָרענע האָר, און זי ווערט באַלד אַליין פערשעמט פאַר איהר אייגענער גבורה...

— האָב איך שוין, ווייזט אויס, מעהר אויפגעטהון אין טורמע, זאָגט מיט שטאָלץ אַ שוואַרצער אַ געזונדער גרוזין: צו מיר אין קאַמער האָט מען מיט אַמאָל אין אַ גוטען פריה־מאָרגען אַ שענעם, אַנ׳אויסגעפּוצטען שפּיאָן אַריינגעלאָזען. מיין גאַסט האָט זיך צוגעזעצט און האָט באַלד אָנגעהויבען מיך טרייסטען, אַז אויב איך וועל ווערען אַ „מענש“, וועט מען מיר, ערשטענס, ניט הענגען, צווייטענס קאָן מיר נאָך אַמאָל זיין גוט אויך, אָבער טאַקע גאָר, גאָר גוט — וואָס גוט הייסט... בעת מעשה — רעדט ווייטער דער גרוזין, אויפקוועטשענדיג די קולאַקעס פון זיינע שוואַרצע האָריגע הענד: איז דער כעס מיינער געווען אַזוי מוראדיג גרויס, אַז איך האָב גאָרניט געוואוסט, וואָס איך זאָל אָנהויבען מיט איהם טהון, נאָר באַלד האָב איך זיך געכאַפּט און האָב תיכף מיט ביידע הענד מיין אורח פאַר'ן קאָפּ גענומען און מיט גרויס אימפּעט איהם אין סאַמע פּנים אַריינגעשפּיגען...

— ווען איך וואָלט אויך, ווי אַלע, אין טורמע געזעסען — כאַפּט זיך אַרויס אַ יונג, אַ פרעהליך בחורל מיט לעבעדיגע לויפענדיגע אויגען: וואָלט מיט מיר אויך מסתמא אַזעלכע שענע מעשיות טרעפען. אָבער איך בין, אַ דאַנק גאָט, אין טורמע כמעט, קאָן מען זאָגען, ווי ניט געזעסען...

— וואָס הייסט אין טורמע ניט געזעסען? פרעגען אַלע מיט איין מאָל, שטאַרק פערוואונדערט.

— אָט ס׳איז פּראָסט ניט אויסגעקומען, ווען... די גאַנצע צייט — מעהר ווי אַ יאָהר — האָב איך כמעט, כמעט דורכאויס אין קאַרצער פערבראַכט... אין טורמע, זאָג איך איך — גאָר, גאָר אַ קטנות...

אין וואַגאָן איז אויף אַ ווייַלע שטיל געוואָרען און אַלע האָ־

בעט עפּיס אַזוי ווי געוואַרט, עמיצער זאָל נאָך וואָס ס'איז דער־צעהלען.

ווערא ניקאָלאַיעוונאַ, אַ שיין יונג מיידעל מיט אַ בלאָנדען, געדיכטען קאָפּ האָהר, מיט אַ פּיל, בלאַס פּנים, האָט זיך אין דער ווײַלע אַ ביסעל פון איהר אָרט אויפגעהויבען, טיעף־טיעף אַ זיפץ געטהון און זאָגט מיט אַ שטעכעדיגער איראָניע, מיט עפּיס אַ ווילדען שמייכעל אויף די ליפּען: אָ, חברים, מײַנע טײַערע חברים,, — איהר ווייסט נאָך קיינער ניט, וואָס הייסט גוואַלט, וואָס הייסט אַזוינס אַ רוסישער זשאַנדאַרם... דאָס ווייס איך נאָר אַליין — איך און מעהר קיינער ניט!.. ווערא איז אַ ווײַלע אַנטשוויגען געוואָרען, האָט זיך נערוועז געהאַפּט איינינע מאָל מיט בײַדע הענד פאַר די שלייפען און האָט באַלד מיט אַ שטילען, אומעטיגען קול ווײַטער דערצעהלט:

אַ נאַסע, אַ פינסטערע, אַ טרויעריגע הערבסט־נאַכט איז דעמאָלט געוועזען. געצויגען האָט זיך יענער פערשאָלטענער אָהענה בײַ מיר ווי אַ גאַנצע אייביגקייט און געפיהלט האָב איך, ווי „ער", דער אונענדליך־לאַנגער אָווענד שניידט זיך מיר אײַן טיעף אין מײַנע ביינער און ער זויגט מיך, עסט מיך לאַנגזאַם, פּאַמעליך, ווי די פריהלינגס־זון עסט און זויגט דעם קלאָרען, ווייכען שניי. שעה'ן־לאַנג בין איך מיט אַ זעלטענעם אימפּעט איבער מײַן „קאַמער" אַרומגעפלויגען, ווי איך וואָלט אין די ווינקלען עפּיס אַ רעטונג פאַר זיך געזוכט... איך לויף אַרום און פיהל דערבײַ, אַז דער מאַרך האָט זיך בײַ מיר אָנגעצינדען מיט אַ גאַנצען גיהנום־פייער — אַזאַ היץ, אַזאַ זיד האָט מיר מיט אַמאָל אין רעכטען קאָפּ אַ זעץ געטהון. איך פּרוּב זיך זעצען, נאָר דאָס פּנים בײַ מיר פלאַמט, אין האַרצען איז איינג, איינג אַזוי דערשטיקט צו ווערען... איך לאָז זיך אַראָב אויף דער פּאָדלאָגע און מיר ווערט באַלד שרעקליך פאַר זיך אַליין, פאַר יעדען אָבר מײַנעם בעזונדער... איך לאָז זיך ווידער לויפען מיט האַסט און פיהל בעת־מעשה, אַז בײַ מיר ריהרט זיך דער מוח — איך ווער משוגע!.. דער געדאַנק הויבט מיך אָן שרעקען, שוידערן: אין טירמע משוגע — ווי מורא'דיג, ווי שוידערהאַפט!... „שלאָפען מוז איך איצט" — איז מיר אַ געדאַנק דורכגעפלויגען. איך האָב די אויגען מײַנע מיט די הענד פערקוועטשט און מיט'ן פּנים אַראָב בין איך אין קויקע אַרײַנגעפאַלען. אַנטשלאָפען געוואָרען בין איך באַלד, נאָר עפּיס

אַ מאָדנער שלאָף איז עס געווען: אַליין האָב איך מיינע אייגענע אָפּטע געשטרייען געהערט, מיין אייגען חראָפּען געפיהלט... איך בין געשלאָפען, אין פלוצלונג — איך הער, איך פיהל: עפּיס אַ האַנד, אַ שווערע, אַ פידיגע האַנד פאָהרט אַרום איבער מיין קערפּער, גלעט מיין געזיכט, צישפּילעוועט מיין ברוסט... מיט כח האָב איך מיינע צונויפגעקלעפּטע אויגען געעפענט און איך דערזעה באַלד האַרט נעבען זיך איפּ'ן בעטיל, — אָ, ווי שרעקליך — אַ זשאַנדאַרם! איך האָב באַלד אַ ווילדען געשריי אַרויסגעלאָזט און תכף האָב איך אַ גרויסען, אַ פעטען קילאַק אין מיין מויל דערפיהלט... געהאָרפּען, געשליידערט האָב איך זיך און ער — ער גלעט אַלץ מיין קערפּער און שטופּט זיין רויטע צורה צו מיינער — אַ קוש האָט ער געגעבען!... שפּרינגען פון בעטיל האָב איך געוואָלט — האָט ער מיך מיט זיין גאַנצען שווערען קערפּער געדריקט... מיט די לעצטע קרעפטען האָב איך זיך געראַנגעלט און האָב זיך דאָך פון זיינע איזערנע הענד בעפרייט. אין דער הויך צום לעמפּיל בין איך באַלד געשפּרונגען — דעם קעראָסין האָב איך געוואָלט זופּען, דאָס פייער האָב איך געוואָלט שלינגען!.. נאָר באַלד טאַקע אין דער ווייַלע האָט זיך דער היסישער זשאַנדאַרם צו דער טהיר צוגערוקט, ער האָט זיין לאַנגע הינטישע צינג אַרויסגעשטעקט, האָט הויך, חוצפּהדיג אַ פייף געטהון און איז רוהיג, געלאַסען פון קאַמער אַרויס...

און וואַגאָן איז שוין שטאַרק פינסטער געווען און אַלץ איינגער, אַלץ נעהענטער האָבען מיר זיך איינע צום צווייטען געשטופּט, און אַלץ אָנגענעהמער איז געוואָרען דאָס זיצען אינאיינעם. אַ היבּשע ווייַלע זענען מיר נאָך אַזוי געזעסען און ברידערליך געשמועסט, ביז איניגע פון די חברים זענען שטאַרק איינגעשלאָפען.

נאָך די ערנסטע געשפּרעכען פון דעם גאַנצען טאָג און נאָך דער געהויבענער שטימונג האָבען זיך אַלע געפיהלט ווי פערשכורט, און שוין כמעט שלאָפעדיגע זענען מיר אויף אונזערע ערטער אַוועק.

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך גאַנץ פריה, ווען אין וואַגאָן האָט אַ קליין, שוואַך פייערל געצאַנקט. ווען די סאָלדאַטען האָבען נאָך שטעהענדיג געשלאָפען און שלאָפענדיג — געהאַלטען זיך שטייף ביי זייערע רעוואָלווערען, ווען אַלע איבעריגע חברים האָבען נאָך שוי-

דערהאפטע הלומות געזעהן און האבען דעריבער שרעקליך געברומט, געשריען און בעוועגט מיט אלע אברים זייערע.

מאניע האט זיך איבערגעדרעהט אויף איהר געלעגער מיט'ן פנים ארויף און פערווארפענדיג דעם קאפ אן א זייט, האט זי מיט א פערשטיקטען קול, דורך פערדריקטע ציינער מיט אמאל אויסגעשריען: „תלינים, בלוט-זויגער! נקמה, חברים, נקמה!...“

בארים האט זיך פלוצלונג אנידערגעזעצט א שלאפעדיגער אויף דער אויבערשטער באנק וואס נעבען סאמע דער סטעליע, און ניט א ריהר טהוענדיג אפילו מיט איין גליעד, האט ער זיך צעוויינט און צולאכט מיט אזא מורא'דיגען קול, אז מיר האט דער גאנצער קערפער אנגעהויבען שטעכען ווי מיט נאדלען, און פון מורא האב איך געמוזט דאס פנים ארויבערדעקען...

דער הימעל האט ביסלעכווייז אנגעהויבען ווערען אלץ גראהער, אלץ קלערער; די סאלדאטען זענען שוין געשטאנען פעסט און מונטער אויף זייערע ערטער; דער אפיציר איז אויך באלד אריינגעקומען אונז געוואהר ווערען, און די חברים האבען אויך איינציגווייז אנגעהויבען אויפהאפען זיך. אבער אויפשטעהן האט זיך עפיס קיינער ניט געאיילט און לאנג זענען נאך אלע געבליבען ליעגען אויף די ערטער, ווי טראכטענדיג בעת מעשה: ניטא זיך וואס איבעריגס צו איילען... דער „קיפיאטאק“ וועט הלילה ניט קאליע ווערען שטעהענדיג... מען איז געלעגען מיט די פנימ'ער ארויף און אלע האבען זיך אזוי ווי צוגעהערט צו דעם רויש פון די רעדער, וואס האבען געקלאפט עפיס אזוי מאדנע, ווי זיי וואלטען דייטליך גערעדט און דערצעהלט אונז פון אלץ, וואס זיי ווייסען וועגען אונזערע אמאליגע אלטע חברים, — אז געפאהרען זענען מיט דעם וועג אהין אזוי פיעל, אזוי פיעל און צוריקגעקעהרט האבען זיך אזוי ווייניג, אזוי ווייניג... אז אהין זענען געפאהרען יונגע, שטארקע, בליהענדע, און צוריק — אלטע, שוואכע, צובראכענע... אז דארטען ווייט, אין דער קאלטער טייגא, אין געדיכטע וועלדער, נעבען אייביג-פערפרארענע ימים וועלען מיר פיעל-פיעל בעקאנטע, טייערע לאנג-פערגעסענע קברים געפינען...

— עסען שטעהט אויף! האט דער „פאוואר“ אונזערער כלומר'שט צושריען זיך: שפעטער, זאלט איהר וויסען זיין, וועל איך אייך קיינעם אפילו א ביסען ניט געבען — אט וועט איהר שוין זעהן...

— מען דאַרף גאָר אויסקלייבען אַ נייעם „פּאָוואָר“, זאָגט איינער לאַכענדיג: דער אַלטער איז פאַר איין טאָג צייט אַנ־אמת'ער „בוראָקראַט“ געוואָרען — אַראָב!...

אַ היבשע ווײַלע איז מען נאָך אַזוי אַפּאַטיש, פויל אויף די ערטער געלעגען, נאָר ענדליך האָט דער עולם פאָרט אָנגעהויבען ביסלעכווייז אויפהויבען זיך, און ס'האָט אויסגעזעהן, ווי אַלע האָבען מיט אַמאָל פערשטאַנען, אַז פריהער, שפּעטער — אויפשטעהן מוז מען דאָך...

מיר האָבען זיך באַלד נעבען גרויסען טשייניק געזעצט, ווי געבעטען, נאָר עפּיס האָט קיינער היינט כמעט גאָרניט געגעסען און ניט געטרונקען, און געשוויגען האָבען אַלע אַזוי ערנסט, ווי מיר וואָלטען זיך אַלע איבער־נאַכט צוקריגט אָדער טאַקע צושלאָגען... אָט אַזוי איז מען געזעסען און עקשנ'דיג געשוויגען, און געטראַכט האָבען אַלע דורכאויס וועגען דעם שווייגען... איינער אַ חבר האָט זיך בעת מעשה אָנגעשפּאַרט אויף איין האַנד און פאַמעליך, שטילערהייד האָט ער פאַר זיך עפּיס אַ ניגון צוגעברומט. צו איהם איז באַלד נאָך איינער צוגעשטאַנען, דערנאָך — אַ צווייטער, אַ דריטער, ביז אַלע אינאיינעם האָבען מיט איין מאָל מיט גרויס בעגייסטערונג אַ „דונער“ געטהון די „מאַרסעליעזע“. און געזונגען האָבען אַלע מיט אַ זעלטענעם חשק און התפּעלות, ווי מיר וואָלטען נור היינט צום ערשטען מאָל אָט דאָס ליעד געהערט, ווי מיט יעדען איינציגען וואָרט פון אָט דעם בעצויבערענדען ניגון וואָלטען מיר אונזער גרויסען שונא בייגעקומען, אונזער אַלגעמיינעם בעדריקער בעזיעגט.

לאַנג האָט זיך די מאַרסעליעזע איבער'ן וואַגאָן געטראָגען און אין אַלעמען גלויבען און האָפנונג געגאָסען, אַלעמען צום לעבען געוועקט, און באַלד טאַקע האָט זיך ביי אַלעמען אין די אויגען עפּיס אַ מאָדנעם פייערל בעוויזען — אַ פייערל, וואָס האָט אַלעמעס פּנימ'ער בעלויכטען און וואָס קאָן ביים קלענסטען ווינדטעל אין אַ גרויסע פלאַם אַריבער... באָגדאַנאָוו, אַ הויכער, אַ שמאָלער בעוואַקסענער מאַסביל אין אַ סטודענטישער קורטקע, האָט זיך בעת'ן זינגען געשווינד פון'ם אָרט אַ הויב געטהון, און האַפּענדיג אין דער רעכטער האַנד אַ גלאָז, האָט ער די גאַנצע צייט פון זינגען געדרעהט מיט דער האַנד אין דער־לופט און האָט דערביי אַזוי שטאַרק געשריען.

אז ער האט זיך צום סוף אהן כחות אויף די באנק אראבגעלאזט. ווען מיר האבען איהם אויף אנ'ארט אוועקגעלעגט, וואסער געגעבען, האט ער ערשט דעמאלט ווילד צעוויינט זיך און גרויסע טראפענס טרעהרען האבען זיך איבער זיינע בעוואקסענע באקען געקייקעלט...

באגדאנאוו'ס טרעהרען האבען אויף אלעמען ווי עפיס א מרה-שחורה ארויפגעווארפען און ס'איז איבער א ניים שטיל און אומעטיג געווארען, ווי מיר האלטען אלע אינאיינעם עפיס א גרויסע נארישקייט אבגעטהון אדער א מאוס פערברעכען בעגאנגען... ביסלעכווייז האט מען זיך אבגערוקט איינער פון אנדערען און מיר האבען זיך צעווארפען אין פערשידענע ווינקעלעך.

מאקס, איינער פון אונזערע עלטערע חברים, וועלכער איז שוין איבערגעזעסען אין אלע טורמעס און וועלכער פלעגט שטענדיג אויף אלעמען שרייען: אין טורמע זאלט איהר ליידיג ניט זיצען, אויב איהר ווילט נאר ניט משוגע ווערען! יעדערער דארף זיך עפיס אויסזוכען אנ'ארבייט, האטש אונטער דר ערד; האטש וואס פאר א מלאכה, נאר עפיס טהון, נאר ניט ליידיג זיצען — דער אייגענער מאקס האט זיך איצט מיט גרויס כונה גענומען צום צייכענען א „דאמקע“... וולאדימיר באגראוו, א בלאנדער, א דינער בחור ווי א ברעטיל, וועלכער האט פון אלע מאל, נאך פון פאר דער טורמע שטארק געהאלטען פון גימנאסטיק, האט זיך איצט אנידערגעשטעלט אויפ'ן מיטען וואגאן, האט פערקאטשעט די ארבעל ביז דער סאמע פלייצע, און מיט גרויס ערנסט האט ער אנגעהויבען ווארפען, ציהען די הענד אין דער הויך ארויף, אראב און אויף אלע זייטען... לאזאר האט זיך גאנץ נאהענט צוגעזעצט נעבען מאניען און האט שטילערהייד גערעדט און גע'טענה'ט, אז זי מוז מיט איהם דא אין טורמע חתונה האבען, זי מוז מיט איהם וואוינען אין איין ארט, אין איין דארף, אז אנדערש קאן עס ניט זיין און אנדערש טאר עס גארניט זיין — ער וועט און ער קאן אהן איהר בשום אופן ניט לעבען...

בערטע מיט סארען האבען פריהער גאנץ לאנג גערעדט צווישען זיך פון דער-היים, פון אלגעמיינע בעקאנטע, האבען גע־קוקט פערשידענע פאטאגראפישע בילדער און געענדיגט האבען זיי זייער לאנגעס געשפרעך מיט עפיס א מאדנעם, א דריקענדען שווייגען, ווי מיט א נ'ערנסטען ברוגז... איניגע חברים האבען

זיך פֿערקליבען אין דער הויך אויף די אויבערשטע בײנק; אַנדערע האָבען דאָרט געדזשלעכערט, אַנדערע — געדרעמילט און ווער עס האָט סתּם אַזוי זיך אין דער וועלט אַרײן טעמפּ געקוקט אויף דער סטעליע... אַנדריי טאַראַקאַנאָוו, אונזער „סטאַראָסטע“ מיט אַבּ־ראַמ׳ן דעם „פּאָזאַר“ האָבען זיך אינאײנעם עפּיס אויפגערעדט וועגען דעם הײנטיגען מיטאָג, און שולמאַן, אַ ברײט, אַ קלײן־געוואַקסיג בחור׳ל, וואָס האָט כמעט, קאָן מען זאָגען, אין די טור־מעס מעהר פֿערבראַכט, ווי אויף דער פֿרײהײט און וואָס פֿלעגט שטענדיג טענה׳ן און זאָגען: די רעוואָלוציע שטעלט זיך ניט אָב אַפילו אויף אײן רגע, די רעוואָלוציע איז אומעטום, די רעוואָלוציע געדױט — האָט זיך פּאַמעליך, פּאָרזיכטיג צוגערוקט צו די סאָל־דאַטען און האָט בײ זײ אַ שוועבעלע געבעטען. דערנאָך האָט ער זײ אַלעמען מיט פּאַפּיראָסען מכבּד געווען און האָט בײ יעדערן תּמ׳עוואַטע אויסגעפֿרעגט, וויפֿיעל יאָהר איז יעדערן פֿון זײ, ווי לאַנג דיענען זײ און צי האָבען זײ עפּיס ערד אין דער־הײם... אַ ביסעל שפּעטער זאָגט ער מיט אַ פֿרום פּנים: קײן גוטס איז טאַקע גאָר אויף דער וועלט ניטאָ!... ס׳איז אַיער לעבען אויך ניטאָ וואָס מקנא צו זײן — ניט קײן טאָג, ניט קײן נאַכט... און רוסלאַנד איז טאַקע קײנעם ניט גוט...

און די אַנטשאַציע הויבט זיך אָן...

# טהיי אין וואלד.

# טהיי אין וואַלד.

אין דרויסען איז נאָך גוט קאַלט געווען און ערטערווייַז איז נאָך דער שניי אינגאַנצען געלעגען, אָבער דאָך האָט שוין די זון געטהאָן וואַרימער, ווייכער אַ שייַן געטהאָן, און אַזוי ווי די געדולד איז שוין ביי אונז געווען אינגאַנצען אויסגעגאַנגען, איז ביי אונז איינשטימיג געבליבען — מאָרגען זאָלען מיר „מאַכען" זומער... נאָך לאַנג, ווען דער ווינטער האָט נאָך געהאַלטען אין רעכטען מיטען, ווען די אָווענדען זענען נאָך געווען אַזוי לאַנג, אַז זיי פלעגען, ווי איינער פון אונזערע חברים האָט געזאָגט, אַרייַנקריכען טיעף אין די ביינער, פלעגט זיך גאַנץ אָפט יעדערער פון אונז פערטראַכטען וועגען דעם, אַז דאָ מוז אויך ווען ס'איז אָנקומען אַ זומער, האָטש אַ קורצער, אָבער דאָך אַ זומער מיט קורצע נעכט... און זומער וועט געוויס פיעל בעסער זייַן: דער געהט אַהער, דער אַהין, אַמאָל צוזאַמען, מען טרינקט טהיי אין וואַלד... ס'וואוינען דאָך זומער מענשען אין דערפער מיט פערגעניגען... אָט דער געדאַנק האָט אונז טאַקע צייַטענווייַז שטאַרק אונטערגעהאַלטען; ווען ניט די קליינע האָפנונג, וואָלט איצט מיט אונז נאָך פיעל ערגער געווען ווי ס'איז, און שלעכט איז שוין טאַקע געווען גענוג. איסטעריקעס זענען ביי אונז געוואָרען אַ געוועהנליכע זאַך, אַפילו ביי מאַנסבילען, אויסער צוויי חברים — פאָפאָוו און גינצבורג, וועלכע האָבען זיך נאָך ווי ס'איז געהאַלטען. זיי ביידען האָבען אַלע איבעריגע עפּיס אַזוי ווי ניט ליעב געהאַט: מענשען אָהן נערווען — פלעגט מען זיי רופען... מיר האָבען אָנגעהויבען פיהלען, ווי מיר ווערען דאָ אָן דאָס לעצטע ביסעל ענערגיע, אַז מען מוז איבערבייַטען אונזער אָרט לעבען האָטש אויף איין טאָג, און דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס אַלע האָבען מיט פרייד אָנגענומען דעם פאָרשלאָג — מאָרגען צו מאַכען זומער. און דער ווייַלע האָט זיך אַלעמען אויסגעדוכט, אַז פון מאָרגען הויבט זיך ביי אונז אָן אַ נייַ לעבען פיל מיט אינטערעס.

נאָך איין שווערע, ניט קיין געשלאָפענע נאַכט איז דאָך אָנגעקומען דער גליקליכער מאָרגען — „דער זומער", האָטש די

פענסטער אין מיין צימער וענען געווען ביסלעכווייז צוגעפאראען פון אונטען... אויפגעשטאנען בין איך פיעל פריהער ווי געוועהנליך און האב זיך גלייך אַ לאז געטהון צו מיין קארב, זוכען זומערדיגע קליידער. געפינען האב איך ניט פיעל — איין פאר דינע העלע הויזען, אַ פאר טופליעס מיט שנירלעך און אַ ווייסען צוקנייטשטען הוט. איך האב דאס אַלץ באלד אַרויפגעצויגען אויף זיך און, האפענדיג מיט זיך מיין בלעכענעם טשייניק, בין איך איילענדיג אַוועקגעלאפען צו פאפאון — דארטען האבען מיר זיך אַלע געדארפט צוזאַמענקומען.

ווען איך האב דערזעהן ביי פאפאון די „פערפיצטע" קאמפאניע, האט זיך מיר גלייך אינטערגעהאַקט די פיס, ס'איז מיר פינסטער געווארען אין די אויגען, און איך וואלט געוויס געפאלען, ווען איך לאז זיך אַליין ניט אַראב אויפ'ן שוועל. איך האב דאן ערשט פערשטאנען, און וואס פאר אַ צושטאנד מיר געפינען זיך, אויף וואס פאר איין פלאַץ מיר האבען זיך אבגערוקט פון דער אַלגעמיינער לאגיק. מיר האט זיך אין דער ווילע געדאַכט, אַז מיר וענען אַלע אַזוי ווי אַנטלאפען פון אַ דול-הויז און האבען זיך פערביטען מיט די קליידער. די פנים'ער ביי אַלעמען — בלייך, טויט, די נעזער — אויסגעצויגען, די אויגען — פערלאשען, ביי אַנדערע — אַ שמייכעל ניט קיין געזונדטער; אַלע — אַזי מאנסבילען, אַזי פרויען רויכערנען און שפייען, שפייען און רויכערנען...

— לאמיר געהן, האט איינער געזאגט: ווארימער וועט שוין היינט ניט ווערען; מיר וועלען זיך שוין דערווארימען געהענדיג.

אַלע האבען זיך אויפגעהויבען פון די ערטער און זאלבעצעהנט, די גאַנצע „קאלאניע" הייסט עס, האבען מיר זיך געלאזען געהן. די זומער-קליידער האבען פינדעסטוועגען אויף אונז געהאט אַ קליינע ווירקונג; מיר האבען זיך עפיס אַזוי ווי ניט דערקענט און, צוטיילענדיג זיך אויף גרופען, וענען מיר געגאַנגען אין שטארק גערעדט און דיספוטירט צווישען זיך. דאס האט מיר דערמאַהנט די ערשטע טעג פון מיין קומען אַהער... מיר איז אויסגעקומען געהן אינאיינעם מיט חנה ראזענטאַל, וועלכע האט זיך אויך גאר אומגעריכט שטארק צורעדט.

— איהר ווענט איצט אויפגעלעגט צו ריידען? פרעגט זי

מיך: מיר ווילט זיך היינט גראָד פֿיל רײדען, איז אויב איהר זאָגט זיך אָב צו ענטפֿערן, וועל איך געהן זוכען אַ צווייטען.

— פֿערקעהרט, זאָג איך: רעדט וויפֿיעל אייער האַרץ געלוסט, איך וועל אייך, האָף איך, שולדיג ניט בלייבען.

— אָבער דעם אמת, נאָר דעם אמת זאָלט איהר זיך האַלטען, בעט זי: ווייל רײדען קומט אונז אויס זעהר זעלטען, דאַרף מען האָטש די צייט אומזיסט ניט אָנווערען.

הנה האָט זיך אַזוי ווי אומגעקוקט אויף אַלע זייטען און פֿרעגט מיך:

— אין וואָס בעשטעהט, נאָך אייער מיינונג, די אורזאַכע, וואָס מיר קאָנען זיך דאָ עפּיס אַזוי ניט אויפֿלעבען, וואָס יעדערער פֿון אונז פֿיהלט זיך אַזוי עלענד און טראָגט שטענדיג אַ געוויסע אונצופֿרידענקייט געגען די איבעריגע, פֿאַרוואָס געפֿינען מיר אַלע כמעט אַלץ נייע פֿעהלערן איינער אין אַנדערן? זענען מיר שוין ווירקליך ערגער פֿון לייטען? איך האָב אָבגעלעבט אין דערהיים — רעדט זי ווייטער — מעהר ווי צוואַנציג יאָהר; אַלע טאָג האָב איך גערעדט אין טאָגע פֿיעל גערעדט, און ס'פֿלעגט שטענדיג בלייבען אויף מאָרגען אויך. דאָ אָבער זעצט מען זיך אַוועק און מען שווייגט ווי שטומע, אַפֿילו אין די אויגען קוקען זיך איז שווער, ווי מיר וואָלטען ברוגז געוועזען...

איהרע שאלות זענען ביי מיר אויסגעקומען זעהר אַלטע און איך האָב זיך גאָר געפֿוילט ערנסט צו ענטפֿערן; נאָר ווען איך האָב דערזעהן מיט וואָס פֿאַר אַ אויגען זי קוקט אויף מיך און וואַרט, האָב איך גאָר ניט־ווילענדיג געפֿרעגט:

— זאָגט דעם אמת, האָט איהר האָטש איינעם פֿון דער גאַנצער „קאָלאָניע" עטוואָס ליעב אָדער האָטש ניט פֿיינט?

הנה איז עטוואָס רויטליך געוואָרען און אָנשטאָט איין ענטפֿער פֿרעגט זי מיך:

— פֿון וואַנען ווייסט איהר דאָס, איהר אויך אַזוי?

איך האָב בעמערקט, אַז זי איז זעהר צעטראָגען: פֿריהער איז דאָס נאָך פֿאַר איהר אַליין געווען אַ סוד, אָבער איצט האָט זי כמעט ווי אויסגעזאָגט... מיר האָט זיך געוואָלט זי אַ ביסעל בערוהיגען און איך האָב אָנגעהויבען רײדען:

— איהר ווייסט, זאג איך, הנה, אז מיר האבען זיך אייגענטליך גאר ניט פיינט, ס'הילכט זיך אונז מעהר ניט. שטעלט זיך פאר, אז איהר מוזט מיט אמאל היינט אבפאהרען פון דאנען, וויפיעל טרעהרען וואלט איהר דאס דא אין דערפיל איבערגעלאזט; מיר מוזען זיך נאר עטוואז אבריקען איינער פון צווייטען; מענשען טארען ניט זיין איבעריגס נאהענט, מענשען זענען ניט קיין מלאכים, אפילו פערשיקטע אויך...

נאך א קליינוויילינגען שווייגען האט הנה מיט פערדרוס אנגעהויבען שרייען:

— זאגט-זשע מיר אויף אזא אופן, ווער זענען שוין די „אמת'ע", די „ריכטיגע" מענשען? מיר האבען דאך אלץ געמיינט, אז דאס זענען מיר אליין, און נאר מיר... אויב אזוי, צו וואס איז די גאנצע זאך! אז מענשען זאלען ניט קאנען לעבען צוזאמען, לוינט דאך גאר אויף דער וועלט ניט צו בלייבען; אויב אזוי, צו וואס איז די גאנצע קעמפפעריי, צו וואס איז די צרות, ליידען, און וואס בעשטעהט דער זיעג?...

איך האב זיך ניט געריכט, זי זאל אריין אין אזוינע התפעלות, און איך האב געמוזט מיט איהר ריידען פיעל דייטליכער, פיעל אפענער.

— איהר רעדט ריכטיגע רייד, זאג איך: נאר איהר דארפט דערצו גוט געדענקען, אז דא איז שוין א ביסעל איבערגעהאפט די מאס, אז דא איז מען שוין עטוואס צו-נאהענט... און די הויפט-זאך איז, אז ביי מענשען מוזען נאך דערוויילע זיין אזוינע זאכען, וואס מען טאר ניט אויך... אלץ מעגען איז א גרויסער פעהלער... דערמאהנט זיך, פארוואס האבען מיר אויפגעהערט גלויבען איינער אין אנדערען, פארוואס האט זיך יעליזאוועטע געוואלט סמ'ען, און משה — ווארפען אין טייך, פארוואס?.. נאר גענוג, איהר פערשטעהט דאך אליין, אז מענשען אהן שוואכקייטען איז ניטא, זיי זענען נאך דערוויילע ניט געבארען געווארען, און איירע וואס-ווען, מוז מען נאך דערוויילע...

— א, ווי אנטלויפט מען שוין אהיים! האט מיט האַרץ אויסגערעדט הנה: אמת טאקע, אז דאס בעל-הבית'ישע לעבען איז א פערפוילטעס, א פינסטערעס, אבער איך וואלט זיך נאר פערקלוי-

בען אין מײַן אַמאָליגען צימער, זיך שטאַרק פֿערשפּאַרען, קײנעם ניט אַרײַנלאָזען...

אַז מיר זענען אַנטשוויגען געוואָרען, האָבען מיר דערהערט ווי די איבעריגע אינוערע זענען אויך שטאַרק פֿערנומען מיט רײד, און דאַכט זיך אַז טאַקע פֿון דעם זעלבען סאָרט.

— מיר זענען דאָך געגאַנגען טהײ טרינקען, פֿאַרוואָס טרינקט מען ניט? האָט אײנער דערמאָהנט.

— אָבער וואו זעצט מען זיך דאָ, אַז אַרום איז הורבּאוים שׁני מיט וואַסער? האָבען כמעט אַלע געענטפֿערט.

— לאָמיר געהן ווײַטער, אפֿשר איז דאָרטען טריקענער, רעדט דער ערשטער.

— וואָס איז, מײנט איהר, ווײַטער, שוין איטאַליען? די זעלביגע טײַגא וואָס דאָ, אַלץ אײנס.

— איהר ווײסט, זאָג איך: מײַן עצה איז, מיר זאָלען גאָר אומקעהרען זיך אַהײם, און מיר וועלען שוין דאָרטען טרינקען בײַ עמיצען פֿון אונז טהײ; אַלץ אײנס איז אונז אַלעמען, גלויב איך, שטאַרק נויטיג אַ ביסעל אָנוואַרימען זיך...

מײַן עצה איז אַלעמען געפֿעלען געוואָרען, און גלײַך האָבען זיך אַלע איבערגעדרעהט אויף צוריק. נאָכ'ן לאַנגען שפּאַציר און נאָך די פֿיעל ערנסטע געשפּרעכען האָבען אַלע זיך געפֿיהלט גאָר ניט שלעכט און דעריבער האָט מען באַלד אָנגעהויבען נאַריש מאַכען זיך, לאַכען, ווערטלען זיך איבער אינזערע זומער־קאָסטיומען.

— איהר זענט דאָך אַ שנײַדער, בעריל, זאָגט לאַכענדיג גינצבורג: פֿאַרוואָס נײהט איהר אונז ניט אויף טאַקע רעכטע קלײדער, ס'זאָל זײַן שען פֿאַר לײַטען און גוט פֿאַר זיך? אַז איך וואָלט געקאָנט נײהען, אָ!..

— איז אײך גוט, אַז איהר זענט אײן אינטעליגענט; פֿאַר מיר מאַכט ניט אויס, וואָס איך בין אַ שנײַדער אויך, ענטפֿערט בעריל מיט גרויס כּעס.

— וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו זײַן אין כּעס, בעריל? מיר רײדען דאָך לאַכענדיג, זאָגט פּאָפּאָוו.

— איהר, פּאָפּאָוו, זענט אַ סטודענט מיט ברילען, מישט זיך

אריין פייצע: טא רעדט מיט איערע אינטעליגענטען, וואס דארפט איהר זיך מיאוס מאכען און ריידען מיט אונז, ארבייטער־מענשען...

אויפ'ן הארצען איז ווידער געווארען שווער, ווי טויזענט שטיינער וואלטען זיך דארט אוועקגעלעגט; יעדער פון אונז ווייסט טאקע, אז דאס זענען קליינינקייטען, נארישקייטען, אבער מען ווייסט דערצו, אז פון זיי בעשטעהט דאס גאנצע לעבען, אז זיי נעהמען ביסלעכווייז ארויס דאס געזונד...

— גוואלד, האט מיט א קרעכץ אויסגעשריען איינער: אז אך־און־וועה טאקע צו פלעווע'ן — וועמען ער האט עס...

דאס האט ביי אלעמען ארויסגערופען א קרענקליכען שמייכעל, און מיר זענען שווייגענדיג אוועק אהיים, אבער יעדערער איז געגאנגען צו זיך...

# דער פאסט־טאג.

# דער פּאָסט־טאָג.

מיטוואָך איז עס געוועזן, און מיטוואָך איז ביי אונז אַ טאָג ניט קיין פּראָסטער, ניט קיין געוויינלעכער געוועזן — אַ טאָג, ווען אַלע פלעגן זיך פיהלען שטאַרקער, פרישער, מוטהיגער, אַ טאָג, וועלכער האָט זיך ניט אַזוי מאַטערענדיג געצויגן ווי אַלע איבעריגע טעג פון וואָך, ניט אויסגעמאַטערט, ניט קאַלעטשעט אונז מיט זיין שרעקליכער עהנליכקייט אויף דעם „נעכטען“ און „מאָרגען, וועלכער פלעגט אַרויסרייסען ביי יעדערען פיעל טרעהרען, פיעל זיפצען, אָבער אויך געגעבען די מעגליכקייט אָנקלייבען נייע כחות, פרישע קרעפטען צו לעבען, צו ליידען, צו וואַרטען... אַ טאָג, אין וועלכען דאָס האַרץ פלעגט שטאַרקער קלאַפּען, דער קאָפּ — בעסער אַרבייטען, די אויגען ווייכער, וואַרימער קוקען, און ס'פלעגט זיך ביי אַלעמען פיהלען אַזוי ווי אַ הרטה אויף אונזער שטענדיגער האַרטקייט און טרוקענהייט: מיטוואָך פלעגט צו אונז אין דאָרף אָנקומען די פּאָסט... און די פּאָסט איז דאָ ביי אונז דער איינציגער טרייסט געוועזן, די איינציגע זאַך צוליעב וועלכע ס'פלעגט זיך וועלען אויפשטעהן און ס'פלעגט זיך וועלען מאָרגען דער־לעבען...

ווען עמיצער פון אונז האָט אַמאָל אָנגעהויבען זעהר שלעכט פיהלען זיך, ווען די שטענדיגע איינזאַמקייט און בעקאַנטע אָבגעלעבטע פּנים'ער פון די חברים פלעגען מיאוס ווערען ביז הלשות און ס'איז שוין מעהר ניט געוועזן מיט וואָס צו עטהעמען, מיט וואָס צו לעבען, האָט דאַמאָלס יעדערער זיך אַליין געטרייסט טראַכטענדיג: „איך שלאָף נור איבער די נאַכט, און נאָך אַ נאַכט איז שוין דינסטאָג, און דינסטאָג איז כמעט... ווי מיט־וואָך...

איידער מיר פלעגען די פּאָסט בעקומען האָט קיינער פון אונז בשום אופן ניט געקאָנט פאָרשטעלען זיך, אַז נאָך מיטוואָך, נאָך דער „היינטיגער“ פּאָסט זאָל ווידער אַלץ פערבלייבען, ווי געוועזען, און אונזער לעבען וועט זיך ווייטער דאַרפען ציהען אַזוי לאַנגזאַם, אַזוי אונזיניג־נאַריש, ווי פריהער. און געפאָדערט

האבען מיר פון יעדער פאסט אזוי פיעלע דערפאר, ווייל זיצענדיג אין הערפיל צווישען הימעל און וואלד, צווישען שטומע פעלדער און בעת, ניט האבענדיג צייטענווייז וואו א צווייטען און זיך אליין אהין צוטהון, פלעגט דער אייגענער קערפער אזוי איבעריג ווערען, די אברים — אזוי ניט נויטיג, אזוי שווער, דאס אינז פלעגט זיך ערנסט אויסדוכטען, אז מיט אזוינע גרויסע, שווערע, מגושם'דיגע הענד און פיס, מיט אזוינע ברייטע, טיפע מיילער דארפען דאך מענשען דארטען ווייט, „אויף דער אמת'ער וועלט" אלע טאג בערג איבערקעהרען, הרבות צערשמעטערען, וועלטען נייע בויען...

דערצו איז די אלע ליעבע און טייערע, וואס יעדערער האט אויף זיין לעבען ווען פערמאגט ווערען איהם איצט פיעל נאהענטער, פיעל טייערער, און דער גדאנק, אז מ'קען איהם דארטען אפשר פערגעסען אויך — איז דער שרעקליכסטער, דער געפערליכסטער. און אט אויף די אלע פראגען און ספקות קריגען מיר אנ'ענטפער מיטוואך.

היינט, ווי אלע מיטוואך, בין איך גאנץ פריה אויפגעשטאנען, האטש די פאסט, האבען מיר געוואוסט, קומט אן אהער נאך האלבען טאג. זין אמאל פערשפעטיגט זי ביז פארנאכט. אבער קיינעם פלעגט זיך שוין ניט שלאפען, ניט ליגען: מיטוואך פערשלאפען איז עפיס אנ'עולה, א נארישקייט — מ'וועט ווי דען ניט קאנען אויסשלאפען מארגען, איבערמארגען, איבעראכטאג, גאנצע דריי, פינף יאהר?.. איך האב איילענדיג א גלאז טהיי אויסגעזופט און איינרייידענדיג זיך, אז מיין זייגער שפעטיגט זיך, בין איך מיט גרויסע טריט אין פאסט־געסיל אוועק...

— וואהין לויפט איהר דאס עפיס אזוי פריה?.. פרעג איך פריידלען, וועלכע איז פערסאפעט מיט א גרויסער טוך איבערגעדעקט געשווינד פערבייגעלאפען. — איך געה אין... איך געה... היינט וואס ארט דאס אייך וואהין איך געה?.. ענטפערט זי מיט פערדרוס: איך פרעג דען ביי אייך ווען — וואו און נאך וואס איהר געהט?...

באלד האבען זיך גענומען בעווייזען אין דער געסיל אלע איבעריגע חברים, און יעדערער האט געמאכט אזא פנים, אזא מינע, ווי ער וואלט כלומר'שט ניט ווילענדיג, מיט א טעות אהער אראבגעפאלען, אז ער דארף דא גארנישט און וויל גארנישט — אט מ'געהט זיך סתם אזוי...

אהיבשע ווילע האב איך זיך אזוי אין דער „מיטזאך־געסיל" ארומגעדרעהט און בין ווידער אהיים געגאנגען, האטש איך בין זיכער געוועזען, אז לאנג וועל איך אין שטיב אלץ איינס ניט איינזיצען. ביי זיך אין צימער האב איך זיך צו פערשיעדענע ארבייט גענומען: געפרובט א בריעף שרייבען, א בוך לייענען, א וואראטשע „מאכען", און בעט האב איך זיך אריינגעווארפען, אבער פון אלע מיינע ארבייט איז גארנישט ארויסגעקומען, און אבמאטערענדיג זיך אזוי א היבש ביסעל צייט האב איך זיך נאך אמאל איבערצייגט, אז איך בין ניט קליגער, ניט שטארקער, ניט מיטהיגער פאר אלע איבעריגע חברים, אז דא אין קאלטען פערווארפענעם דערפיל איז טאקע ניט איבעריגס גרינג א הלם צו זיין: איך בין ווידער באלד אויף פאסט אוועק... איצטער האב איך שוין דארטען אלע חברים געפונען און זייערע בלייכע פנימער האבען ווי דייטליך גערעדט און פערענטפערט זיך: דער זייגער איז שוין באלד צוועלף — די פאסט האט שוין כמעט טאקע געקאנט זיין...

מיר זענען אלע געזעסען אויף די פארקאנעס פון די נאָהענטע גערטנער און אלץ ארויסגעקוקט אין דער ווייטענס פון וואנען ס'דארף די פאסט אנקומען. גערעדט האבען מיר צווישען זיך וועניג, כמעט ווי גאר ניט, נור גאנץ זעלטען פלעגט עמיצער זאגען צו זיך אליין אויפ'ן קול: היינט מוז איך בעקומען פיער בריעף, ניט וועניגער... — איך — צוויי מיט א קארטעל, ענטפערט אב א צווייטע מיט אנ'ערנסטע געזיכט...'

— און אז מ'שיקט אונז בריעף, בעקומען מיר דען זיי?! לאזט אויס א דריטער מיט פערדרוס: וועניג בריעף גאר פערהאלט מען אונזערע און מיר זעהן זיי אין די אויגען ניט אן!...

— וואס זאמט זיך אבער היינט אזוי די פאסט — רעדט איינער סתם אין דער וועלט אריין: דער וועג איז דאך אזוי טרוקען, אזוי גוט...

— אליין שטעהט ער אין בלאטע, און דער וועג, שרייט ער, איז היינט גוט, גלאט און טרוקען — ענטפערט מיט כעס א צווייטער...

סאיז נור איין שעה צייט מעהר ניט אריבער און אלעמען איז שוין מיאוס געווארען זיצענדיג אויף די פארקאנעס, מיאוס געווארען רויכערענדיג, שווייגענדיג און בעגעגנען זיך מיט די

בליקען; אויף אלעמענס פנים'ער האט זיך שוין אנגעהויבען צו בעמערקען דייטליכע צייכענס פון אונגעדולד, איבערדריסיגקייט, און פריידעל, וועלכע איז ביי אונז בעהויזט געווען פאר א נערהנע, פאר וועלכע אלע האבען מורא געהאט, זי זאל פלוצלונג קיין „סצענע“ ניט מאכען, האט שוין עטליכע מאל נערוועזיש געזאגט, אז עס דריקט איהר עפעס אונטער'ן הארצען...

— וואס האבען מיר זיך דא אנידערגעזעצט ווארטען? זאגט קוזנעצאוו, איינער פון אונזערע חברים: ס'איז דאך פראסט מיאוס פאר שכנים-פויערים, אז אזוינע גרויסע דערוואקסענע מענשען זאלען אזוי לאנג זיצען ליידיג, אהן ארבייט. לאמיר האטש געהן די פאסט בעגעגענען, זאגט ער האלב לאכענדיג — אלץ איז דאך עפעס א שטיקעל מלאכה... קיינער האט זיך לאנג ניט געלאזט בעטען און באלד זענען אלע „שפאצירען“ אוועק. געגאנגען זענען מיר אלע בעזונדער, צוואווארפען איבער'ן גאנצען וועג און יעדער האט פאר זיך געטראכט אדער געטהאן זיין בעזונדער זאך: מילער האט זיך שטילערהייד געזונגען זיין שטענדיג לידעלע, וואס ער האט זיך אין טורמע אויסגעלערנט; קוזנעצאוו האט געבראכען צווייגען פון די שטעכיגע בוימער און האט דערביי פרעהליך גערעדט: אט אזוי זאל צובראכען ווערען דער איצטיגער פערפוילטער ארדנונג... ראזענטאל, נאך א לאנגען שווייגען, שרייט פלוצלונג אויס: דער, וואס זיצט דא אין דערפעל, איז ניט ווערט דעם נאמען מענש, דעם נאמען קעמפפער: איך „לויף“ מארגען!... און ער ווערט דערביי זעהר פרעהליך... אנדריי פעטראוויטש שטעלט זיך אב אויף א ווייל און מיט גרויס התפעלות בעט ער זיך ביי אלעמען, מ'זאל זיך גוט צוקוקען צו די זעלטענע שעהנהייט פון דעם ארומיגען לאנדשאפט... סארא לעווין, וועלכע האט זיך אין טורמע עפעס גאר ניט ווילענדיג גע'שמד'ט און האט דארט התונה געהאט מיט סערגעיעוו'ן, טראכט איצטער וועגען די זעלביגע, וואס זי קלערט שטענדיג: פאר וואס עפעס האב „איך“ זיך גע'שמד'ט און ניט ער... און איך האב איהם, דאכט זיך, ניט אזוי שטארק געליעבט איך. — נאר וואס ווייטער, אלץ שטילער און אומעדיגער זענען אלע געווארען ווייל דער וועג, מיט וועלכען מיר זענען איצט געגאנגען, האט אויף אונז שטענדיג גאר א בעזונדער ווירקונג געהאט: דאס איז דער זעלבער וועג, וואס האט אונז אהער אין דארף געבראכט און די „פרייהייט“ געשענקט נאך א לאנגען זיצען אין

פערשידענע טרמעס. דער דאזיגער וועג ציהט זיך ווייט, ווייט ביז דער גרויסער שטאדט, ביז'ן באהן... און פערבינדט אונז מיט דער איבעריגער וועלט, און מיט דעם זעלבען וועג וועלען מיר גוען עס איז אפשר אהיים, אהיים פאהרען...

און בעת מעשה טראכט יעדערער: וויפיעל מאהל וועט דאס אונז נאך אויסקומען שפאצירען מיט דעם וועג, וויפיעל פאסטען וועלען מיר נאך געהן בעגעגענען, וויפיעל טרויעריגע ליעדער וועט מען נאך אויף דעם וועג אויסזינגען, און צו דען וועט עפיס גארנישט טרעפען פאר דער גאנצער צייט?.. צו דען האבען דארט מענשען אויפגעהערט לעבען און קעמפפען?... צו דען האט מען אונז דארטען איינגאנצען פערגעסען און מיר וועלען מוזען אויסטרינקען דעם ביטערען כוס ביז'ן סוף?...

וואס לענגער מיר זענען געגאנגען אלץ קעלטער און גלייכגילטיגער זענען מיר צו דער פאסט געווארען, און אלץ וועניגער האבען מיר וועגען איהר געטראכט, און ווען דער פאסט־גלעקיל האט גענומען קלינגען שוין גאנץ נאהענט פון אונז זענען אלע מיט אמאל שטארק אומעטיג געווארען און ביי אנדערע האט זיך טרערען אין די אויגען געשטעלט...

לאנגזאם און שווייגענדיג זענען מיר צוריק אין דארף אוועק. די פאסט איז שוין געווען פאנאנדער געקליבען און מיר האבען באלד בעקומען אונזער קארעספאנדענציע, וועלכע איז געווען אויפגעלעגט אין א בעזונדער פעקעל. יעדער האט גענומען שלעפען דאס פעקעל צו זיך און געשריען — וואו איז פאר מיר, וואו איז מיינע!....

אבער קיין בריעף איז אויף דאס מאל פאר קיינעם ניט געוועזען. און טרויעריג, ווי אבלים, זענען אלע צו אנדריי פעטראוויטשען געגאנגען דארט לעזען צוזאמען די צייטונגען, וואס ס'דאט זיך איצט בעקומען. אלע האבען זיך באלד פאר די צייטונגען געהאפט, און דרעהענדיג די בלעטער אויף אלע זייטען, האט מען נערהעזיש, איילענדיג אנגעהויבען זוכען עפיס „גוטע" נייעס, שטארקע געשעהענישען, גרויסע איבערקערענישען...

אבער עפיס וויכטיגעס האט קיינער אין די בלעטער ניט אויסגעפונען און אלע זענען געבליבען זיצען אויף די ערטער אבהענדיג, דערשלאגען, ווי אויסגענארטע, אויסגעלאשטע און פערשעמטע... פריידעל האט זיך באלד אין בעט אריינגעווארפען

און האט שטיל געפרעגט, אויב ס'איז פארהאן אין שטוב „וואַ-לעריאנקע"... סארע האט זיך מיט א גרויסער טוך איבערגעדעקט און געזאגט דערביי, אז איהר איז שרעקליך קאלט געווארען מיט אמאל... א הדיקענדע שטילקייט האט אנגעפילט דאס צימער. קיינעם האט זיך אין דער ווילע כמעט ווי גארנישט געוואלט, נאר יעדער'ן באזונדער האט זעהר וועה געטאן און שרעקליך פערדראסען, וואס „א מיטוואך" איז אזוי פוסט, אזוי טרויעריג אריבער, און צום צווייטען מיטוואך איז נאך אזוי לאנג, אזוי ווייט.

— ווער וויל מיט מיר היינט טרינקען בראנפען? פרעגט קוזנעצאוו מיט זעהר א ערנסט פנים, אויפהויבענדיג זיך דערביי פון שטול: ביי מיר איז געבליבען אנצוטרינקען זיך היינט אזוי שטארק, אז איך זאל ביז איבעראכטאג מיטוואך אליין ניט וויסען וואס מיט מיר טהוט זיך און וואו איך בין אין דער וועלט... נו, ווער וויל, הא?..

— א טייערער איינפאל, א גאונישע אידעע! האבען איינינע חברים מיט אמאל אויסגעשריען, און אין צימער איז באלד פיעל לעבעדיגער, פיעל פרעהליכער געווארען.

וואס האט איהר אלע אזוי אראבגעלאזען מיט אמאל די נעזער? וואס האט איך די פאסט אזוי שטארק צוטומעלט? פרעגט מיט פערלאטונג פערעלמאן, איינער פון אונזערע חברים, וועלכער האט אין ערגעץ קיין היים ניט געהאט (אויסער די טורמעס), קיין בעקאנטשאפט ניט געזוכט און האט דעריבער קיין מאל קיין בריעף ניט ערהאלט: ניט איך שרייב וועמען, ניט איך ווארט אויף בריעף, ניט איך דארף זיי גאר. א מענש, א קעמפפער — רעדט ער ווייטער — דארף קענען אויסקומען אהן ווייבלקייט, אהן ווארימקייט און טאר ניט וויסען פון בענקעניש, פון אומזיסטע טרערען. זאגט לאמיר בעסער אלע צוזאמען אויפזינגען עפים „א קאמפפ'ס-ליעד" און ס'וועט געוויס באלד גרינגער ווערען אויפ'ן הארצען, און ניט לאנג ווארטענדיג האט פערעלמאן מיט התפעלות אויסגעשריען:... „אטרעטשעמסיא אט סטאראוואָ מירא"! דער שטארקער און ענט-שלאסענער קול פון פערעלמאן'ס זינגען האט אלעמען ווי פון א שווערען שלאף אויפגעמונטערט און גאר ניט ווילענדיג האבען אלע, פריהער פאמעליך און וואס ווייטער אלץ שטארקער און העכער, אונטערגעהאלטען דאס ליעד. ביסלעכווייז זענען אלע פון

די ערטער אויסגעשטאנען און האבען זיך ארום טישעל ארומגע-
קליבען און יעדער האט פארגעלעגט זינגען א בעזונדער ליעד.
סארע האט אונטערגעשפארט דעם קאפ אויף ביידע הענד און בע-
גיסענדיג זיך מיט הייסע טרערען האט זי מיט גרויס געשמאק
איהר שטענדיגע טרויער-ליעד געזונגען:

„פאלנצע ווסכאדיט אי זאכאדיט, א"...

קוזנעצאוו האט מיט זיין גראבען באריטאן גענומען ברומען:

„וניז פא מאטושקע פא וואלגע"...

אלע חברים זענען אויף א קורצע ווילע ווי בעגייסטערט געווארען און ס'האט זיך אויסגעדוכט, אז ס'איז דא גאר ניט אזוי שטארק שלעכט, אז מ'דארף נור וויסען, ווי צו לעבען, אז מ'דארף אזוי אלע טאג זינגען, פרעהליך מאכען זיך...

נאר ווען אלע האבען אויסגעזונגען גאר די ליעדער, וואס זיי האבען געדענקט און געוואוסט, איז אין צימער ווידער שטיל און טרויעריג געווארען; און ניט זעגענענדיג זיך איינער מיט'ן אנדערען זענען אלע שטילערהייד צו זיך אהיים אוועק...

# זאלבענארן.

# זאַלבענאַנד.

אַ ווינטער־פֿאַרנאַכט איז געוועזען, ווען מאַניע איז צום ערשטען מאָל צו איהר דערפֿיל צוגעפֿאָהרען, און קאַלט איז דעמאָלט געוואָרען, ווי עס קאָן נור קאַלט זײַן אויפֿ'ן ווײַטען צפֿון. די עטליכע קלײנע דאָרפֿישע הײַזלעך זענען טיעף־טיעף אין שניי געשטאַנען און פֿון אַלע קוימענס האָט זיך אַ געדיכטער, שוואַרצער רויך לאַנגזאַם צום הימעל געצויגען. גרויזאַם־שטיל איז געשטאַנען דער ווײַסער פֿערפֿראָרענער וואַלד פֿון אַלע זײַטען דאָרף, ווילד און מראָדיג האָבען זיך געצויגען די ווײַסע פֿעלדער אָהן אַ סוף, און אויף אַלץ איז געלעגען עפּיס אַ קאַלטע, אַ שטומע ערנסטקײַט און שטרענגקײַט, וועלכע האָט אויף אַלעמען אַ מורא און אַנ'עלענד געוואָרפֿען.

און הגם מאַניע האָט שוין וועגן פֿיעל געהערט און פֿיעל געלייענט פֿון אַזוינע דערפֿלעך און אויף קיין בעסערס האָט זי זיך גאָר כמעט ניט געריכט, דאָך איז איהר ביים דערזעהן דאָס דערפֿיל אַ שוידער אַריבער איבער'ן קערפּער, און ווי אַ בליץ איז אינ'ם קאָפּ ביי איהר באַלד דורכגעפֿלויגען אַ שרעקליכע מחשבה: „גאַנצע פֿינף יאָהר און אַזאַ שניי־גרוב!...“ נאָר אין דערזעלבער רגע האָט זיך מאַניע דערמאָהנט, אַז דאָ אינ'ם דערפֿיל וואוינט שוין איין חבר, אַז ניט אַליין וועט זי דאָ דאַרפֿען זײַן, און אַז זאַלבענאַנד איז גאָרניט אַזוי שרעקליך: מען לייענט צוזאַמען, מען לערנט, מען שפּאַצירט, מען רעדט — דאָך זאַלבענאַנד, און נאָך חברים דערצו. און מאַניען האָט זיך עפּיס אין דער ווײַלע פֿאָרגעשטעלט, אַז דער חבר איהרער, וועלכען זי דאַרף דאָ טרעפֿען, איז געוויס אַ מענש, מיט אַלע מעלות, אַז ער איז עפּיס אַזאַ גוטער, אַזאַ ווייכער, אַז ער וועט געוויס שטענדיג זיצען נעבען איהר און וועט דורכאויס דערצעהלען, לייענען, טרייסטען זי, און אַז ביידען צוזאַמען וועט מסתמא זײַן אַזוי אַנגענעהם, אַזוי גוט...

— שוין, באַרישנאַ! האָט צופֿריעדען פּלוצלינג אויסגעשריען דער פֿיהרמאַן: געקומען!

מאַניע האָט זיך, ווי פֿון אַ חלום, דערשראָקען אַ האָפּ געטאָן, און דערפֿיהלענדיג באַלד דעם פֿראָסט ביי זיך אינ'ם לײַב,

האָט זי מיט'ן גאַנצען קערפּער אַ ציטער געטהאָן. לאַנגזאַם, אויטאָמאַטיש האָט זיך מאַניע אַרויסגעקליבען פון'ם שליטען און אַ שווערע, אַנ'אָנגעפּעלצטע איז זי אין שטיבעל אַריין.

— אַ חבר'טע! אַ חבר'טע! האָט זיך סערגיי פּאַוולאָוויטש, דער איינציגער חבר, פרעהליך צישריען, דערזעהענדיג די גאַסט. סערגיי האָט באַלד געוואָרפען די ביקס, וועלכען ער האָט געהאַלטען אין רייניגען, און פאַרזיכטיג האָט ער געהאָלפען מאַניען פונאַנדערטהון איהרע שווערע אויבער־בגדים, רייבענדיג דערביי מיט אַ שמייכעל: אַ חבר'טע און נאָך אַ שען מיידעל דערצו — גאַנץ גוט גאַנץ גוט...

אַז מאַניע האָט זיך אָבגערוהט און איז אַ ביסעל צו זיך געקומען, האָט זי אָנגעהויבען ביסלעכווייז ריידען און דערצעהלען סערגיי'ען פון אַלץ, וואָס עס פּערלויפט זיך איצט דאָרט אויף דער פרייער, אויף דער „אמת'ער" וועלט: וואָס מען טהוט דאָרט איצט, וואָס מען רעדט, וואָס מען טראַכט דאָרט און וואָס מען פיהלט.

די ערשטע ווײַלע איז סערגיי רוהיג געזעסען אויף אַנ'אָרט און האָט צופריעדען אויסגעהערט מאַניעס געריסען פון דער ווײַטער היים. ווען מאַניע אָבער האָט אָנגעהויבען שילדערן, ווי גוט און ווי אינטערעסאַנט ס'געהט דאָרט איצט די „אַרבייט", אַז יעדערר איז דאָרט איצט פערנומען און פאַר אַלעמען איז פאַרהאַן וואָס צו טהון — איז סערגיי באַלד פון אָרט אויפגעשטאַנען און האָט זיך נערוועז געלאָזען געהן איבערן צימער. מאַניע האָט צופריעדען און מיט חשק דערצעהלט, און סערגיי איז דערווײַל האַסטיגער און נערוועזער געלאָפען הין און צוריק, געביסען די שפּיץ פינגער, און אַלע רגע האָט ער פּלוצלונג עפּיס אַזוי שטאַרק מיט איין פוס אַ טופּע געטהון אין דער פּאָדלאָגע, ווי ער וואָלט בעת־מעשה וועלען אַלץ אויף דער וועלט חרוב מאַכען, אַבי אומקעהרען זיך ווי־עס־איז צו זײַנע אַמאָליגע לעבעדיגע, קאָכעדיגע יאָהרען, צו זײַנע אַמאָליגע דרייסטע און טײַערע חברים...

אַ ביסעל שפּעטער, ווען מאַניע האָט זיך מיט טהיי אָנגעטרונקען און האָט ביים בלעך־אויוועז דעם קערפּער אָנגעוואַרימט, האָט זיך אויף איהר פנים באַלד אַ נאַאיווע קינדערשע רויטקייט צישפּיעלט, אויפ'ן שטערען ביי איהר האָבען זיך בעוויזען גרויסע

טראפענס שװײס, און מיט א שטילען הראפען איז זי גיך אײנגעשלאפען.

אז סערגײ איז געבליבען זיצען אלײן און ער האט זיך גוט צוגעקוקט צו דער שלאפעדיגער מאגיען, איז איהם מיט אמאל עפּיס שרעקליך אומעטיג געװארען. װאס אזױנס האט אויף איהם אזױ שטארק געװירקט אין דער װײלע, — האט סערגײ אלײן דײטליך ניט געװאוסט. נאר געפיהלט האט ער בעת־מעשה, אז גאר אומזיסט האט ער זיך דערפרעהט מיט דער נײער חברטע, אז אײגענטליך איז דאס מײדעל דא פאר איהם גאר אנאיבעריגע, אז װילענדיג אדער ניט, װעט איהם דאך אויסקומען מיט איהר זיך צו רעכענען; אז דא אין דערפיל בײ אזױנע שװערע אומשטענדען איז פיעל גלײכער, װען מען דארף פאר קײנעם קײן חשבון ניט אבגעבען; אז יוצא זײן געגען איהר װעט מסתמא זײן זעהר שװער און אז ס׳װעט געװיס בײדען זײן ניט גאר גוט. א היבשע װײלע איז נאך סערגײ אזױ פערטראכט געזעסען, ביז ער האט ענדליך פערלאשען דאס קלײנע לעמפיל און מיט א פאפיראס אין מויל האט ער זיך אראבגעלאזען אויף דער פאדלאגע.

אויפגעהאפט האט זיך מאניע אויף מארגען פריה מיט׳ן געדאנק: „גאנצע פינף יאהר...“ און װען זי האט גוט איהרע אויגען צעעפענט און דערזעהן סערגײ׳ען, האט איהר באלד א שטארקען צופ בײם הארצען געטהון... עפּיס האט מאניע אלײן ניט געװאוסט פארװאס, נאר געפיהלט האט איהר הארץ, אז סערגײ איז איהר בשום אופן קײן חבר ניט, אז זי און ער — זענען צװײ בעזונדערע װעלטען, און שװער איז מאניען באלד אויפ׳ן הארצען געװארען, װי א שטײן װאלט דארט פלוצלונג אויסגעװאקסען. מאניע איז באלד אויפגעשטאנען, טהײ אבגעטרונקען און א שװײגענדיגע איז זי געבליבען זיצען בײם טישעל, בײ װעלכען ס׳איז אויך סערגײ געזעסען און האט מיט השק, גאר פון דאס נײ, זײן ביקס גערײניגט.

— נו, איז װי פארט לעבט זיך דאס עפּיס דא אינ׳ם דערפיל? האט זיך מאניע ענדליך געװענדט צו סערגײ׳ען: געװעג טרויעריג מסתמא, הא?...

— אט, מען קומט שוין הערך װי עס איז, האט סערגײ קאלט געענטפערט, טהוענדיג װײטער זײן ארבײט: מ׳געהט אין האלד ארײן שיסען פויגלעך, מ׳שלאפט אב צײטענװײז א פאר מעתלעת נאכאנאנד, און אזױ שטופט מען װי עס איז אריבער די צײט...

און אז ס'ווערט טאקע אמאל גאר שלעכט — רעדט ווייטער סערגיי — שוין א ביסעל ווארימער, קוקענדיג מאניען גלייך אין פנים אריין — געפינט מען אנאנדער רפואה: מען טרינקט דא בראנפען, אבער טאקע א סך, ניט אויף געלעכטער... און אז מען איז שכור איז שוין דעמאלט ניט שלעכט — אלץ ווערט דעמאלט רעכט, אלץ מאג מען... און מען לעבט!... וואס דען — אויסציהען זיך און שטארבען?!...

מאניע איז געבליבען עפיס ווי אהן ווערטער און איהר געזיכט האט בעת מעשה אויסגעדריקט א טיעפען צער און א שארפען נאגענדען וועהטאג. עפיס האט זיך מאניע בשום אופן ניט געקאנט פארשטעלען, אז אהן שכרות קאן מען דא ניט בעגעהן זיך און אז דעמאלט איז אלץ רעכט און אלץ מאג מען...

— וואס הייסט — אויסציהען זיך און שטארבען? רעדט איבער מאניע מיט פערדרוס און וואונדער: מען קאן, דוכט זיך, דא אין דער שטיל אזוי פיעל אויפטהון, אזוי פיעל לערנען, לייענען און טראכטען... און שפעטער — ענדיגט מאניע — איז דאך בכלל אזא... שענדליכע ארבייט...

— אפשר זענט איהר גערעכט, האט סערגיי איראניש ארויסגערעדט: מיר וועלען לעבען, וועלען מיר זעהן...

מעהר האט מאניע ניט געקאנט ענטפערן און אין צימער איז, ווי פריהער, ווידער שטיל געווארען. ביידע האבען זיי בעת מעשה געפיהלט די שווערקייט פון זייער שווייגען און ביידע האבען זיי אין דערזעלבער וויילע אזוי ווי מודה געווען, אז רייד'ן פיעל איז דא טאקע אין דער אמת'ן גיט א איבער וואס, אז אלין איז דא דוכט זיך, אזוי פערשטענדליך, אזוי קלאר און דייטליך, אז אבנארען זיך וועט זיך אלץ איינס ניט איינגעבען, אז אויב מען וועט היינט א סך ריידען, וועט אויף שפעטער ניט בלייבען, אז עס איז ניט גוט — און ווייטער גאר...

— לאמיר נאר א ווייל ארויסגעהן בעקוקען אונזער ליעבע „רעזידענץ“, האט סערגיי שמייכלענדיג איבערגעריסען דאס שווייגען: פריהער, שפעטער, זעהן עס דארפט איהר דאך...

זיי האבען זיך ביידע ווארים אנגעטהון און זענען שווייגענדיג באלד צוזאמען ארויס. אין דרויסען איז געווען שטיל און עס האט זיך דייטליך געהערט דאס סקריפען פון זייערע ביידענס טריט. סערגיי איז געגאנגען שטארק פערקלערט, קוקענדיג אלץ

פאראויס אין דער ווייטענס און ער האט דערביי אינטערגעפייפט עפיס א הילדע ארטיגע מעלאדיע, און מאניע, ווי טוליענדיג זיך אליין נעהענטער צו סערגייען, האט הורכאויס נור בעהאלטען די נאז פונ'ם גרויסען פראסט. אז זיי זענען דערגאנגען ביז צום צווייטען עק דארף, האט זיך דארט נעבען א קליין נידעריג הייזעל א הונד מיט אמאל שטארק צובילען אויף זיי, און עפיס גארניט ווילענדיג האט מאניע איהם געפרעגט: „ווער וואוינט דאס דא אין דעם שטיבעל?“ — „א, אין דעם שטיבעל? האט זיך סערגיי, א דאפ געטהון: איך קאן אייך זאגען, איך ווייס: דא וואוינט ניקיטא טראפימאוויטש, א פראוואסלאוונער פויער, וועלכער אקערט די ערד, האקט דעם וואלד, טרינקט בראנפען, היכערט פאסטען נאך אין שלאגט דאס ווייב — ווייסט איהר שוין?... און דאס — רעדט ווייטער סערגיי, אנווייזענדיג אויף עפיס א נ'אלטען בנין מיט א פאר איבערגעפילטע צלמים — דאס איז אונזער מקום־קדוש, איך בעט איבער אייער כבוד... וואס זאגט איהר עפיס — ניטא זיך וואס צו שעמען מיט אונזער הלק, הא?“...

באלד האבען זיי ווידער ביידע געשוויגען. סערגיי האט פון דאס ניי אינטערגעפייפט זיין פריהערדיגע ווילדע מעלאדיע, און מאניע האט זיך עפיס מיט אמאל ערנסט פערקלערט וועגען סערגייען. אין דער ווייליע האט נאך מאניע אליין ניט גוט פער־שטאנען, וואס פאר א מין הבר זי האט דא געטראפען; זי האט נור געפיהלט אין דער רגע, אז עפיס האט זי פאר איהם שטארק מורא, און אין דערזעלבער צייט וואלט זי איהם פונדעסטוועגען אויף א צווייטען, הייסט זיך, ניט אויס־געביטען... און טראכטענדיג אזוי וועגען זיך, וועגען איהם און וועגען זיי ביידען, איז מאניען פליצלונג איינגעפאלען געהן זו־כען א בעזונדער צימער פאר זיך...

אין דעמזעלבען טאג טאקע האט מאניע אבגעדונגען א בע־זונדער הדר. דעם גאנצען טאג ביז שפעט אין אהענד אריין איז זי הורכאויס פערנומען געוועזען מיט'ן איינארדנען זיך אויף איהר נייער וואוינונג. מאניע האט פונאנדערגעפאקט איהר גרויסען קארב מיט זאכען, וועלכע זי האט מיט זיך געבראכט, און בעטראכטענ־דיג יעדען בגד בעזונדער, האט זי עס פארזיכטיג צוהאנגען אויף דער וואנד. בעת־מעשה האט זיך אפילו צו מאניען פארגנבעט א געדאנק: „וועמען וועל איך דאס אלץ אנטהון? פאר וועמען איז דא

פֿאַרדאַן זיך צו פֿיצען?״... אָבער מאַניע האָט אויף דאָסמאָל די אײַנגענאַהמטע מחשבה גרינג אַראָבגעשלינגען און האָט איהר אַרבײַט ווײַטער געטהון. זי האָט אײנציגווײַז אַרויסגענומען די ביכער פֿונ׳ם קאָרב און האָט דאָס אַלץ צולעגט אויף אַ קלײן זײַטיג טישעל, איבערקוקענדיג דאָס פֿאָדער־בלאַט פֿון יעדען ספֿר באַזונדער. צום סוף האָט זיך מאַניע גענומען צו איהרע אַלערלײאיגע פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער פֿון איהרע פֿיעל פֿערשידענע פֿרײַנד, חברים און גוטע בעקאַנטע און האָט זײ מיט ליעבשאַפֿט אײַנגעאָרדענט אויף איהר „שרײַב־טיש״. און עפּיס אַזוי אַנגענעהם, אַזוי בעקוועם האָט מאַניען בעת מעשה אויסגעזעהן דאָס צימער, אַז זי האָט אין יענער ווײַלע נור געוואונשען, סערגײ זאָל זיך מעהר ניט אַ ביסעל אַנדערש האַלטען, און דאַן וועט דאָ גאָר ניט אַזוי איבעריגס שלעכט זײַן...

שפּעט בײַ־נאַכט האָט זיך מאַניע האַלב־צופֿריעדען געלעגט־שלאָפֿען, און ליעגענדיג שוין אויפֿ׳ן בעטיל, האָט זי נאָך לאַנג־לאַנג געטראַכט הורכאויס טאַקע וועגען סערגײ׳ען, וועגען דעם, אַז מאָרגען וועט זי מיט איהם אַ סך רײדען, זי וועט איהם געבען צו פֿערשטעהן, אַז דאָ אין דער שטיל אין רוהיגקײַט קאָן מען גוט און וויכטיג אויסנוצען די צײַט: מען לערנט, מען לײענט, מען טראַכט... אַז זאַלבענאַנד איז בכלל גאָר ניט שרעקליך — מען איז שטענדיג צוזאַמען, מען דערצעהלט, מען רעדט, מען לאַכט — מען איז דאָך עפּיס ניט אַלײן. און מאַניע איז זיכער געוועזען, אַז איהרע רייד וועלען געוויס העלפֿען, אַז סערגײ וועט באַלד אָנהויבען לעבען רוהיגער, רײנער און נוצליכער און אַז בכלל וועט מען דאָ קאָנען פֿיהלען זיך ניט שלעכט. און בײַ אַזוינע פֿרעהליכע געדאַנקען איז מאַניע אין איהר חלומות־וועלט אַריבער.

סערגײ אָבער האָט זיך אין דעם אָווענד געפֿיהלט נאָך פֿיעל ערגער, פֿיעל שווערער ווי געוועהנליך, און זײַן שווערע אויפֿגערעגטע שטימונג האָט ער אויסגעדריקט נור דערמיט, וואָס ער האָט דעם גאַנצען אָווענד גערויכערט און גערויכערט, און ווידער גערויכערט... און געפֿיהלט האָט זיך סערגײ אַזוי שלעכט דערפֿאַר, ווײַל ער האָט גוט געוואוסט, אַז אַזוינע מײדלעך, ווי די מאַניע, ווערען דאָ אין די דערפֿלעך באַלד צובראָכען און צוקאַליעטשעט, אַז אַזוינע מײדלעך האָבען נור ליעב שטענדיג רײדען פֿון גרויסע מענשען, פֿון הויכע זאַכען, וועגען וועלכע זײ האָבען

דאס הויב קיין שום בעגריף ניט; אז איביג בענקען זיי נור און איביג מאהנען זיי עפּיס ביי דער גאנצער וועלט; אז אזוינע מיידלעך פערמאגען אהן א שיעור טרעהרען און טענות און האבען שטענדיג פיינט א געזונדטען, א נארמאלען מענשען; אז אזוינע מיידלעך דארפען גאר און דער-היים זיין...

שטארקער ווי אלע מאל האט זיך איצט סערגייען פער-וואלט אנטלויפען פון דאנען און ניט אנקוקען מעהר די אויסגע-מאטערטע, נערוועזע מאניען, ניט ריידען מיט איהר וועגען לאנג-בעוואוסטע זאכען, ניט אויסהערען מעהר איהר בעל-הבית'שען מוסר און ניט זעהן ציטערנדיג איהר פערשוואלענעם פּנים...

„לויפען וואו די אויגען וועלען טראגען!“ — האט סערגיי ערנסט א טראכט געטהון. אבער ער האט זיך תכף דערמאהנט, אז ס'מוז נאך א ביסעל דויערן, אז ער מוז נאך ווארטען אויף א בריעף, אויף געלד, אויף פּאפּירען, אז סתם לויפען — איז עפּיס אויך קיין חשבון ניט.

אויף מארגען גאנץ פריה, אז סערגיי איז אויפגעשטאנען און האט אריינגעקוקט אין זיין קליין פענסטערל פונ'ם צימער, האט ער דערזעהן, ווי בעקאנטע דארפישע פייערים געהען אין וואלד אריין אויף געיעג. סערגייען האט זיך אין דער ווייל עפּיס אזוי שטארק פערוואלט אוועקגעהן היינט פון דארף, אז גארניט טראכטענדיג האט ער באלד אנגעטהון זיין קורץ ווארים פעלציל, זיין הויכע האהריגע מאפּאכע, און אראבגעכאפּט פלינק די ביקס פון וואנד, איז ער צוזאמען מיט די פייערים אין וואלד אוועק.

סערגיי האט אפילו געפיהלט בעת-מעשה, אז ער טהוט א שטיקעל עולה געגען מאניען, אז זי וועט דארט הרגענ'ען ווארטען אויף איהם און אז ס'איז טאקע אין דער אמת'ן שרעקליך איבער-צובלייבען איינע אליין אין א קליין פרעמד דערפיל. דאך אבער האט סערגיי מיט זיך גארנישט געקאנט מאכען, און מאניע איז אויף א גאנצען מעת-לעת אליין געבליבען.

אז מאניע האט זיך דערוואוסט פון סערגיי'ס אוועקגעהן, האט עס איהר בעת-מעשה פערדראסען ביז צו טרעהרען; און וויפיעל מאניע האט זיך ניט געסטארעט פערגעסען דאס האטש אויף א ווייל, האט זי בשום אופן עס ניט געקאנט. „און אז מען בלייבט אמאל אליין אויף א טאג — וואס איז די געפאהר?“ —

האָט מאַניע אַליין זיך געפּרוּווט בערוהיגען — זי קאָן דאָך ניט זיצען איביג נור נעבען מיר"... עס האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפען. מאַניע האָט זיך דעם גאַנצען טאָג פאַר קיין שום אַרבייט ניט געקאָנט נעהמען; ווי אין אַ שטייגעל, איז די כסדר אַרומגעפלויגען איבער'ן צימער און האָט זיך קיין אָרט ניט געפינען. „מען קאָן דאָך עפּיס לייענען דערווייל" — האָט מאַניע אויף אַ נייע אַ טראַכט געטהון, דערמאָהנענדיג זיך איהרע שטענדיגע חשבונות. נאָר אידער מאַניע האָט נאָך דאָס בוך אין האַנד גענומען, האָט זי שוין געפיהלט, אַז זי קאָן אַפּילו צו איהם נאָהנט ניט צוטרעטען... מאַניע האָט זיך געפיהלט שטאַרק בעליידיגט. מאַניען איז טרויעריג אויף'ן האַרצען געוועזען, און דעם גאַנצען מעת-לעת האָט זי געבענקט נאָך עפּיס אונדייטליכעס, נאָך עפּיס אַזוינס, וואָס זאָל איהר קאָנען גוט פערשטעהן, גוט מיטפיהלען און ווייך, פּאַרטיכטיג טרייסטען זי. און אַזוי שטאַרק האָט עס מאַניען געדריקט און וועה געטהון, אַז פון וואָס נור זי האָט ניט אָנגעהויבען טראַכטען פאַר דעם גאַנצען טאָג, קומט זי אַלץ צו איין און דעמזעלבען געדאַנק, צו איין און דעמזעלבען בעשלוס:

— ניטאָ, ניטאָ קיין ליעבע מענשען אויף דער וועלט — ניטאָ!...

אויף'ן אַנדער טאָג — שוין פאַר-נאַכטליך — איז סערגיי, גלייך פון וואַלד, געקומען צו מאַניען. דאָס פּנים זיינס איז געוועזען פריש, געזונד און פערפראָרען, און מיט זיין אַריינקומען איז אויך די גאַנצע לופט אין צימער פיעל געזינטער, פיעל פרישער געוואָרען. סערגיי האָט נור אַ קוק געטהון אויף מאַניען און ער האָט באַלד פערשטאַנען און דערפיהלט, אַז זי האָט זעהר פיעל איבערגעלעבט פאַר דעם טאָג צייט, און עפּיס איז איהם מיט אַמאָל שווער געוואָרען קוקען איהר גלייך אין די אויגען. סערגיי האָט זיך דערווייל אָנגעהויבען לאַנגזאַם פונאַנדערטהון און בעת-מעשה האָט ער פאַר זיך נור געטראַכט פון וואָס אָנצוהויבען ריידען מיט מאַניען, מיט וואָס ער זאָל זיך צו איהר ווענדען.

— וואָס מאַכט איהר עפּיס, מאַריאַ יאַקאָװלעװנאַ? האָט סערגיי באַלד געפרעגט, רייבענדיג דערביי זיינע רויטע אָנגעפראָרענע הענד: האָט איהר עפּיס גוט געשלאָפען — די פערגאַנגענע נאַכט?...

— אומעטיג אַליין, סערגיי פּאַװלאָװיטש, אומעטיג, האָט מאַניע מיט פולע אויגען טרעהרען געענטפערט: גוט, וואָס איהר

זענט געקומען, סערגיי פּאַוולאָוויטש... אומעטום אַליין...

מאַניע האָט זיך געוואָלט אין דער ווײַלע זעהר אַ סך אַרויסזאָגען סערגייען, אָבער ריידען פֿיעל האָט זי איצט ניט געקאָנט, ווײַל מאַניע האָט געפֿיהלט, אַז ווי נור זי וועט אָנהויבען ריידען, וועט זי באַלד געוויס צעוויינען זיך אויפֿ'ן קול. מאַניע האָט באַלד געבראַכט אַ הייסען סאַמאָוואַר פֿאַר סערגייען און אַליין האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגען איהם מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ. סערגיי האָט געטרונקען איין גלאָז טהיי נאָך דעם אַנדערן און האָט דערבײַ אונטערגעפּייפֿט זײַן שטענדיגע ווילדע מעלאָדיע, וואָס מאַניע האָט זעהר ניט ליעב געהאַט; און בײַם שטאַרקסטען פֿערלאַנג זיך גוט דורכצורײדען היינט מיט סערגייען, האָט מאַניע פֿינדעסטוועגען מיט דער צונג ניט איבערגעקעהרט. נאָר אַז סערגיי האָט זיך שוין צוגעקליבען צום אַוועקגעהן, האָט מאַניע אײַלענדיג איהם געפֿרעגט:

— זאָגט מיר, סערגיי פּאַוולאָוויטש, איז דאָ ערגיץ פֿאַרהאַן נאָהענט אַ פּאָסט? איך דאַרף אין גיכען בעקומען אַ נויטיגען בריעף

— וואו איז די פּאָסט?...

— בערען זענען דאָ נור פֿאַרהאַן אין די וועלדער, מײַן פֿרײַנד, און פּויערים אויך אין בערישע פּעלצען — אָט דאָס איז גאָר... שוין דריטער מאָנאַט בין איך דאָ — ענדיגט סערגיי — און קיין בריעף האָב איך נאָך אַ דאַנק גאָט ניט געהאַט: סיוועט אפשר אָנקומען ווען עס איז — עמיצער וועט מסתמא איבערלייענען...

סערגיי איז באַלד אַוועק מיט אַ גאַנצען צעהנדליג געשאָסענע פֿויגלען צו זיך אַהיים און אַלץ, וואָס מאַניע האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט אַרויסזאָגען פֿאַר איהם, איז עס ווי אַ משא געבליבען ליעגען, שווער דריקענדיג איהר האַרצען. און וואָס ווײַטער, אַלץ מעהר האָט מאַניע געהאַט איהם וואָס צו זאָגען, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרען איהר פֿערדרוס, אַלץ טיעפֿער די בעליידיגונג און אַלץ שווערער איז איהר געוואָרען מיט ווערטער עס אויסצודריקען. דאָך האָט מאַניע נאָך אַלץ געגלויבט, אַז זי דאַרף נור איין מאָל מעהר ניט קריגען די געלעגענהייט זיך גוט צוזאַמענריידען מיט סערגייען, און ער וועט אָהן צווייפֿעל אָנהויבען אַנדערש לעבען און אַנדערש פֿערהאַלטען זיך צו איהר, און אַז אַלענפֿאַלס וועט דאָס לעבען איהרס דאָ אין הײַזעל דעמאָלט ווערען ניט שרעקליך.

סערגיי אָבער האָט גאָר אַפֿילו ניט געטראַכט דערווייל וועגען איבערבייטען זיין איצטיגען אַרט לעבען, און בכלל האָט ער זעהר וועניג געפֿיהלט מאַניעס זיין מיט איהם אין דערפֿיל, און צייטענווייז האָט ער כמעט אינגאַנצען ווי פֿערגעסען זיך אָן איהר. ווי פֿריהער, פֿלעגט סערגיי גאַנץ אָפֿט פֿון דאָרף אַוועקגעהן אין, ווי פֿריהער, האָט ער אין זיינע שווערע מינוטען בראַנפֿען געטרונקען, און טאַקע אַ סך — ניט אויף געלעכטער... אַז סערגיי דערמאָהנט זיך צייטענווייז וועגען מאַניען, וועגען איהר שטענדיגען עלענד, פֿערדריסט עס איהם בעת־מעשה זעהר שטאַרק און ער הויבט דעמאָלט אָן אָפֿטער אַריינקומען צו איהר. אָבער די איינציגע שעה'ן, וואָס זיי פֿערברינגען שוין צוזאַמען, זענען עפּיס אַלע מאָל אַזוינע שווערע, שווייגענדיגע און אָנגעשטרענגטע, אַז ביידען איז דאַן פֿיעל ערגער, פֿיעל שווערער ווי געוועהנליך און ביידען ווילט זיך וואָס גיכער בלייבען אַליין... און האָטש מאַניע האָט נאָך גוט געדענקט די פֿינסטערע צייטען פֿון איהר טורמע־לעבען, דאָך האָט זי איהר איצטיגען צושטאַנד געהאַלטען פֿאַר פֿיעל שרעקליכער, און גאָרניט זעלטען פֿלעגט זי מיט טרעהרען אויף די אויגען דערמאָהנען איהרע אַמאָליגע טורמע־חברים, וועלכע זי האָט דעמאָלט שטענדיג געפֿיהלט אויף יענער זייט וואַנד און מיט וועלכע זי האָט אַלע מאָל — האָטש אין מיטען דער־נאַכט — געקאָנט מיט די פֿינגער צוזאַמענריידען זיך... אָט אַזוי האָט זיך דאָ פֿאַר מאַניען אָנגעהויבען אַ לעבען פֿון שטענדיגער האַרץ־קלעמעניש, אויפֿרעגונג און ביטערער איינזאַמקייט.

אויפֿשטעהענדיג אין דער־פֿריה, האָט שוין מאַניע באַלד אָנגעהויבען פֿיהלען די פּוסטקייט, די ליידיגקייט פֿון דעם אָנקומענדען טאָג, און אַזוי טרויעריג, אַזוי המאַרנע ווערט איהר באַלד אויף דער נשמה, ווי עפּיס אַ שווערער שוואַרצער וואָלקען וואָלט איהר אומעטום בעגלייטען, מאַניע סטאַרעט זיך טהון אַלץ לאַנגזאַם, פּאַמעליך, עס זאָל וואָס לענגער דויערן, וואָס מעהר צייט אָבנעהמען. אָבער נאָך אַלע מאַטערניש בלייבט איהר נאָך אַלץ איבער אַ גרויס שטיק טאָג און אַ לאַנגער, אַ פּוסטער, אומעטיגער ווינטער־אָווענד. מאַניע פֿלעגט זיך אַזוי אָנהויבען ביסלעכווייז אַרומדרעהען איבער איהר צימער, ניט האָבענדיג וואו אַהינצוטהון דעם אייגענעם גוף, און בשום אופֿן קאָן זי ניט אויסטראַכטען עפּיס אַן אַרבייט פֿאַר זיך. גאַנץ אָפֿט פֿלעגט מאַניע אַליין זיך פֿרע־

יען מיט פערדהיים: „פארוואס לערען איך עפּיס אין דער אמת'ן ניט? דא איז דאך אזוי שטיל, אזוי רוהיג... פארוואס ליגען איך גארניסט און האלט גאר שטענדיג אין איין טראכטען, און איין בענקען?" און אלע מאל פלעגט ביי איהר פעסט בלייבען, אז מארגען וועט זי שוין ניט אנדערש נעהמען זיך פאר די ביכער, אז באלד אין דער-פריה וועט זי לערנען איין זאך, דערנאך וועט זי אביסעל ליינען, אביסעל שרייבען און אין אווענד וועט זי ווידער לערנען עפּיס אנייע זאך... ביי אזעלכע מחשבות האט מאניע אלע מאל גאר פערגעסען זיך אויף אוויילע, וואו זי איז אין דער וועלט; זי פלעגט גאר אויפהערען אויף א רגע פיהלען איהר איינזאמקייט און זי האט זיך דאן נור פארגעשטעלט, ווי אין אקורצע צייט ארום וועט זי שוין האבען הונדערטער אזוי פיעל זאכען, איבערגעלייענט אזוי פיעל שווערע און וויכטיגע ביכער, אז אמענש דארף בכלל קיין „שמאטע" ניט זיין — מען דארף נור קאנען אליין זיך אין די הענד ארייננעהמען, און אי-מעטום קאן זיין גוט...

ווען מאניע אבער האט זיך אויף מארגען פריה און דערמאהנט זיך באלד, וואו זי איז אין דער וועלט און וואס פאר א טאג ס'קומט אן פאר איהר, אז זי איז אזוי ווייט פון אמת'ן לעבען, פון מענשען און פון פערגניגען; אז דער איינציגער חבר, דער איינציגער לעבעדיגער מענש איז דא דער בעוואקסענער שוויי-גענדיגער סערגיי — אי דאס קומט ער צו איהר אזוי זעלטען; אז דער היינט איז אזוי שרעקליך ענליך אויף דעם נעכטען און מסתמא אויך אויף דעם מארגען; אז אלץ ארום איז עפּיס אזוי קאלט, אזוי שווייגענדיג, אזוי טרויקען און טויט — בעפאלט תיכף מאניען אזא אומעט, אזא אבהענדיגקייט, דאס איהר ווילט זיך דעמאלט גאר פון בעטיל ניט אויפהויבען. מאניע נודעט זיך טאקע באלד איין גאר פון דאס ניי אין איהר קאלדרע, ווי וועלענדיג זיך אליין איינשלעפערען אויף גאנצע וואכען, חדשים און אפשר טאקע אויף יאהרען... און אז מאניע דערמאהנט זיך פלוצלונג אן איהרע נעכטיגע פלענער וועגען איהרע לימודים, וועגען לער-נען, וועגען ליינען פיעל, טהוט זי באלד נעהמען א טרייסעל מיט'ן קאפ, ווי זי וואלט דערמיט וועלען זיך אליין פערטימלען — בעסער ניט קלערען, ניט טראכטען וועגען דעם... און אזעלכע טעג האט זיך דאס רוב מאניע אים ניט קוקען אין די זייט, וואו די

בּיכער ליגען, און אַז ניט ווילענדיג שטעלט זיך אָב איהר אויג אויף וועלכען ס'איז ספר, ווערט מאַניע באַלד בלאַס, ווי די וואַנד, פֿיהלענדיג בעת־מעשה די אייגענע שוואַכקייט...

פֿאַר איבערהויפּט האָט זיך מאַניע שלעכט געפֿיהלט אַלע מאָל פֿאַר־נאַכט. אין די אומעטיג איינזאַמע בין־השמשות'ן פֿלעגט זי זיך ווי אויף להכעיס אַלע מאָל דערמאָהנען אָן איהרע קינדער־יאָהרען, איהר היים, איהרע אַמאָליגע קליינינקע חבֿרטעס, אָן דעם טאַטען, מאַמען, און יעדע ערינערונג פֿלעגט זיך ווי אַ שטיין אַוועקלעגען אויף איהר פֿערוועהטאָגט הארץ. אַ שרעקליכע בענקעניש פֿלעגט דערמאָלט אַרומנעהמען איהר גאַנצען מהות, און בעת־מעשה האָט מאַניע אַלע מאָל געפֿיהלט — האָטש זי האָט עס זיך קיינמאָל ניט מודה געוועזען — עפּיס אַ שטיקעל חרטה, דאָס הייסט: עלטערן זענען אויך אַמאָל גערעכט... אָבער ענדיגען פֿלעגען זיך אַלע מאָל איהרע געדאַנקען דערמיט, אַז ווען סערגיי זאָל איצט אַריינקומען צו איהר, וואָלט דאָך גוט געוועזען — דאָך איז ער אַנ'אייגענער מענש, אַ חבֿר, אַ אינטעליגענט...

אין איינעם פֿון אַזוינע שווערע יאַש'דיגע פֿאַרנאַכטען איז טאַקע גראָד סערגיי אָנגעגאַנגען. דאָס פּנים איז ביי איהם דאָס־מאָל געוועזען פֿרעהליך־אויפֿגערעגט, די אויגען זיינע האָבען געקוקט עפּיס זעלטען טריי און ערענטליך, און עפּיס איז ער אין־גאַנצען היינט געוועזען גאָרניט דערזעלבער סערגיי. ער האָט באַלד אַראָבגעוואָרפֿען פֿון זיך דעם פּעלץ מיט'ן היטעל, און מיט עפּיס אַנ'אויסערגעוועהנליכער פֿריינדליכקייט האָט ער זיך צוגעזעצט נאָהענט נעבען מאַניען. מאַניע האָט טאַקע באַלד דערפֿיהלט זיין היינטיגע ווייכע און ניט־געוועהנליכע שטימונג, און דאָס הארץ האָט זיך ביי איהר תּכף עפּיס אַ מאָדנעם צאַפּעל געטהון...

— וואָס זענט איהר, חבֿרטע, אַזוי פֿערטראַכט, אַזוי פֿער־אומערט? האָט סערגיי זיך באַלד צו איהר געווענדט, נעהמענדיג זי פֿאַרזיכטיג פֿאַר אַ האַנד: וואָס וועט איהר דאָ, מיינט איהר, אויסקלערען, וואָס וועט איהר דאָ געטראַכטען? טהוט בעסער, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ, איידער טראַכטען — אָט טאַקע אַזוי ווי איך טהו... אַ שעה לעבען, פֿערשטעהט איהר מיר, איז אויך גוט... איהר קאָנט דאָך דאָ אויף אַזאַ אופֿן פּראָסט פֿון זינען אַראָב...

לכתחילה האָט מאַניע בשום אופֿן ניט פֿערשטאַנען, וואָס אונס סערגיי איז דאָ אויסען איהר צו זאָגען, און וואָס בעשטעהט

זיין גוטע עצה און וואס מיינט ער מיט דעם „איין שעה" לעבען. נאר, אז סערגיי האט זיך באלד ווידער צורעדט, האט מאניע ערשט דעמאלט דערהערט א שטארקען ריח פון פראסטען בראנ־פען, און זי האט באלד האלב־דערשראקען ארויסגערעדט: „לעגט זיך דא צו א ביסעל אפרוהען, סערגיי פאולאוויטש; איהר זענט דאך אזוי פערמאטערט, אזוי אויפגערעגט"...

סערגיי האט אין דערזעלבער רגע בעדייטענד אריינגעקוקט מאניען גלייך אין די אויגען אריין, און מיט עפיס א קראנקען שמייכעל אויף די ליפען האט ער שטיל געזאגט:

— איך בין ניט שכור, מאריא יאקאולעוונא — איך ווייס נאך דערווייל, וואו איך בין אין דער וועלט — נאך צו־גוט ווייס איך עס... מיר איז נאר איצט א ביסעלע גרינגער צו לעבען... אין דער־פריה היינט איז געוועזען, מאריא יאקאולעוונא, ניט גוט, אבער טאקע גאר־גאר ניט גוט!...

— ניין, סערגיי פאולאוויטש, האט מאניע זיך רחמים גע־בעטען: דאס ניט — מיר זענען דאך וואלבענאנע, ביכער זענען פאר־האן, מען קאן לעבען אהן שכרות אויך... איהר דארפט נור ניט אויסקעהן, ניט בלייבען אליין און מיך אויך ניט איבערלאזען אליין אינים פערפלוכטען דערפיל...

ביידע זענען זיי באלד אנטשוויגען געווארען און ביידע האבען בעת־מעשה געפיהלט עפיס א מין רחמנות, אנגעלענט איי־נער צום אנדערן...

דאס רוב אבער פלעגט קיינער צו איהר ניט קומען, און איהרע מחשבות און עראינערונגען הויבען זיך ווידער אן פון דאס ניי. און אז זי דערמאהנט זיך ווידער אן סערגייען, פערטראכט זי זיך באלד מיט פערדרוס וועגען זיין ארט לעבען, אז ער לעבט אזוי שמוציג, אזוי ניט ארענטליך, אז ער טרינקט זיך אן און לאזט זיך אוועק איבער'ן דארף... און מאניע האט עס איהם בשום אופן ניט געקאנט מוחל זיין, ווייל זי האט נאך אלץ געגלויבט אין עפיס „אנאמת". זי האט נור ליעב געהאט גוטע און ערנסטע ביכער, ליעב געהאט איהרע פריינד, בעקאנטע און חברים, ליעב געהאט די גאנצע מענשהייט און ווייטער קיינעם ניט... בכלל האט נאך מאניע ביז איצט קיינמאל ניט געטראכט פון אזוינע אומ־שטענדען, וועלכע קאנען ברינגען צו שלעכטע מחשבות, צו מיאוסע מעשים, און מיט גאר די כוחות, און אויפמערקזאמקייט האט זי

שטענדיג געהיט איהר ריינקייט און אונשולדיגקייט. און אַלע מאָל, ווען מאַניע דערמאָהנט זיך, אַז סערגיי איז אין דעם פּרט אַזוי זינ־דיג, פֿיהלט זי צו איהם דעמאָלט אַזאַ האַס, אַזאַ שנאה, אַז דאָס ברענגט איהר דאָס רוב צו היסטערישע קולות, צו ווילדע גע־שרייען. אָבער מעהר ווי די ווענד פֿון צימער האָבען עס קיינמאָל ניט געהערט, און סערגיי האָט זיין לעבען צוליעב דעם ניט גע־ענדערט...

סערגיי, פֿון זיין זייט, האָט גאַנץ גוט פֿערשטאַנען, ווי מאַניע טראַכט וועגען איהם, און צייטענווייז האָט זיך איהם גע־וואָלט רעדען מיט איהר וועגען דעם, דערווייזען איהר, אַז ער איז גערעכט, זי איז אויך גערעכט — אַז אַלע זענען גערעכט... אָבער ער דערמאָהנט זיך באַלד, אַז מאַניע וועט אַליין איינס בלייבען ביי דאָס איהריגע, אַז זאָל זי טאַקע זיין וואָס זי איז, אַז נאָך איין וואָך, אַ צווייטע — און זיי צופֿליהען זיך אין פֿערשיעדענע זייטען.

אָט אַזוי זענען טעג און וואָכען פֿאַרביינגעגאַנגען, און מאַניעס פֿערצווייפֿלונג איז ווי אַ באַרג ביי איהר אין האַרצען געוואַקסען. זעהענדיג צייטענווייז סערגיי'ס געזונד אויסזעהן, זיינע פֿעסטע און זיכערע טריט, זיין אייביג אויסגעהאַלטענע קאַלטקייט און וויסענ־דיג, אַז סערגיי פֿיהלט גאָר כמעט ניט קיין אָבקומעניש דאָ אין דערפֿיל — פֿלעגט מאַניען אָפטמאָל אַרויפֿקומען אויפֿ'ן געדאַנק זיין שטענדיגע עצה — אַיינ'שפּירן זיך אַ ביסעל... אָבער אַלע מאָל האָט מאַניע אַנ'אומעטיגע, אַ צוטראָגענע, פֿערטריבען פֿון זיך אַזוינע מחשבות און פֿלעגט בלייבען אין דער פֿריהערדיגער פֿערצווייפֿלונג.

איינמאָל אָבער אין אַ שלעכטען, אַ שווערען ווינטער־אָווענד, ווען מאַניע האָט שוין אַלע איהרע געוועהנליכע אַרבייט אָב־געטהון: געטראַכט וועגען דער־היים, וועגען דער פֿרייער וועלט, וועגען בעקאַנטע, וועגען „לויפֿען“, וועגען סערגיי'ען, געלעגען אין בעטיל, געלאָפֿען איבער'ן צימער, געמאַכט דעם סאַמאָוואַר, איהם אַ צווייטעס מאָל געוואַרימט, געקוקט אין אַ ביכעל, געשטאַנען ביים פֿענסטער, ווידער געלאָפֿען איבער'ן צימער, ווידער געפּרובט זיך לעגען און ווידער געמוזט פֿון בעטיל אַראָב — איז מאַניע פּלוצלונג, אין אַ פּאַטשיילע פֿערוויקעלט, האַסטיג פֿון שטוב אַרויסגעלאָפֿען, און אַז זי האָט זיך אין אַ ווייל'ע אַרום צוריק אומגעקעהרט, איז זי געוועזען רויט און צוקאָכט און האָט אַ פֿלעשיל בראַנפֿען אין דער האַנד געהאַלטען... מאַניע האָט זיך תיכף דאָס בעטיל אויסגעבעט,

זיך אינגאַנצען פֿונאַנדערגעטהון, און זיצענדיג האַלב נאַקעט אויפֿ'ן געלעגער, האָט זי מיט פֿעסט־פֿערמאַכטע אויגען פֿונ'ם פֿלעשיל אין מויל געגאָסען...

איך מאָרגען האָט זיך מאַניע אויפֿגעכאַפּט מיט אַ שווערען קאָפּ־ווייטאָג און מיט אַ שטאַרקער נודנעקייט. אַז זי איז אַ פּאָר מאָל דאָס צימער דורכגעגאַנגען, האָט איהר באַלד אָנגעהויבען וואַרפֿען אין קעלט און הויפֿען צום ברעכען. מאַניע האָט זיך באַלד ווידער אין בעטיל געלעגט, און איינדעקענדיג זיך מיט גאָר איהרע בגדים, האָט איהר באַלד אַרומגעהאַפּט אַ שווערער קאָשמאַרען־שלאָף. ווען זי האָט זיך שפּעט אין אָווענד ערוואַכט אַ ניכטערע און האָט זיך דערמאָהנט, וואָס זי האָט אַזוינס געטהון און און וואָס פֿאַר אַ צושטאַנד זי האָט זיך געפֿינען — זענען באַלד איהרע אויגען פֿול טרעהרען געוואָרען און די גאַנצע נאַכט האָט זי אין וויינען און יאָמערן פֿערבראַכט; און געטרייסט האָט זיך מאַניע נור מיט דעם, אַז מעהר וועט אַזוינס מיט איהר געוויס קיינמאָל ניט טרעפֿען, אַז זי האָט עס נור איין מאָל געטריבען און ווייסט, אַז דאָס טויג ניט, אַז דאָס לוינט ניט און אַז סערגיי וועט זיך פֿון דעם ניט דערוויסען... אָבער וויפֿיעל מאַניע האָט זיך ניט געשטאַרקט מעהר קיינמאָל ניט צו טרינקען, האָט זי דאָך אין אייניגע טעג אַרום אַ נייע פֿלעשיל געקויפֿט, און אַז עס האָט זיך געענדיגט, האָט שוין מאַניע געקויפֿט און געקויפֿט... מאַניע פֿלעגט וויינען, וואָס זי טרינקט, און פֿלעגט ווידער טרינקען, און אין איהר שכּור'ן האָט זיך געפֿיהלט עפּיס אַ מין להכעיס דער גאַנצער וועלט: דעם טאַטען, דער מאַמען, די חברים, סערגיי'ען — זאָלען זיי וויסען...

---

ס'איז געוועזען שפּעט אין אָווענד. אין דער־פֿריה פֿונ'ם זעלבען טאָג האָט זיך מאַניע שטאַרק אָנגעזויפֿט מיט פּראָסטען בראַנפֿען און איהר שטימונג איז באַלד געוואָרען עפּיס אַ וועלטען־געהויבענע — אַזוינס, וואָס האָט מיט איהר פֿאַר די גאַנצע צייט גאָר קיינמאָל ניט געטראָפֿען. מאַניע האָט מיט זיך אַליין גערעדט, געלאַכט און האָט געטריבען אויסגעצען פֿערשידענע פֿרעהליכע מעלאָדיען. בכלל האָט מאַניע היינט אויסגעזעהן ניט געוועהנליך לעבעדיג, פֿריש, ווילד און פֿרעהליך, און דעם גאַנצען

טאָג האָט זי אַליין מיט זיך הורלאַיים געשטיפּט און חוצפּהדיג געשמייכעלט... פאַר־נאַכט איז מאַניע גאָר פּלוצלונג פון בעטיל אַראָבגעשפּרונגען און, ווילד־לאַכענדיג, האָט זי זיך אַ טענצעל אַוועק־געלאָזען... און אַז ס'איז אָווענד געוואָרען, האָט זי זיך מיט אַמאָל אָן סערגייען דערמאָהנט און אין קאָפּ האָבען איהר באַלד אָנגעהויבען קלאַפּען זיינע ווערטער: „מ'דאַרף לעבען, מ'דאַרף לעבען!“... דער גאַנצער קערפּער. האָט זיך ביי מאַניען אין יענער ווײַלע ווי מיט אַ פייער אָנגעצינדען און גאָר ניט ווילענדיג האָט זי דאַן נור געטראַכט, אַז מאַנסבילען איז בכלל בעסער... און אַז מאַניע האָט זיך שכור'ערהייד פערשעמט פאַר איהרע אייגענע מחשבות, האָט זי באַלד געהאַפּט און אויסגעטרונקען דאָס לעצ־טע ביסעל, וואָס ס'איז נאָך אין פלעשיל געבליבען. באַלד האָט זיך מאַניע אינגאַנצען פונאַנדערגעטהון און מיט אַ נאַקעטער ברוסט און הוילע הענד איז זי געבליבען ליגען אויפ'ן בעטיל. דאָס פּנים איז ביי איהר רויט געוועזען, די צייהן – פערדריקט, און אַלע ווײַלע האָט זי אַליץ מעהר די קאָלדרע פון זיך אַראָבגערוקט...

שטיל, פּאַמעליך איז דעמאָלט אין יענעם אָווענד סערגיי צו איהר אַריין און מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטהעם איז ער אָהן בעוועגונג אַ היבשע ווײַלע אין מיטען צימער שטעהן געבליבען. מאַניע אָבער האָט באַלד דערפיהלט סערגייען אין צימער און האָט איהם מיט אַ ווילדען פרעהליכען קול צו זיך גערופען. אַז סערגיי איז נאָהנט ביי איהר בעטיל געשטאַנען, האָט איהם מאַניע באַלד מיט איהרע הייסע, זויטיגע הענד אַרומגעהאַפּט און אָהן ווערטער האָט זי איהם צו זיך צוגעצויגען. און ביידע זענען באַלד אין אַ שכור'ן, פערכישופ'טען שווייגען אַריינגעפאַלען...

אַז מאַניע האָט זיך אויף מאָרגען אויפגעהאַפּט, איז איהר דייטליך געשטאַנען אין זכרון די פערגאַנגענע נאַכט. ס'איז איהר באַלד געוואָרען אייננ ביים האַלז, און מאַניען האָט זיך געדוכט, אַז זי פאַלט, פאַלט לאַנגזאַם אין אַ שוואַרצען טיעפען תהום. און אַז אַליץ, אַליץ איז פאַר איהר פערלאָרען...

TÜ RAAMATUKOGU
10300015021514